STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05733

OYFN VEG FUN DI GETER

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

אויפן וועג פון די געטער

הייליקע שריפטן און מיטאָלאָגישע געשיכטן
פון די עגיפּטער, הינדוסן, יאַפּאַנער
און אינדיאַנער

פאַרלאַג א. גיטלין

וואַרשע 1929

איבערזעצן, אָדער איבערדרוקן, דאָס בוך אינ־
גאַנצן, אָדער איינצעלע קאַפּיטלען, אָן דעם מחברס
דערלויבעניש, איז שטרענג פאַרבאָטן.

PRINTED in POLAND

COPYRIGHT by A. ALMI, 1929

Ojfn Weg fun dy Geter
A. ALMI
Wydaw. E. Gitlin

Druk B-ci FEDER, Warszawa, Franciszkanska 6.

אויפֿן וועג פֿון די געטער גייט דער מענטש,
זוכנדיק זיין אייגענעם וועג, כּדי זיך צו פֿאַר־
אייביקן אויף דער ערד.

אַ וואָרט צו די לייענער

איך האָב פאַר זיך געהאַט אַ גרויסן פּלאַן: אַן אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעס, אין דריי בענד, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלט-מצרים, אינדיע, יאַפּאַן, אַמעריקע (אינדיאַנער), בבל, גריכנלאַנד, רוים, אַראַביע און איראַן (פּערסיע).

איך האָב אָבער איינגעזען די שוועריקייטן, וואָס אַזאַ גרויס ווערק אויף יידיש וועט באַגעגענען, סיי ביים אַרויסגעבן און סיי ביים פאַרשפּרייטן, און כ'האָב דעריבער געענדערט דעם פּלאַן. אין דעם פאַרליגנדיקן בוך — פאַקטיש פיר ביכער אין איין באַנד — האָב איך זיך באַשרענקט אויף מצרים, אינדיע, יאַפּאַן און אַמעריקע; די אַנדערע טיילן פון דער אַרבעט וועלן אַ צייט שפּעטער פאַרעפנטלעכט ווערן, ווי באַזונדערע ווערק. אין דער ערשטער ריי וועט קומען „דער נביא פון איראַן", דאָס היסטאָרישע און לעגענדאַרישע אַרום זאַראַטוסטראַ און זיין לערע; איבערזעצונגען פון דער „זענד-אַוועסטאַ" און די „גאַטהאַס", ווי אויך אַן איבערבליק איבער דעם איינפלוס פון דער פּאַרסישער תורה אויף דער יידישער רעליגיע.

צו יעדער אָפּטיילונג — אָדער בוך — פון דעמדאָזיקן באַנד האָב איך צוגעגעבן אַ קורצן אַריינפיר, וואָס אַנטהאַלט אויך די בייטיקע דערקלערונגען; אָבער דער עיקר פון דעם ווערק איז ניט דער היסטאָרישער און עטנאָגראַפישער מאַטעריאַל, נאָר די

שאַפונגען פון די פעלקער גופא. דורך די מיטאָלאָגישע געשיכטן, תּפלות און לידער, וואָס די באַטרעפנדיקע פעלקער האָבן געשאַפן אין משך פון לאַנגע דורות, לאָז איך זיי אליין רעדן.

צום סוף פון דעם בוך ווען די לייענער געפינען אַ פולע ביבליאָגראַפיע פון די ווערק און מאַטעריאַלן, וואָס מיט זיי האָב איך זיך באַנוצט פאַר מיין אַרבעט. ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַזונדער באַדאַנקען מיינע פריינט פון דער „אָריענטאַלישער געזעלשאַפט" אין ניו-יאָרק פאַר זייערע פערזענלעכע אָנווייזונגען און פאַר דעם גרויסן אינטערעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו מיין אונטערנעמונג.

א. אלמי (א. ח. שעפּס)

א י נ ה אַ ל ט

בוך I

אין לאַנד פון די פּיראַמידן

זײַ׳

מצרים 11

אַרײַנפיר-דערקלערונגען 18

1. די אַנטדעקונגען פון פּטאַה-האָטעפּ . 28
2. דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קיניגין . 47
3. אָזירים 52
4. דאָס בוך פון טהאָטה . . . 63
5. די שלאַנגען פון איזיס . . . 75
6. דער נאָמען פון רא . . . 79
7. דאָס ביר פון העליאָפּאָליס . . 85
8. דעם קיניגס חלום . . . 91
9. א הימן צום איינציקן גאָט . . 95
10. טהאָטהס זעאונג 97
11. דאָס בוך פון די טויטע: . . 106

א. דער טויט קומט היינט צו מיר . 106
ב. א לויב-געזאַנג צו רא . . 107
ג. א לויב און א תפלה צו אָזירים . 109
ד. נשמה און גוף . . . 109
ה. וועגן נאַכט אין טהאָטה . 111
ו. פאַרוואַנדלונג אין א שוואַלב . 111
ז. פאַרוואַנדלונג אין א לאָטוס . 113
ח. פאַרוואַנדלונג אין א לאָטוס . 113
ט. פאַרוואַנדלונג אין א פאַלקע . 114

בוך II

ביי די ברעגן פון גאנגעס

	זייט
אינדיע (אריינפיר)	119
1. פון די וועדאס	127
א. באשאף . . .	127
ב. דער אנהייב . . .	130
ג. א געזאנג צו ווארונא . .	132
ד. א געזאנג צו אינדרא . .	133
ה. לויה-אפריכטן . . .	135
ו. בראהמינישע חכמה . . .	137
ז. פערזענלעכקייט . . .	138
ח. גוטע מחשבות . . .	138
ט. פינצטערע שאטנס . . .	139
י. דאס גליק פון גייסטיקן לעבן .	139
י״א. דער אייביקער עיקר . .	139
י״ב. באהערש די געדאנקען . .	140
2. פון בהאגאוואט-גיטא . . .	142
א. פרינץ ארדזשונא פרעגט . .	142
ב. קרישנא ענטפערט . . .	143
ג. די נשמה, וואס ווערט נישט גערירט.	143
ד. גייסטיק לעבן . . .	144
ה. דער פלאם פון וויסן . .	145
ו. קרישנא איז מגלה זיינע דערשיינונגען	147
ז. נידעריקע השגות . . .	148
ח. דער ניט-אנטפלעקטער . .	149
ט. העכערע דערשיינונגען . .	150
י. געטלעכע ליבע און רחמנות .	151

זייט
פון דער מאהא-בהאראטא . . 154
א. די טאגערן . . . 154
ב. ערדישע ליידנשאפט . 154
ג. נישט גענוג . . . 155
ד. דער נצחון איבער צער . . 156
ה. גליק 156
ו. זוכנדיק אמתע הערצן . . 157
ז. סאַוויטרים ליבע . . . 161
ח. די פינף פרינצן . . . 173
4. פון די אופאנישאדן 181
א. דער אומענדלעכער „איך" . 181
ב. א משל 182
ג. נשמה 183
ד. דאָס קינפטיקע לעבן . . 184
ה. געטריישאפט . . . 186
ו. דער אלהעכסטער . . 187

בוך III

אויף די יאפּאנישע אינזלען

יאפאן (אריינפיר) 191
1. דאָס לאנד יאָמי 198
2. סוסא, דער שטורמישער . . 204
3. דער גוטער דונער . . . 217
4. דער ווינט און די סאָסנע-צווייגן . . 224
5. די הימלישע ליבהאָבערס . . 232
6. די קיניגין פון די פייערפליגן . . 238
7. אוראשימא 242
8. דער זינג-פויגל פון הימל . . 250
9. דאָס לבנה-מיידל . . . 256

בוך IV

בײַ די שוועלן פֿון די וויגוואַמס

זײַט

ווער זענען די אינדיאַנער? (אַרײַנפֿיר) 265
1. די פֿינף וועלטן 269
א. דער ערשטער מאַנסביל און די ערשטע פֿרוי . 269
ב. דער גרויסער מבול 276
ג. די פֿינפֿטע וועלט 284
2. דער אָנהייב פֿון דער וועלט (איראָקוואַן־אינדיאַנער) . 289
3. דער אָנהייב פֿון דער וועלט (אַלגאָנקווין־אינדיאַנער) . 302
4. די גנבֿה פֿון פֿײַער 306
5. דער אָנהייב פֿון דער וועלט (אינדיאַנער פֿון גאָלף־ראַיאָן) 309
6. די מויער צום הימל 313
7. דער אָנהייב פֿון דער וועלט (פּימאַן־אינדיאַנער) . 314
8. דער אָנהייב פֿון דער וועלט (דרום־קאַליפֿאָרניע
און אָרעגאָן) . 318

בוך I

אין לאַנד פון די פּיראַמידן

סאָלדאטן, פערציק יאָרהונדערטער קוקן־אַראָפּ אויף
אייך פון דידאָזיקע פּיראמידן — נאַפּאָלעאָן

מצרים

אריינפיר=דערקלערונגען

1. די אָנווייזונגען פון פטאַה=האָטעפּ
2. דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קיניגין
3. אָזיריס
4. דאָס בוך פון טהאָטה
5. די שלאַנגען פון איזיס
6. דער נאָמען פון ראַ
7. דאָס ביר פון העליאָפּאָליס
8. דעם קיניגס חלום
9. אַ הימן צום איינציקן גאָט
10. טהאָטס זעאונג
11. דאָס בוך פון די טויטע

מצרים.

דאָס היסטאָרישע מצרים רעכנט זיך פון פינף טויזנט יאָר פאַר דער איצטיקער (קריסטלעכער) ערא; דאָס הייסט, אַז די האַנט פון דער געשיכטע גרייכט דאָרט אַזוי ווייט ווי ביז אַרום זיבן טויזנט יאָר צוריק. פריער, פאַר אָט דער אָנגעצייכנטער צייט, איז אַלצדינג פאַרהילט אין נעפּל פון לע-גענדע. אויך די זיבן טויזנט היסטאָרישע יאָר זענען נישט דורכאויס קלאָר, דורכאויס פעסטגעשטעלטער פאַקט, אָבער עס זענען דאָ דאַטן, מאָנומענטן, געשריבענער רעקאָרד, וואָס זע-נען געפאָרשט און דערוויזן געוואָרן פאַר היסטאָריש קאָרעקט, אָדער דאָ און דאָרט געלאָזן געוואָרן אונטער אַ פרעגצייכן.

ווען דער פאָרהאַנג פון מצרימס געשיכטע הויבט זיך אויף, געפינען מיר דעם ערשטן היסטאָרישן פרעה, מ ע מ ע ס (אָדער מענעס) אויפן טראָן. מיר דערזעען פאַר זיך אַ וווונ-דערלעך לאַנד, וואָס שעפּט שפע פון נילוס; אַ זאַט, פאַרבנ-רייך און לעבנסלוסטיק פאָלק, וואָס בויט אויס ריזיקע שטע־ט, מאַכטיקע פּיראַמידן, גיגאַנטישע טעמפּלען צו די הונדערטער געטער. זינט דער ערשטער דינאַסטיע, וואָס האָט רעגירט ביז

ארום 3700 פ. ק. *) גייט פאַר אונז פאַרביי אַ פרעה נאָך אַ פרעה; מיר זעען דעם פרעה קהופו, דעם „גרויסן בויער", וואָס האָט געבויט דעם ריזן-פּיראַמיד אין גיזע און וואָס די היסטאָריקער פאַררעכנען אים פאַר איינעם פון די אינטערע-סאַנטסטע פיגורן אין דער אַנטיקער וועלט; מיר זעען די היקסאָס, די פּאַסטוך-מלכים פון די נאָמאַדישע שבטים, וועלכע האָבן פון אַזיע זיך אַ וואָרף געטון אויף עגיפּטן און דאָרט אָנגעהאַלטן זייער הערשאַפט פון אַרום 1985 ביז 1575 פ. ק.; דאַן טהאָטמעס דעם דריטן, וואָס האָט אָנגעפירט די אומ-אָפּהענגיקייטס-מלחמה פון דער עגיפּטישער קיניגלעכער זרע אַנטקעגן די פרעמדע היקסאָס; עס דערשיינען פאַר אונז דער פרעה סעטי דער ערשטער, 1347 ביז 1280 פ. ק., דער גרויסער קריגס-פירער; און רעמסס דער צווייטער, וואָס ער זאָל דאָס האָבן געווען דער „מלך חדש" פון חומש, וועלכער האָט „נישט געוואוסט יוספן"; איינער פון די אָנגעזעענסטע עגיפּטישע הערשער איז געווען אַמענאָפּיס דער פערטער, וואָס האָט מיט אַן אייזערנער האַנט איינגעפירט אַ מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע (דער גלויבן אין איין גאָט), כאָטש נישט אויף לאַנגע יאָר; אַזוי גייט פאַר אונז פאַרביי איין פרעה נאָכן אַנדערן — איין-און-דרייסיק דינאַסטיעס — ביז נעכאָ, דעם לעצטן פרעה, ווען מצרים ווערט אַ צינז-צאָלערין צו בבל און פאַלט דערנאָך אַרונטער אונטערן יאָך פון פערסיע. אין יאָר 332 פ. ק. מאַרשירט אַריין אין מצרים דער זיגרייכער אַלעקסאַנדער מוקדון, אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום שטאַרבט ער און איינער פון זיינע גענעראַלן, פּטאָלעמעאוס

---

*) די אותיות פ. ק. מיינען: פאַר קריסטוסן, ד. ה. פאַר דער איצטיקער (קריסטלעכער) צייט־רעכענונג.

לאַגוס, פֿאַרכאַפּט דעם טראָן און עטאַבלירט די גריכישע פּטאָ־לאָמעי־דינאַסטיע, וואָס הערשט דריי יאָרהונדערטער, ביז די רוי־מער מאַכן מצרים (אין יאָר 30 פֿ. ק.) פֿאַר אַ טייל פֿון זייער וועלט־אימפּעריע.

דאָס זענען עטלעכע דאַטן און קורצע שטריכן פֿון אַ לאַנגער, אומגעהייער רייכער געשיכטע — די געשיכטע פֿון איינס פֿון די מערקווירדיקסטע פֿעלקער. וואָס איז געווען די רעליגיע פֿון דידאָזיקע עגיפּטער, די איינוואוינער פֿון דער מדינה, וואָס ווערט גערופֿן „פֿאָטער פֿון דער געשיכטע און מו־טער פֿון ציוויליזאַציע"; פֿון דער מדינה, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפֿלוס אויף דער פֿאַרצייטישער וועלט; וואָס פֿון צווישן אירע פּיראַמידן־בויער איז אַרויסגעקומען דאָס טראַגיש־סטע פֿאָלק פֿון דער געשיכטע און וואו ט האַ ל ע ס, דער „גרינ־דער פֿון דער גריכישער פֿילאָסאָפֿיע", האָט געשעפּט זיינע גרונט־אידעען?

כדי צו ענטפֿערן אויף דערדאָזיקער פֿראַגע, מוז מען איינטיילן די אמונה פֿון מצרים אין צוויי טייל: אַן אַבסטראַקט־גייסטיקע און אַ מאַטעריאַליסטיש־פּאַגאַניסטישע. די ערשטע איז געווען אייגן יחידי־סגולה, די פֿילאָסאָפֿיש־דענקענדיקע; די צוויי־טע — די גרויסע מאַסן, אַריינגערעכנט די מערסטע פּרעהס. די אַבסטראַקטע אידעע פֿון גאָט, ווי מ'לייענט זי אַראָפּ פֿון עגיפּטישע אויסקריצונגען און פּאַפּירוסן, איז ענלעך צו דער יודאַאיסטישער גאָט־אידעע. איין אויפֿשריפֿט לייענט זיך: „גאָט איז אַ גייסט און קיין מענטש וויס נישט זיין געשטאַלט; ער איז דער איינציק־לעבעדיקער און אמתער גאָט; ער עקסיסטירט זינט דעם אָנהייב און ער איז לעבן; ער איז דער באַשאַפֿער פֿון די הימלען און פֿון דער ערד און אַלצדינג, וואָס איז אויף זיי. בעת זייער ווייניק עגיפּטער זענען געווען מסוגל צו אַזאַ

גאָט-השגחה, וואָס זי איז צום שטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק דורכן פריער דערמאָנטן פּרעה אַמענאָפיס דעם פערטן, זענען אַלע אַנדערע עגיפּטער, פון קלענסטן ביזן גרעסטן, פון רייכסטן ביזן אָרימסטן, פּאָליטעאיסטן. מצרים איז פאַרפלייצט פון אַ טויזנט געטער; אָנגעהויבן, ווי אַנדערע פּרימיטיווע פעלקער, מיט דער פאַרגעטערונג פון חיות, בהמות, עופות, פלאַנצן און נאַטור-כּחות, נעמען די געטער ביסלעכווייז אָן מענטשלעכע פאָרמען. אָבער עס קומען אויך אַרויס מאָדנע קאָמבינאַציעס: האַלב-חיה, האַלב-מענטש. אַ גאָט מיט דעם קערפּער פון אַן אָקס און דעם קאָפּ פון אַ מענטש; אָדער דער קאָפּ פון אַ פויגל, צי פון אַ פיש, און דער גוף אַ מענטשלעכער.

עס זענען פאַראַן לאָקאַלע געטער און נאַציאָנאַלע גע-טער. דער נאַציאָנאַלער איז דער הויפּט-גאָט, אָבער די הויפּט-געטער — און אויך די אונטער-געטער — בייטן זיך; אַמאָל איז עס טהאָטה, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט מיט אַ פויגל-קאָפּ; אַמאָל איז עס אָזירים, דער גאָט פון קאָרן און גרערטעניש; אַן אַנדער מאָל איז עס ראַ, אָדער אַמאָן-ראַ, דער זון-גאָט. עס טרעפט אויך, אַז עטלעכע געטער ווערן פאַראייניקט און זיי קריגן דאַן אַלע נעמען פון די געטער, וואָס זיי האָבן פאַרשלונגען (ווי די לייענער וועלן עס זען פון די מיטאָלאָגישע געשיכטן אין דעם פאָרליגנדיקן בוך); אַפילו דאָס געשלעכט פון די גע-טער בייט זיך אַמאָל: פון אַ „זי"-גאָט ווערט אַן „ער"-גאָט, אָדער פון אַן „ער"-גאָט ווערט אַ „זי"-גאָט.

די געטער פון מצרים גייען איבערהויפּט אין טריאַדן. די וויכטיקסטע פון זיי געפינען מיר אין דעם טריאַד, וואָס האָט דעם גרעסטן דויער אין דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע: אָזירים, איזיס (זיין שוועסטער און ווייב) און האָרוס, זייער זון (די סטאַטועס פון איזיס מיטן קינד האָרוס אויף די הענט האָבן אי-

בערראַשט די קריסטלעכע פאָרשער מיט דער ענלעכקייט מאַרין מיטן קינד יעזוס)... צו זיי קומט נאָך צו זייער ב־ודער סעט, וואָס ער ווערט באַטראַכט ווי דער עגיפּטישער שטן, דער בייזער און פינצטערער צושטערער; נוט איז די געטין פון הימל־געוועלב און געב*) איז דער גאָט פון דער ערד. אָזיריס האָט געוואונען זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט צוליב זיין אומגעהייערער גוטסקייט און אָפּערוויליקייט. ס'האָט געהייסן, אַז ער לאָזט צושניידן זיין אייגענעם גוף און פאַנאַנדערוואַרפן די שטיקער, כּדי צו באַפרוכפּערן די ערד און די ביימער און אויפצושטיין אינאיינעם מיט די צייטיקע תּבואות און פרוכטן. ער איז דעריבער געוואָרן דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס בליט, וואָס לעבט, וואָס אָטעמט. די עגיפּטער זענען אים דאַנקבאַר געווען, ווי זיי זענען דאַנקבאַר געווען דעם זון־גאָט אַמאָן־רא פאַר זיין שטראַלנדיקער גנאָד.

כּדי אַרויסקריגן אַ צענטראַלע אידעע פון דעם עגיפּטישן פּאָליטעאיזם, וואָלט מען געדאַרפט אָנווענדן סאָפיסטישע מיטלען. מיט אַ פּשטל קאָן מען אפשר אַזאַ אידעע געפינען — אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז זי נישטאָ. פאַר דעם אַנטשטיין פון יידנטום, קריסטנטום, בודיזם, איסלאַמיזם און זאַראָאַסטיאַניזם, איז פּאַקטיש אינערגעץ נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע און צענטראַליזירטע רעליגיע; יעדער האָט זיך געקענט גלויבן אין אַזוי פיל — און אין וועלכע — געטער זיין האַרץ האָט געגלוסט. מ'קאָן אָבער יאָ אָנווייזן אויף די מאָראַלישע און עטישע כּללים פון דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע. דאָס גוטע און דאָס שיינע

*) מיט די איבעריקע געטער און געטינס פון מצרים וועלן די לייענער ... ווערן פון די מיטאָלאָגישע געשיכטן, וואָס קומען ... טער און וואו עס ווערט מערסטנס אויך באַצייכנט די ראָל פון יעדן „געטלעכן וועזן“.

ווערט דערהויבן און באַלוינט, בעת דאָס שלעכטע און דאָס זינ־דיקע ווערט פאַרשאָלטן און באַשטראָפט. נאָכן טויט מוז יעדער מענטש אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַרן טריבונאַל פון אָזיריס פון זיינע מעשים, און די מצוות און עברות ווערן געוואויגן און געמאָסטן; דער הויך־מאָראַלישער ניוואָ פון די עגיפּטער זעט זיך איבערהויפּט אַרויס פון דעם „ודוי״, וואָס איז פאַר די גע־שטאָרבענע אָנגעצייכנט „אין בוך פון די טויטע״ — און וואו עס געפינען זיך אַזעלכע שבועות: „איך האָב נישט געטון קיין שאָדן צו די מענטשן״; „איך האָב נישט געבראַכט קיין עלנט און אָרימקייט״; „איך האָב נישט געבראַכט קיין שלאַפקייט״; „איך האָב נישט געהרגעט״; „איך האָב נישט באַפוילן עמיצן צו הרגענען״; „איך האָב קיינעם נישט געמאַכט וויינען״; „איך האָב נישט צוגענומען די מילך פון קינדערס מיילער״; „איך האָב נישט אָוועקגעטריבן קיין קי, וואָס פיטערן זיך״; „איך האָב נישט געכאַפּט קיין פיש אין זייערע שטראָמען״; „מיין האַרץ איז נישט צופרעסן געוואָרן פון קנאה״; „איך האָב נישט גע־טריבן קיין רכילות״ — און אַזוי כסדר. נאָר מ׳גלויבט נישט אויפן וואָרט. דער געטלעכער טריבונאַל זוכט־נאָך, אויב דער מענטש איז באמת געווען אַזוי גוט און פרום... און די זינד, וואָס ווערן, לויט דעם גלויבן פון די עגיפּטער, באַשטראָפט נאָכן טויט, ווערן אויך באַשטראָפט ביים לעבן. דאָס איז באַ־וואָרנט אין די ציווילע און מיליטערישע געזעצן פון לאַנד. אַזוי, צומביישפּיל, ווערט אַ בלבול־מאַכער פאַרמשפּט צו דער שטראָף, וואָס דער אומשולדיקער וואָלט געדאַרפט ליידן, אויב דער בלבול ווערט נישט אויפגעדעקט. די ערגסטע שטראָף אָבער דערוואַרט דעם רשע ערשט נאָכן טויט — פאַרטיליקונג. דאָס איז פאַרן מצרי דאָס מוראדיקסטע פון מוראדיקסטן, וואָרים זיין גרעסטער און שענסטער חלום און זיין טרייסט אויף דער קורצ־

ווירקלעכקייט פון דער ערדישער עקסיסטענץ איז דאָס לעבן אויף דער אַנדערער זייט קבר, כאָטש, ווי געזאָגט, איז ער לעבנס־לוסטיק און האָט אויך דאָס ערדישע לעבן ליב מיט אַלע רמ״ח אברים, זינגענדיק ביי יעדער געלעגנהייט לידער פון פרייד. נאָר אויך דידאָזיקע לידער ענדיקן זיך מיטן געדאַנק פון אומפאַרמיידלעכן טויט:

זאָל שאַלן פאַר דיר געזאַנג און מוזיק,
לאָז הינטער זיך אַלץ, וואָס איז שלעכט!
און האָב נאָר אין זינען די איינציקע פרייד —
אָ, ביז יענעם טאָג, ווען דו אַנקערסט
אין לאַנד, וואָס האָט ליב בלויז דאָס שווייגן.

א. אלמי

אַרייַנפיר=דערקלערונגען

י אָנווייזונגען פון פטאה=האָטעפּ.

די פּאַפּירוס=מגילה, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „די אָנווייזונגען פון פטאה-האָטעפּ״ איז דאָס עלצטע בוך אויף דער וועלט, וואָס איז באַקאַנט די פאָרשער פון אַלטע לענדער און פעלקער. די עלטער דערפון ווערט געשאַצט קרוב זעקס טויזנט יאָר, אָדער, צו זיין קאָרעקט, אַרום 3550 פ. ק. דער מחבר איז אַן עגיפּטישער גובערנאַטאָר (פטאַה-האָטעפּ), וועל-כער האָט געלעבט אונטער דער ממשלה פון דעם פּרעה איסאָ-סי, אַ קיניג פון דער פינפטער דינאַסטיע, 3580 — 3536 פ. ק. דידאָזיקע „אָנווייזונגען״, וואָס אַנטהאַלטן אַ מאָראַלישן קאָדעקס, אַ לעבנס=פילאָסאָפיע, זענען אין משך פון אַ סך דורות געווען אַ באַליבטער לימוד אין שולעס און אין העכערע לערן-אַנשטאַלטן פון מצרים. אַדאַנק דעם זענען זיי אויפגעהיט געוואָרן ביז אין אונזערע צייטן, כאָטש זיי געהערן נישט צו יענע עגיפּטישע כתבים, וואָס זענען געקריצט געוואָרן אין שטיין, נייערט זענען פאַרשריבן אויף פּאַפּירוס, מיט טינט און פעדער (אַ טינט און

פעדער זענען גענוצט געוואָרן שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק, איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט); צוליב דעם, וואָס די „אָנווייזונגען" האָבן געדינט פאַר אַ לימוד, האָט מען פון זיי געמאַכט אַ סך קאָפּיעס. די בעסטע קאָפּיע האָט אין יאָר 1847 אַנטדעקט דער פראַנצויזישער אַרכעאָלאָג פּריס ד'אַווען אין אַ קבר פון פּרעה ענטעף, וואָס האָט געהערשט אַרום 2985 פ. ק.; אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון פּאַריז קאָן מען זען די־דאָזיקע קאָפּיע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַן ערך פיר טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק, דורך אַן אומבאַקאַנטן קאָפּיסט. די שריפט (אין היעראַטיק, חרטומים־שפּראַך) איז נאָך איצט, מיט ווייניק אויסנאַמען, קלאָר און בולט.

ביכער זענען פאַרפאַסט געוואָרן אויך מיט יאָרהונדערטער פריער. איידער פּטאה־האָטעפּ, דער גובערנאַטאָר פון מעמפיס, האָט געשריבן זיינע „אָנווייזונגען"; מיר זעען, אַז דער מחבר פון די „אָנווייזונגען", פאַררופט זיך אויף אַמאָליקע חכמים און ציטירט שטעלן פון פריערדיקע שריפטן, אָבער יענע ביכער זענען פאַרלוירן. אין איין צייט מיט די „אָנווייזונגען" פון פּטאה־האָטעפּ האָט מען אויך געפונען „אָנווייזונגען" פון קעגעמני, וואָס זענען מיט אַ פינף הונדערט יאָר עלטער, און פון אַמענעמהעט. דאָס גרעסטע פון די דריי ביכער איז דאָס פון פּטאה־האָטעפּ און איך גיב עס דאָ פולשטענדיק אין אַ יידישער איבערזעצונג.

עס איז נאָך נייטיק צו באַמערקן, אַז דאָס, וואָס אין די „אָנווייזונגען", אין וועלכע טייל פאָרשער ווילן זען דעם מקור פון משלי און קהלת, רעדט זיך כסדר וועגן „דעם" גאָט, דאַרף נישט שאַפן דעם איינדרוק, אַז אין פּטאה־האָטעפּס צייטן ד'האָט אין מצרים געהערשט מאָנאָטעאיזם. אין אמתן איז מצרים דאַמאָלט געווען פאַ פלייצט פון געטער. יעדע שטאָט, יעדעס

דאָרף האָט זיך געהאַט אַן אייגענעם גאָט, אָדער געטער. דער־פאַר טאַקע רעדט פטאה-האָטעפּ וועגן דעם גאָט, כדי וואו מען זאָל זיינע „אָנווייזונגען" נישט לייענען, אָדער הערן, זאָל דער לייענער, לערנער, אָדער צוהערער דערביי אין זינען האָבן זיין אייגענעם גאָט, דעם גאָט, וואָס צו אים דינט ער און זיין הויזגעזינד...

דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קיניגין

די דאָזיקע געשיכטע איז אויסגעקריצט אויף די ווענט פון טעמפּל אין דעיר על באַהאַרי. דעם טעמפּל האָט געלאָזט בויען די קיניגין האַטשעפּסוט אַרום 1500 פ. ק. איר כוונה איז, ווייזט אויס, געווען צו באַווייזן איר געטלעכן אָפּשטאַם, ווי דאָס האָבן ליב געהאַט כמעט אַלע עגיפּטישע הערשער.

אָזיריס

די געשיכטע פון אָזיריס איז פאַרשריבן געוואָרן פון פּלו־טאַרכן, אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער איצטיקער ערע. טיילן דערפון האָט מען אויך געפונען אויסגעקריצט אין עגיפּטישע טעמפּלען און קברים. פון דער „פּאַסירונג" מיט אָזיריס און די וואַנדערונגען פון איזיס איז אויך געווען אַ „מיסטעריען-שפּיל", וואָס איז ביי באַזונדערס-פייערלעכע געלעגנהייטן פאָרגעשטעלט געוואָרן אין קיניגלעכן הויף און די הויפּט-ראָל פלעגט שפּילן פּרעה אַליין.

דאָס בוך פון טהאָטה

פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירוס אין דער דעמאָטיק-שריפט

(מצרים האָט געהאַט צוויי שריפטן, די העראָגליפישע, וואָס דאָס איז געווען דאָס הייליקע כתב, דאָס לשון-קודש פון די עגיפּ-טער; און דעמאָטיק, אַ מער אַנטוויקלטע און פּאָפּולערע שריפט). דער פּאַפּירוס, וואָס מ׳האָט געפונען אין קבר פון אַ פּריסטער, געהער דער צייט פון די פּטאָלאָמעיס (די גריכישע הערשער איבער מצרים).

די שלאַנגען פון איזיס

די געשיכטע, אויסגעקריצט אויף אַ שטיינערנעם טאַבלעט, האָט מען אין אָנהייב פון ניינצעטנטן יאָרהונדערט געפונען אין אַלעקסאַנדריע. מאַכמעד אַלי האָט דעם טאַבלעט געגעבן אַ מתנה דעם פּרינץ מעטערניך. די עלטער פון דעם געפינס ווערט געשאַצט אַרום 750 פ. ק.

דער נאָמען פון רא

דידאָזיקע געשיכטע איז אין דער היעראַטישער שריפט פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירוס (אַרום 1100 אָדער 1200 פ. ק.). אויפן פּאַפּירוס ווערט אויך אָנגעגעבן אַ כשוף-שפּרוך זיך אויס-צוהיילן פון שלאַנגען-ביס. היילנדיק מיט כשוף, רעציטירט דער כשוף-מאַכער אַ מעשה מיט אַ גאָט, וואָס האָט אויך געליטן פון דערזעלביקער חולאת. דער שפּרוך, וואָס האָט אויסגעהיילט דעם גאָט, זאָל אויך היילן דעם קראַנקן מענטש...

דאָס ביר פון העליאָפּאָליס (און)

אויסגעקריצט אויף די ווענט פון אַ זייטיקן קאַמער אין

קבר פון דעם פרעה סעטי דער ערשטער. די עלטער פון דער געשיכטע איז נישט פעסטגעשטעלט.

דעם קיניגס חלום

אויסגעקריצט אויף א וואַנט פון רויטן גראַניט, פערצן פוס הויך, אין טעמפל, וואָס געפינט זיך צווישן די פיס פון גרויסן ספינקס. די צייט, ווען די געשיכטע איז אויסגעקריצט געוואָרן, ווערט געשאַצט אַרום 1400 פ. ק.

א הימן צום איינציקן גאָט

דערדאָזיקער הימן ווערט צוגעשריבן צום פרעה אַמענאָ-פיס דעם פערטן פון דער 18-טער דינאַסטיע (1372 פ. ק.). אַמענאָפיס איז געווען אַ מאָנאָטעאיסט און ער האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן איבער מצרים דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט. אָבער זיין מאָנאָטעאיזם שיידט זיך אונטער פון דעם יידישן, לויט וועלכן גאָט איז אַבסטראַקט. אַמענאָפיסעס איין-און-איינ-ציקער גאָט איז די זון, אָדער דער עיגול פון דער זון. דאָס איז, אייגנטלעך, דערזעלביקער זון-גאָט, וואָס איז דורות-לאַנג געווען דער הויפּט-גאָט ביי די עגיפּטער (ראַ-אַמאָן-ראַ). ביי אַמענאָפיס קריגט דער זון-גאָט אַן אַנדער נאָמען — א ט אָ ן. און עגיפּטאָלאָגן חידושן זיך פאַרוואָס דערדאָזיקער מאָנאָטעאיס-טישער פרעה איז געווען אַזוי אויפגעקאָכט אויף אַמאָן-ראַ און צושטערט זיינע טעמפּלען, אויב אַטאָן איז דיזעלביקע זון. דער איינציקער ענטפער אויף דעם רעטעניש איז, דאַכט זיך, וואָס וועלנדיק איינפירן די אמונה אין א י י ן גאָט און גלויבנדיק, אַז אָט דער איינציקער גאָט איז די זון, האָט אַמענאָפיס נישט

געוואָלט איבערלאָזן דעם אַלטן אַמאָן-רא, וואָס מיט אים זענען פאַרבונדן הונדערטער אַנדערע געטער. ער האָט מיט דעם ניי-עם נאָמען /אַטאָן/ געוואָלט פאַרוואָרצלען די נייע אידעע — מאָנאָטעאיזם. אַזוי גרויס איז געווען זיין ווילן צו געבן מצרים איין גאָט, אַז ער פאַרלאָזט די ביז-דאַמאָלטיקע קרוינשטאָט פון מצרים, טהעבעס, וואו די רא-אמונה דאָמינירט, און ער בויט-אויף אַ נייע קרוינשטאָט קהוט-ען-אַטאָן (דער האָריזאָנט פון אַטאָן), וואו עס געפינען זיך איצט טעל-אַל-מארנא און האַגי קאַנדיל. ער בייט אפילו זיין אייגענעם נאָמען אַמענאָפיס, וואָס איז געהייליקט צו אַמאָן-רא, אויף אַכאַנטאָן. און באַפעלן גיט ער אָרויס איבערן גאַנצן לאַנד אָוועקצוווארפן אַלע אַנדערע געטער און דינען בלויז אַטאָן.

נאָך עפעס טוט ער אויף: ביז אים האָט יעדער פרעה זיך באַטראַכט פאַר אַ געטלעך וועזן, אַ גאָט, אָדער אַן אָפּשטאַם פון אַ גאָט. אַזאַ ראָל האָבן די פרעהס געשפּילט פאַרן פאָלק און אַזוי זענען זיי פאַרשריבן געוואָרן אין דער מיטאָלאָגיע. אַפילו קלעאָפּאַטרע, די גרעסטע ליבהאָבערין אין דער געשיכטע, איז געטין און קיניגין; און אַפילו אַלעקסאַנדער מוקדון, ווען ער מאַרשירט אַריין אין מצרים, ווערט פריער אַ מאמין פון אַמאָן-רא און דערנאָך אַליין איינער פון די הונדערטער עגיפּטישע געטער. אָבער אַמענאָפיס-אַכאַנטאָן איז דער ערשטער — און איינציקער — פרעה, וואָס האָט נישט געוואָלט שפּילן קיין געטלעכע ראָל און, אדרבא, דוקא דעמאָנסטרירט זיין ריינע מענטשלעכקייט און מאַנלעכקייט. ער לאָזט פון זיך מאַכן סטאַטועס, נישט אין געטלעכער פּאָזע און קליידונג, ווי די אַנדערע הערשער, נייערט ווי אַ בשר-ודם. איין סטאַטוע ווייזט אים ווי ער קושט זיין ווייב, בעת ער פאָרט מיט איר אין זיין רייטוואָגן; אַן אַנדער סטאַטוע

שטעלט אים פֿאָר ווי ער האַלט זיין ווייב אויפֿן שויס...

אָבער אַמאַנטאָנען איז נישט באַשערט געווען קיין לאַנ־גע הערשאַפֿט. ער שטאַרבט אין אַלטצן יאָר אַרום — אַ צו קורצע צייט אויף פֿאַרפֿעסטיקן אַ נייע אידעע; און נאָך זיין טויט לעבט אויף צוריק, נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט, דער פּאָליטעאיזם. אַטאָן ווערט פֿאַרגעסן און טהעבעס ווערט ווידער די קרוינשטאָט פֿון מצרים און די רעזידענץ פֿון אַמאָן־רא מיט זיינע הונדערטער געטער.

טהאָטהס־זעאונג

טהאָטה, אָדער הערמעס, ווי די גריכן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן — הערמעס טריסמעגיסטוס, דער דריי מאָל, און אפֿילו פֿינף מאָל גרויסער — איז דער גאָט פֿון חכמה, געלערטזאַמקייט און שרייב־קונסט. ער ווערט אויך פֿאַררעכנט פֿאַרן „שרייבער פֿון די געטער“, וואָס זיין עובֿדה איז צו פֿאַר־צייכענען די האַנדלונגען פֿון די געטלעכע וועזנס, זייערע מעשים, זייערע חכמות און אַלע פּאַסירונגען אין פֿאַרבינדונג מיט זיי — און ווייל „דער שרייבער פֿון די געטער“, פֿאַר־רעכנט די טראַדיציע די מערסטע הייליקע שריפֿטן פֿון מצרים צו זיין פֿעדער. די עגיפּטישע געטער האָבן געהאַט אויך אַנדערע „שרייבערס“, אָבער טהאָטה — דער העלעניזיר־טער הערמעס — איז דער וויכטיקסטער און מיט דער צייט — דער איינציקער. אין דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע זעען מיר טהאָטה־הערמעסן אין אַלערליי פֿאַרוואַנדלונגען. אין אָנהויב אַ מענטש, אַ גאָט־מענטש, ווי, אַ שטייגער, קרישנאַ, יעזוס, בודאַ; דאַן דער גאָט פֿון חכמה, געלערטזאַמקייט און שרייב־קונסט: און אַ צייט לאַנג — דער וויכטיקסטער גאָט. דאָס מוז נישט

געשען דוקא אין פאַרשיידענע צייטן. אין איין-און-דערזעלביקער צייט קאָן מען אים אין פאַרשיידענע טיילן לאַנד צושרייבן אַנדערע אַטריבוטן... דאָס איז נישט בלויז אין מצרים אַזוי. מיר זעען עס אויך אין אַנדערע לענדער פון יענע ווייטע צייטן, ווי מענטשן ווערן געטער און אַמאָל — ווי געטער ווערן מענטשן. אין „טהאָטה"ס זעאונג" ווערט דער לייענער גע-פינען די כאַראַקטעריסטישע פראַזע: „מענטשן זענען שטאַרב-לעכע געטער און געטער זענען אומשטאַרבלעכע מענטשן". דאָס איז דער איינציקער אונטערשייד צווישן מענטש און גאָט. ווײַ-טער זענען זיי כמעט אין אַלצדינג גלייך, אויסער אין שאַפע-רישע כחות. די געטער באַזיצן דיזעלביקע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן און... יאָ, זיי שטאַרבן אַמאָל אויך (זע: „דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קיניגין", וואו עס ווערט געשילדערט דער טויט פון אָזיריס). אמת, עס איז בלויז אַן איבערגאַנגס-טויט. ווען אָזיריס שטאַרבט, ווערט ער דער קיניג (אָדער גאָט) פון דואַט, דער הערשער פון די טויטע. אָבער אויך מענטשן שטאַרבן דאָך נאָר צייטווייליק און נאָכן טויט קומען זיי אַריין אין דואַט, אָדער ווערן פאַרוואַנדלט אין אַנדערע ברואים, ווי די עגיפטער גלויבן.

דאָס בוך פון די טויטע

די עגיפּטער ווערן גערעכנט פאַרן ערשטן פאָלק אויף דער וועלט, וואָס האָט געגלויבט אין דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה /קאַ/, אין אַ לעבן נאָכן טויט. און נישט איין נשמה האָט דער מענטש, נאָר עטלעכע — דאָ טראָגן זיי אַרײַ-בער דעם פּאָליטעאיזם פון געטלעכקייט אויפן מענטשן: דער גייסט, דאָס האַרץ, די נשמה און דער שאָטן — דאָס זע-

נען באַזונדערע גייסטער, וואָס לעבן אין מענטשן, פירן אים, באַשיצן אים און דינען אים. די עגיפּטער ווערן אויך באַטראַכט, לויט דעם עדות-זאָגן פון גריכישן היסטאָריקער הערָאָדאָטוס, ווי דאָס ערשטע פאָלק, וואָס האָט געגלויבט אין רעאינקאַר־נאַציע, אין גלגול-הנפש, דאָס הייסט, אַז נאָכן טויט קאָן די נשמה, אָדער נשמות, געבוירן ווערן אין אַן אַנדער קערפּער, פון אַ מענטש, פון אַ חיה, אָדער אַ פלאַנץ.

און ווייל די עגיפּטער גלויבן אַזוי שטאַרק אין אַ לעבן נאָכן טויט, האַלטן זיי דאָס ערדישע לעבן ווי אַן איבערגאַנג און זיי לייגן דאָס הויפּט-געוויכט אויף „יענער וועלט". דער־פאַר די ריזיקע און הערלעכע קברים, די פּיראַמידן: דערפאַר די מומיעס, דערפאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל קאָסט אויף באַ־זאָרגן אַ גוטע וואוינונג אויף נאָכן טויט.

דאָס „בוך פון די טויטע" איז אַ זאַמלונג פון תפלות, וואָס זענען אויסגעקריצט אין קברים, פאַר די געשטאָרבענע. אָבער איבערהויפּט איז עס אַ וועג-ווייזער, ווי אַזוי זיך אויפ־צופירן נאָכן טויט און צו וויסן ווי אַזוי צו וואַנדערן „אין לאַנד פון אייביקער פרייד". פון פאַרשיידענע אויפשריפטן אין קברים איז דאָסדאָזיקע מערקווירדיקע בוך אויפגעקליבן — און דעריבער אויך די פאַרשיידענע עלטער. אַ היעראַטישע אויס־קריצונג אין קבר פון דער קיניגין קהענעם-נעפערט, די פרוי פון מענטו-העטעפּ, אַ פּרעה, וואָס האָט רעגירט 2500 פ. ק. דערציילט, אַז איין קאַפּיטל פון „בוך פון די טויטע" איז אַנטדעקט געוואָרן בעת דער הערשאַפט פון העספּיטי, דער פינפטער קיניג פון דער ערשטער דינאַסטיע, אַרום 4266 פ. ק. אויב דאַמאָלט איז דאָס קאַפּיטל אַנטדעקט געוואָרן — ווי לאַנג פריער איז עס פאַרפאַסט געוואָרן? קיין ענטפער אויף דער פראַגע איז נאָך נישטאָ.

ביז דער הערשאַפט פון דעם פרעה אונאַס, 3333 פ. ק. איז נישט געווען קיין איינהייטלעכער טעקסט, וואָס זאָל די פאַרשיידענע קאַפּיטלעך מאַכן פאַר איין בוך. אין יאָר 1881 האָט סער ג. מאַספעראָ געעפנט דעם פיראַמיד פון דעם פרעה אונאַס און געפונען די שטיינערנע ווענט באַדעקט מיט אויסקריצונגען, צווישן זיי פיל קאַפּיטלען פון דעם „בוך פון די טויטע". מאַספעראָ האָט אויך געמאַכט אויסגראָבונגען אין פּיראַמיד פון דעם פרעה טעטאַ, 3300 פ. ק. און דאָרט געפונען נאָך קאַפּיטלען, אויסגעקריצט אויף די ווענט, טייל פון זיי אידענטיש מיט די אויפשריפטן אין פיראַמיד פון אונאַס. טעקסטן האָט מען אויך געפונען אין קבר פון דעם פרעה פעפּי דעם ערשטן, 3233 פ. ק.

עס איז צו זען, אַז יעדעס קאַפּיטל אין „בוך פון די טויטע" קומט פון אַ באַזונדערן מקור און אַז די קאַפּיטלען זענען פאַרפאַסט און געזאַמלט געוואָרן אין פאַרלויף פון פיל יאָרהונדערטער. קענטיק אויך, אַז זיי זענען אַדורכגעגאַנגען נישט איין רעדאַקציע, לויט די טעאָלאָגישע אויפפאַסונגען און כוונות פון אַלערליי פּריסטער אין פאַרשיידענע פעריאָדן.

ע. אַלמי

די אָנווייזונגען פון פּטאַה-האָטעפּ

די אָנווייזונגען פון דעם גובערנאַטאָר פון דערדאָזיקער שטאָט, דער וויזיר פּטאַה-האָטעפּ, אונטער דער ממשלה פון דעם קיניג פון אויבערשטן און אונטערשטן מצרים, וואָס לעבט אייביק, ביזן סוף פון די צייטן.

א. דער גובערנאַטאָר פון דערדאָזיקער שטאָט, דער וויזיר פּטאַה-האָטעפּ, זאָגט: אָ, פּרינץ, מיין האַר, דער סוף פון לעבן איז נאָענט; די עלטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיר; שוואַכקייט באַפאַלט און די קינדהייט איז באַנייט. דער (וואָס איז אַלט) ליגט אין שפלות יעדן טאָג. די אויגן זענען קליין; די אויערן זענען טויב. דער מוט איז איינגעשרומפּן. דאָס האַרץ האָט נישט קיין רו. דאָס מויל איז שטיל, און ער רעדט נישט קיין וואָרט; דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ, און ער געדענקט נישט דעם נעכטן. די ביינער ווייטיקן איבערן גאַנצן גוף; גוטס איז פאַרוואַנדלט אין שלעכטס. יעדער טעם איז אָפּגעטון. די אַלע זאַכן טוט די עלטער צום מענטשן, מיט בייזוויליקייט אויף יעדן אופן. די נאָז איז פאַרשטאָפּט, און ער אָטעמט נישט פון שוואַכקייט (?), אַזוי איז עס ביים שטיין אָדער ביים זיצן.

באַפעל דיין קנעכט, דעריבער, איבערצוגעבן מיין פרינצי־לעכן רשות (צו מיין זון). לאָז מיך רעדן צו אים די ווערטער פון די, וואָס הערן זיך צו צו דער עצה פון די אַמאָליקע לייט, די, וואָס האָבן זיך אַמאָל צוגעהערט צו די געטער. איך בעט דיך, זאָל דאָס געטון ווערן, כדי זיינד זאָלן אָפּגע־ווישט ווערן פון צווישן די פאַרשטענדיקע לייט, כדי דו זאָלסט באַלערן די לענדער.

האָט געזאָגט דער מאַיעסטעט פון זיין גאָט: *) באַקאָן אים מיט די רייד פון פאַרצייטנס; זאָל ער ווערן אַ וואונדער צו די קינדער פון די פרינצן, אַז זיי זאָלן צו אים געגנען און זיך צו אים צוהערן. מאַך גוט זייערע הערצער; און שמועס מיט אים, נישט צו מאַכן אים מיד.

ב. דאָ הויבן זיך אָן די שפּרוכן פון אויפריכטיקע רייד, ווי עס האָט זיי גערעדט דער הויפּט־יורש, דער הייליקער פאָ־טער, דער באַליבטער פון דעם גאָט, דער עלצטער זון פון דעם קיניג, דער גובערנאַטאָר פון דערדאָזיקער שטאָט, דער וויזיר פּטאַה־האָטעפּ, בעת ער האָט די אומוויסנדיקע באַקענט מיט דעם וויסן פון גענויקייט אין ערלעך רעדן: וואויל איז דעם, וואָס פאָלגט; אַ חרפּה אויף דעם, וואָס ווידערשפּעניקט.

ער האָט געזאָגט צו זיין זון:

1. זיי נישט שטאָלץ, ווייל דו ביסט געלערנט; נייערט שמועס מיט דעם פּראָסטן מענטש, ווי מיט דעם חכם. וואָרים עס קאָן נישט געמאַכט ווערן קיין גרענעץ צו געלערנטקייט, אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין האַנטווערקער, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעלות. ערלעכע רייד זענען זעלטענער ווי דער שמאַ־ראַגד, וואָס דינסטמיידן געפינען אין די זאַמדן.

*) דער קיניג.

2. אויב דו הערסט רעדן אזוינעם, וואָס איז וואויל-גע-לערנט און קלוגער פון דיר, לאָז-אָראָפּ דייגע הענט, בויג-איין דיין רוקן, זיי נישט בייז אויף אים, אויב ער איז נישט מסכּים (?) מיט דיר. האַלט זיך אָפּ פון שלעכטע רייד; דערווידער נישט וואָס ער זאָגט. אויב ער ווענדט זיך צו דיר ווי צו איינעם, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט דעם ענין, טראָג מיט עניות אַריבער זיין שטרייט.

3. אויב דו הערסט רעדן אַזוינעם, וואָס איז דיינס גלייכן, פאַרשווייג נישט ווען ער זאָגט אַזוינס, וואָס איז שלעכט; אַזוי זאָלסטו זיין קלוגער פון אים. גרויס וועט זיין די דאַנקבאַר-קייט פון די צוהערערס, און דיין נאָמען וועט געטראָגן ווערן אין דעם זכרון פון פרינצן.

4. אויב דו הערסט רעדן אַזוינעם, וואָס איז אַ געמיינער מאַן, איינער, וואָס איז נישט דיינס גלייכן, צאָרן נישט אויף אים פאַרוואָס ער איז נידעריק. לאָז אים צו-רו; זאָל ער זיך אליין פאַרטיליקן. שטעל אים נישט קיין קשיות, כּדי צו באַ-פרידיקן דיין האַרץ, אויך זאָלסטו נישט אויסגיסן דיין כּעס אויף אים; עס איז אַ חרפּה צו פאַרווירן אַ נידעריקן שכל. אויב עס ציט דיך צו טון דאָס, וואָס עס ליגט אויף דיין האַרץ, איבערוועלטיק עס, ווי אַ זאַך, וואָס איז פאַרווערט פון פרינצן.

5. אויב דו ביסט אַ פירער, איינער, וואָס איז אַ וועג-ווייזער פון גרויסן עולם, מי זיך כּסדר צו זיין גנעדיק און דיין אייגענער אויפפיר זאָל זיין אָן פלעקן. גרויס איז דער אמת, וואָס ציט אויפן גלייכן וועג; ער איז נאָך קיינמאָל נישט אומגעוואָרפן געוואָרן זייט דער ממשלה פון אָזיריס *). דער,

*) לויט דעם גלויבן פון די עגיפּטער האָט דער גאָט פון אָזיריס גע-הערשט אויף דער ערד פיל טויזנטער יאָר פאַר מעמעס, דעם ערשטן היסטאָרישן קיניג פון מצרים.

וואָס טרעט־איבער די געזעצן, זאָל באַשטראָפֿט ווערן — — — — — — — — — — — — — קיינמאָל האָבן נאָך קיין שלעכטע מעשׂים נישט געבראַכט זייער טויער אין זיכערקייט צום ברעג. וואָרים ער האָט געזאָגט: „איך אַליין וועל דערגרייכן פֿאַר זיך אַליין״ און ער האָט נישט געזאָגט: „איך וועל דערגרייכן דערפֿאַר, וואָס איך מעג״, אָבער די גרענעצן פֿון גערעכטיקייט זענען שטאַנדהאַפֿטיק; דאָס איז, וואָס אַ מענטש טוט־נאָך זיין פֿאָטער.

6. שפּרייט נישט קיין מורא צווישן מענטשן; וואָרים פֿאַר דעם שטראָפֿט דער גאָט מיט דעם אייגענעם, וואָרים עס איז דאָ אַ מענטש, וואָס זאָגט: „דעריין איז לעבן״, און ער איז באַרויבט פֿון דעם ברויט פֿון זיין מויל. עס איז פֿאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָגט: „מאַכט איז דעריין״ און ער זאָגט: „איך פֿאַרכאַפּ פֿאַר זיך, וואָס איך דערזע״, אַזוי זאָגט אַ מענטש, און ער ווערט געשלאָגן. עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער מענטש, וואָס דערהייבט זיך דורך געבן דעם, וואָס פֿאַרמאָגט גאָרנישט. קיינמאָל איז נישט דאָס, וואָס מענטשן האָבן פֿאָראויס געגרייט, געשען; וואָרים, וואָס דער גאָט האָט באַפֿוילן, געשעט. לעב, דעריבער, אין דעם הויז פֿון פֿריינטלעכקייט, און מענטשן וועלן קומען און ברענגען מתּנות.

7. אויב דו ביסט צווישן די געסט פֿון איינעם, וואָס איז גרעסער פֿון דיר, נעם־אָן, וואָס ער גיט, באַריירנדיק עס מיט די ליפּן. אויב דו קוקסט אויף אים (דעם ווירט), דרינג אים נישט אַדורך מיט לאַנגע בליקן. עס איז אַ בושה פֿאַר דער נשמה צו גלאָצן אויף אים. רעד נישט איידער ער רעדט צו דיר; קענסט נישט וויסן, וואָס עס איז אים דערווידער. רעד, ווען ער פֿרעגט דיך; אַזוי זאָלן דיינע רייד אים וואוילגעפֿעלן. דער אַדעלמאַן, וואָס זיצט ביי די שפּייזן, טיילט זיי פֿאַנאַנ־

דער לויטן גוסט פון זיין הארץ: ער גיט יענעם, וואָס אים אַליין וואָלט געשמעקט — דאָס איז דער מנהג ביי אָונט-ברויט. עס איז זיין הארץ, וואָס פירט זיין האַנט. עס איז דער אַדעל-מאַן, וואָס גיט, נישט דער אונטערגעוואָרפענער, וואָס דערלאַנגט. דאָס עסן ברויט איז אונטער דער השגחה פון דעם גאָט; אַ פּראָסטאַק איז דער, וואָס אַמפּערט זיך וועגן דעם.

8. אויב דו ביסט אַ שליח, געשיקט פון איין אַדעלמאַן צו אַן אַנדערן, פיר זיך אויף פּונקט לויט דעם שטייגער פון דעם, וואָס האָט דיך געשיקט. גיב-איבער זיינע ווערטער, ווי ער אַליין האָט זיי געזאָגט. היט זיך צו מאַכן אַ שנאה דורך דיינע רייד, אויפרייצנדיק איין אַדעלמאַן אַנטקעגן דעם אַנדערן דורך פאַרדאַרבן דעם אמת. טרעט דאָס נישט איבער; אַזוי זאָלסטו אויך נישט איבערזאָגן דאָס, וואָס וועלכער-ס'איז מענטש, גאַנץ גלייך צי אַ פּרינץ אָדער אַ פּויער, האָט געזאָגט, בעת ער האָט אויפגעעפנט זיין הארץ; עס איז אַ בושה פאַר דער נשמה.

9. אויב דו האָסט געאַקערט, זאַמל-אויף די גאַרבן אינם פעלד, און דער גאָט זאָל שיקן די ברכה אונטער דיינע הענט. שטאָפּ נישט אָן דיין מויל ביי דיין שכנס טיש... אויב אַ האַנטווערקער איז דער באַזיצער פון עשירות, גנבעט ער ווי אַ קראָקאָדיל פון די פּריסטער *).

אויב אַ מענטש האָט נישט קיין קינדער, זאָל ער נישט טראָגן קיין קנאה; אויך זאָל ער נישט זיין נידערגעשלאָגן און נישט אַרומקריגן צוליב דעם; וואָרים אַ פאָטער, ווי געבענשט ער זאָל נישט זיין, האָט זיינע יסורים; די מוטער ווידער פון קינדער האָט ווייניקער רו ווי עמיצער אַנדערש. וואָרהאַפטיק,

*) אַן אומפאַרשטענדלעכער זאַץ. די עגיפּטאָלאָגן צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דער איבערזעצונג.

יעדער מענטש איז באַשאַפן (ווערליק זיין גורל) פון דעם גאָט, וואָס איז דער ראש פון דעם שבט, מיט צוטרוי אים צו געהאָרכן.

10. אויב דו ביסט אַ פּראָסטאַק, באַדין אַ קלוגן מענטש, כדי דיינע מעשים זאָלן גוט זיין אין די אויגן פון דיין גאָט. אויב דו קענסט אַ מענטש, וואָס כאָטשבי ער איז אַ גאָרנישט, איז ער דערהויבן געוואָרן אין דער מדרגה, זיי נישט קיין מחוצף צו אים צוליב דעם, וואָס דו ווייסט וועגן אים; נייערט גיב אָפּ כבוד דעם, וואָס איז דערהויבן געוואָרן, לויט דער מדרגה, וואָס ער האָט דערגרייכט.

זע, רייכטימער קומען נישט פון זיך אַליין; זיי גייען צו דעם, וואָס גלוסט זיי. אויב ער איז אַרבעטזאַם און זאַמלט זיי אַליין, וועט דער גאָט אים צושיקן שפע; אָבער ער וועט אים שטראָפן, אויב ער איז אַ פוילענצער.

11. פאָלג דיין האַרץ אין דיין לעבנסצייט; טו נישט מער ווי עס באַפעלט דיר. פאַרקירץ נישט די צייט פון פאָלגן דיין האַרץ; עס איז אַ בושה פאַר דער נשמה, אַז די דאָזיקע צייט (פון באַקוועמלעכקייט) זאָל אַוועקגענומען ווערן. קירץ נישט דיין טאָג מער ווי דאָס איז נייטיק אויפצוהאַלטן דיין הויז. ווען דו געווינסט עשירות, פאָלג-נאָך דיין האַרץ; וואָרים עשירות ברענגט נישט קיין נוצן, אויב איינער איז אויסגעמאַטערט.

12. אויב דו ביסט אַ חכם, ברענג אַ זון אויף דער וועלט צו דער צופרידנקייט פון דיין גאָט. אויב ער גייט אויפן גלייכן וועג, לויט דיין בײַשפּיל, אויב ער פירט דיינע עסקים אין געהעריקן סדר, טו פאַר אים אַלצדינג, וואָס איז גוט, וואָרים דיין זון איז ער, אַ טייל פון דיין אייגענער נשמה. קער נישט

אָפּ דיין הארץ פון איס, אָדער דיין אייגן לייב וועט דיך פּלוכן. אויב ער איז פאַרשייט און איז עובר די געבאָטן פון אויפּפיר. און ער איז ווילד; אויב יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל, איז פאַרדאָרבן; דאַמאָלט שלאָג אים, כּדי זיין רעדן זאָל זיין אָנשטענדיק. היט אים אָפּ פון די, וואָס נעמען לייכט דאָס, וואָס איז געבאָטן. וואָרים זיי זענען דאָס די, וועלכע מאַכן אים ווידערשפּעניק. און די, וואָס ווערן געפירט פאַרבלאָנדזשען נישט, אָבער די, וואָס האָבן נישט קיין דרך-ארץ, קענען נישט געפינען קיין גלייכן וועג.

13. אויב דו ביסט אַ ראָטגעבער, האַנדל אַלעמאָל וועדליק די אָנווייזונגען, וואָס זענען דיר געמאַכט געוואָרן אַין אָנהייב פון טאָג. גיי נישט אַוועק, אָדער דו זאָלסט אויסגעשלאָסן ווערן. אָבער זיי גרייט ביי דיין אַריינקומען מיט דיין באַריכט. באַקוועם איז די שטול פון דעם, וואָס האָט געדרשנט, דער באַראָטונג-קאַמער פירט זיך לויט שטרענגע כּללים; און אַלע זיינע פּלאַנען זענען אין הסכּם מיט די כּללים. עס איז דער גאָט, וועלכער דערהויבט איינעם צו זיצן דערינען — — — — — — — — — — — — —

14. אויב דו ביסט צווישן מענטשן, געווין פאַר דיר ליבע, דער אָנהייב און דער סוף פונם הארץ. דער, וואָס ווייס זיין וועג, וועט זאָגן צו זיך אַליין (זעענדיק דיך): „ער, וואָס האָט זיך אויפגעפירט געהעריק, איז געוואָרן דער באַזיצער פון רייכטום; איך וועל נאָכטון זיין אויפפיר”. זאָלסט האָבן אַ גוטן נאָמען, אַפילו ווען דו רעדסט נישט; דיין גוף זאָל געשפּייזט ווערן; דיין „פּנים זאָל (געזען) ווערן צווישן די שכנים; דו זאָלסט פאַרזאָרגט ווערן מיט דעם, וואָס עס פעלט דיר. דער מענטש, וואָס זיין הארץ דינט זיין מאָגן, רופט אַרויס ווידער-

הילן אָנשטאָט ליבע. זיין האַרץ איז מיט אומגליק (?), זיין בוך איז צוגאָסן. ער איז העזהדיק צו די, וואָס דינען צו דעם באָט. דער, וואָס דינט זיין מאָגן, האָט אַ שונא *)

15. טייל־מיט דיינע טאוונגען, אָן פאַרבאָרגעניש; אָנט־פלעק דיין אויפפיר, ווען דו האָלטסט־אָפּ אַ ראָט מיט דיין אויבערהאַר. עס איז נישט קיין בייז פאַרן אונטערגעוואָרפענעם, אויב דער פּרינץ ענטפערט אים נישט „יאָ, איך ווייס עס„ וואָ־רים דאָס, וואָס ער ווייס, נעמט דאָס נישט אַריין, אויב ער (דער פּרינץ) מיינט, אַז ער וועט זיך צוליב דעם אים אָנט־קעגנשטעלן, (טראַכט ער), „ער וועט שווייגן, מחמת איך האָב בערעדט״ **).

16 אויב דו ביסט אַ פירער, זע, אַז די געזעצן, וואָס דו האָסט באַפוילן, זאָלן אויסגעפירט ווערן; און טו אַלע זאַכן ווי איינער, וואָס געדענקט אָן די טעג, וואָס קומען שפּעטער, ווען רעדן העלפט מער נישט. זיי נישט פאַרשווענדעריש מיט טובות; דאָס פירט צו קנעכטשאַפט (?), עס ברענגט צו נאָכ־לעסיקייט.

17. אויב דו ביסט אַ פירער, זיי גרויסמוטיק, ווען דו הערסט זיך צו צו די רייד פון אַ בעטער. לאָז אים נישט צע־בּרען איבערצוגעבן דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט דיר צו זאָגן: אָבער זיי ווילינג צו פאַרריכטן זיין שאָדן. לאָז אים רעדן פריי אַז דאָס, נאָך וואָס ער איז געקומען, זאָל קענען געטון ווערן. אויב ער צעגערט צו עפענען זיין האַרץ, ווערט געזאָגט: „עס

---

*) זיין מאָגן טאָקע.

**) די עגיפּטאָלאָגן זענען נישט צופרידן מיט דער איבערזעצונג פון רעמדאָזיקן זאַץ, וועלכער קלינגט אומפאַרשטענדלעך.

איז דערפאַר, וואָס ער (דער ריכטער) האָט געטון די עולה, וואָס קיין בקשות זענען צו אים נישט גצמאַכט גצוואָרן מכח דעם ענין מצד די, וואָס זיי איז עס נוגע (?), אָבער אַ האַרץ מיט גוטע מחשבות הערט גרייטוויליק.

18. אויב דו באַגערסט אָנצעהאַלטן פריינטשאַפט אין יעדן הויז, וואוהין דו גייסט אַריין, טו עס ווי אַ האַר, ווי אַ ברודער, אָדער ווי אַ פריינט; וואו נאָר דו גייסט, מייד אויס זיך צו חברן מיט ווייבער. עס איז נישטאָ קיין הצלחה אין דעם אָרט, וואו דאָס ווערט געטון. אויך איז עס נישט קלוג זיך צו באַטייליקן דעריין; אַ טויזנט מאַנסבילן זענען רואינירט געוואָרן פאַר דעם תענוג פון אַ ווייל, וואָס איז קורץ ווי אַ חלום. אפילו צום טויט פירט עס; ס'איז אַן אומגליקלעכער ענין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

19. אויב דו באַגערסט, אַז דיינע מעשים זאָלן גוט זיין, האַלט זיך אָפּ פון יעדן מין שלעכטס, און היט זיך פון האָב־זיכטיקייט, וואָס דאָס איז אַ שמערצלעך אינוויינדיקסט (?) תולאת. זאָל דיך קיין נסיון נישט איבערגעוועלטיקן. דאָס האָט געבראַכט צו קריגעריי צווישן שוועסטערס און די קרובים פון דער שנור; דאָס האָט צוריסן ווייב און מאַן; דאָס האָט אין זיך אָנגעקליבן אַלע שלעכטסן; דאָס איז דער גאַרטל פון אַלע זינד. אָבער דער מענטש, וואָס איז גערעכט, געדייעט; דער אמת איז אויף זיין יעדן פוס־טריט, און ער וואוינט אין דעם אמת, נישט אין דעם הויז פון האָבזיכטיקייט.

20. זיי נישט האָבזיכטיק, פאַרגעם נישט קיין פרעמד בעלק. זיי נישט האָבזיכטיק צו דיינע שכנים; וואָרים פאַר אַ פיינעם מענטש איז לויב נוצלעכער ווי מאַכט. דער, וואָס איז האָבזיכטיק, קומט אַ ליידיקער פון זיינע שכנים, וואָרים עס

פעלט אים דער גלויבן פון שמועס. אַ מענטש ליידט פון חרטה פאַר אַפילו אַביסל האַזיבט, ווען זיין בויך קילט זיך אָפּ.

21. אויב דו ווילסט זיין קלוג, באַזאָרג דיין הויז, און האָב ליב דיין ווייב, וואָס איז אין דיינע אָרעמס. פיל-אָן איר מאָגן, באַקלייד איר גוף; בוימאייל איז אַ באַלזאַם צו אירע גלידער, דערפריי איר הארץ דורך דער צייט פון דיין לעבן, ווארים זי איז אַ באַזיץ, וואָס באַרייכערט דעם האַר. זיי נישט שטרענג, ווארים צאַרטקייט באַהערשט זי גיכער ווי כח. גיב איר דאָס, וואָס זי זעט און אויף וועלכן זי האָט אַן אויג; אַזוי זאָלסטו זי האַלטן אין דיין הויז.

22. באַפרידיק דיינע געדונגענע קנעכט מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס דו האָסט; עס איז דער חוב פון דעם, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון דעם גאָט. אמת, עס איז שווער צו באַפרידיקן געדונגענע קנעכט. ווארים איינער (אַ קנעכט) האָט געזאָגט: „ער איז אַ שטרענגער מענטש, אַזוינער, וואָס ווייס נישט וואָס. עס קומט (פון אים)". אָבער צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער גע-טראַכט: „ער איז אַ פונקטלעכער מענטש — — — — — — —" און ווען מען האָט געטון טובות צו די קנעכט, האָבן זיי גע-זאָגט: „מיר גייען". קיין פרידן וואוינט נישט אין דער שטאָט, וואו עס וואוינען קנעכט, וואָס זענען אומגליקלעך (?)

23. חזר נישט איבער קיין בייזע רייד, אויך זאָלסטו נישט האָרכן צו זיי, ווארים זיי זענען דער אויסגוס פון אַ גוף, וואָס איז אָנגעצויגן פון גרימצאָרן. ווען אַזוינע רייד ווערן דיר איבערגעזאָגט, הער נישט צו צו זיי. קוק אַראָפּ צו דר׳ערד. זאָג גאָרנישט וועגן דעם, אַזוי אַז דער, וואָס איז פאַר דיר, זאָל קלוג ווערן *) אויב דו ווערסט באַפוילן צו באַגיין אַ גנבה, טו אַזוי, אַז דער באַפעל זאָל פון דיר אַראָפּגענומען

*) און

ווערן. ווארים דאס איז א זאך, וואס איז פארהאסט לויטן געזעץ **). דער, וואס צושטערט א איינבילדעניש, דער איז דער שלייער איבער דעם.

24. אויב דו ווילסט זיין א קלוגער מענטש און איינער, וואס איז אין ראט מיט זיין איבערהאר, מאך דיין הארץ צו פולער לויטערקייט. שווייגן איז ריוחדיקער פאר דיר ווי אן איבערפלוס פון רייד. האב אין זינען, אז א געניטער, וואס רעדט אינם ראט, קאן דיך מבטל זיין. עס איז א נארישע זאך צו רעדן וועגן יעדער זאך. ווארים דער, וואס נעמט-אויף דיינע רייד אין א דיספוט, וועט וועלן ראיות.

25. אויב דו באזיצסט מאכט, זע, אז דו זאלסט געערט ווערן פאר דיין וויסן און פאר דיין פריינטלעכקייט. רעד ווי א בארופענער, נישט ווי איינער, וואס האט עס זיך איינגעחזרט, ווארים דער, וואס איז באשיידן (בעת ער איז אויף א הויכער מדרגה) פאלט אריין אין טעותן. רעג נישט אויף דיין הארץ: בדי עס זאל דערנאך נישט פאלן נידעריק. שווייג נישט, אבער היט זיך איבערצושלאגן (יענעמס רייד) אדער ענטפערן היציק. האלט זיך ווייט פון אזוינס. באהערש זיך אליין. א צארנדיק הארץ רעדט בייזע רייד; זיי פאדערן ארויס דעם פרידלעכן מענטש, וואס קומט אנטקעגן, אפהאלטנדיק זיין וועג.

דער, וואס ציט אונטער חשבונות דעם גאנצן טאג, לאזט נישט אדורך קיין פריידיקע מינוטן; דער, וואס דערפרייט זיין הארץ דעם גאנצן טאג, פארזארגט נישט זיין הויז. דער בויגנשיסער טרעפט אין ציילן, ווי דער רודערער גרייכט די יבשה —

**) זיך אויפפירן אזוי, אז יענער זאל זיך אנשטויסן דאס ערזוס (אדער רעדט) שלעכטס אין תרמה קריגן.

דורך פאַרשיידענע מיטל. דער, וואָס פאָלגט זיין האַרץ, זאָל באַפעלן.

26. זאָל קיין פרינץ נישט געהינדערט ווערן, בשעת ער איז פאַרנומען; אויך באַשווער נישט דאָס האַרץ פון דעם, וואָס איז שוין באַלאָדן. וואָרים ער וועט זיין א שונא צו דעם, וואָס הינדערט אים, אָבער ער וועט אַנטפּלעקן זיין נשמה צו דעם, וואָס ליבט אים. דער געוועלטיקער איבער נשמות איז דער גאָט, און דאָס, וואָס ער האָט ליב, איז זיין באַשאַף. אַנטלויף, דעריבער, פון ווילדע מחלוקתן; לעב אין פרידן מיט דעם, וואָס איז צו דיר פיינטלעך. בלויז אַזוינע נשמות מאַכן וואַקסן ליבע.

27. לערן אַן אדעלמאַן אַזוינע זאַכן, וואָס וועלן אים זיין צום נוץ; דערצי אים, אַז ער זאָל קענען קומען צווישן לייטן. זאָל זיין צופרידנקייט פאַלן אויף זיין מייסטער, וואָרים דיין חיונה הענגט-אָפּ פון זיין ווילן. צוליב דעם וועט דיין מאָגן באַפרידיקט זיין, דיין לייב באַקליידט זיין. לאָז אים נאָענט ווערן צו דיין האַרץ, אַזוי אַז דיין הויז זאָל בליען און דיין כבוד — אויב דו ווילסט, אַז ער זאָל בליען — אויך. ער זאָל דיר אויסשטרעקן אַ פריינטלעכע האַנט. נאָך מער: ער זאָל פאַרפלאַנצן די ליבע צו דיר אין די קערפּערס פון דיינע פריינט.

28. אויב דו ביסט אַ זון פון אַ מאַן, וואָס געהער צו די פּריסטער, און אַן אויסדערוויילטער צו געווינען דעם המון, זאָלסטו אין דיין רעדן נישט שטעלן זיך אויף איין צד. זאָל נישט געזאָגט ווערן: „זיין אויפפיר איז אַזוי ווי פון די אדעליייט, שטעלנדיק זיך אויף איין צד". מאַך דאָס גערעכט זיין צו דיין ציל.

29. אויב דו ביסט אַמאָל געווען גנעדיק דערמיט, וואָס דו האָסט אַ מענטשן פאַרגעבן, כדי אים צו פירן /אויפן גלייכן וועג/, מייד אים אויס, דערמאָן אים נישט נאָכן ערשטן טאָג, אַז ער האָט געשוויגן צו דיר /וועגן דעם/.

30. אויב דו ביסט אַ גרויסער מאַן, נאָכדעם ווי דו ביסט געווען אין שפלות, און האָסט דערגרייכט רייכטום און גרויס אָנזען אין שטאָט, און דו באַזיצסט וויסן פון נוצלעכע ענינים, אַזוי אַז דו ביסט דערהויבן געוואָרן, דאַמאָלט טו נישט אַריין דיין האַרץ אינם עשירות, וואָרים דו ביסט געוואָרן צו אַ דינער פון דעם גאָטס גאָב. דו ביסט נישט דער לעצטער; אַן אַנדערער וועט ווערן דיינס גלייכן און צו אים וועט קומען רייכטום און מדרגה.

31. בויג דיין רוקן פאַר דיין עלטסטן, דיין אויפזעער אין קיניגס פּאַלאַץ, וואָרים דיין הויז העגנט-אָפּ פון זיין פאַרמעג; ווי נאַריש איז עס, ווען איינער קריגט זיך מיט זיין עלטסטן, בשעת ער לעבט דערפון, וואָס ער /זיין עלטסטער/ איז גנעדיק.

פּלינדער נישט די וואוינונגען פון דיינע שכנים; אויך גנבע נישט קיין זאַכן פון אַ פּריינט — — — — — מחלוקה אויפן אָרט פון פּרייבטשאַפט איז אַ נאַרישע זאַך.

32. אויב דו ווילסט דערגריין די טבע פון א פריינט, פרעג נישט וועגן דעם זיינס אַ באַקענטן, נייערט פאַרברענג אַ צייט מיט אים אַליין, כדי דו זאָלסט נישט שעדיקן זיינע עסקים. שמועס מיט אים נאָכן זמן פון אַרבעט. פּראָביר אויס זיין האַרץ בשעתן רעדן. ווען ער זאָגט דיר זיין פאַרגאַנגען לעבן, האָט ער דיר געגעבן די געלעגנהייט אָדער פאַרשעמט צו ווערן פאַר

אים, אָדער צו ווערן נאָענט צו אים. זיי נישט צוריקגעהאַלטן צו אים, ווען ער מאכט-אויף זיין האַרץ. אויך ענטפער אים נישט אויף אַ שפּאָטישן אופן. צורייס נישט מיט אים, אויך שלאָג נישט איבער דעם, וואָס זיין טוען איז נאָך נישט צום סוף, וואָס עס איז נאָך מעגלעך פון אים גוטס צו האָבן.

33. זאָל דיין פּנים זיין ליכטיק דורך דער צייט פון דיין לעבן. דאָס, וואָס גייט אין שפּייכלער אַריין, מוז אַרויסקומען פון דאָרט; און מיט ברויט דאַרף מען זיך צוטיילן. דער, וואָס האָט פאַרגעניגן פון פאַרכאַפּן, זאָל אַליין האָבן אַ לייד ק מאָגן; דער, וואָס רופט אַרויס מחלוקה, ברענגט אויף זיך אַליין טרויער. נעם נישט אַזוינעם פאַר דיין געזעל. עס זענען דעם מענטשנס גוטע מעשים, וואָס מען געדענקט זיי יאָרן נאָך זיין לעבן.

34. קאָן גוט דיינע הענדלער; וואָרים ווען דיינע עסקים זענען אין אַ שלעכטן מעמד, איז דיין גוטער נאָמען צווישן דיינע פריינט אַ קאַנאַל (?), וואָס ווערט אָנגעפילט. דאָס איז וויכטיקער ווי די כּבודים פון אַ מענטש; און דאָס רייכטום פון איינעם גייט צו אַן אַנדערן. דער גוטער נאָמען פון איינעמס זון איז אַ רום אויף אים; און אַ גוטער כאַראַקטער בלייבט אין זכּרון.

35. פאַרריכט טיכטיק; לערן ריכטיק. זינד מוזן אָפּגעמעקט ווערן, כּדי גוטע מידות זאָלן בלייבן. אויך איז דאָס נישט קיין שלעכטער ענין, וואָרים דער, וואָס איז אַ ווידערשפּרעכער, ווערט אַ מחלוקה-מאַכער.

36. אויב דו מאַכסט, אַז אַ פרוי זאָל זיך פאַרשעמען פאַר דעם לייכטזין פון איר האַרץ, אַזוינע, וואָס אירע שטאָט-

לייט ווייסן, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט — זיי פריינטלעך צו איר, גיב איר אַן אָרט, שיק זי נישט אַוועק. גיב איר צו עסן דאָס גוטע אין איר האַרץ זאָל אָפּשאַצן דיין פירערשאַפט.

ג. אויב דו וועסט געהאָרכן די זאַכן, וואָס איך האָב געזאָגט צו דיר, וועט דיין גאַנצער אויפפיר זיין דער בעסטער. וואָרים, וואָרהאַפטיק, די מעלה פון אמת איז צווישן די מלכים. האַלט-אויף זייער אָנדענק אין די מיילער פון פאָלק, וואָרים זייערע שפּרוכן זענען גוט. אויך זאָל קיין איין וואָרט (וואָס איז דאָ פאַרשריבן געוואָרן) נישט פאַרגיין אין דעם דאָזיקן לאַנד אויף אייביק, נייערט עס זאָל געמאַכט ווערן צו אַ ביישפּיל פאַר פּרינצן ווי צו רעדן ערלעך. זיי (מיינע רייד) זאָלן לערנען אַ מענטש ווי ער זאָל רעדן, נאָכדעם ווי ער האָט זיי געהערט. אַ גוט מזל זאָל קומען אויף אים, וואָרים ער וועט זיין אויף דער העכסטער מדרגה. ער זאָל זיין גנעדיק ביזן סוף פון זיין לעבן; ער זאָל אַלעמאָל זיין צופרידן. זיין וויסן זאָל אים ווייזן דעם וועג צו אַן אָרט פון זיכערקייט, וואו ער זאָל האָבן שפע, בשעת ער לעבט אויף דער ערד. דער תלמיד זאָל זיין צופרידן אין זיין וויסן. וואָס עס איז שייך דעם פּרינץ, זאָל, וואָרהאַפטיק, זיין האַרץ זיין גליקלעך; זיין לשון זאָל זיין געהעריק און (לויט די דאָזיקע שפּרוכן) זאָלן זיינע ליפּן רעדן. זיינע אויגן זאָלן זען און זיינע אויערן זאָלן הערן דאָס, וואָס איז פון נוץ צו זיין זון, אַזוי אַז ער זאָל זיך פירן גערעכט, אַנטלויפנדיק פון באַטרוג.

37. אַ הערלעכע זאַך איז דאָס פאָלגן פון אַ געהאָרכזאַמען זון; ער קומט אַריין און הערט געהאָרכזאַם *)

---

*) די גאַנצע מגילה פון האָרכן, געהאָרכן, פאָלגן ציט זיך ביז לאַנגווייל. אָבער דאָס איז געווען די שרייב-מאָדע אין אַלט-מצרים. די אָפטע איבערחזרונג פון האָרכן-פאָלגן איז אַ וואָרט-שפּיל, געבויט אויפן עגיפּטישן וואָרט „סאָדעם״.

גרויסאַרטיק אין האַרכן, גרויסאַרטיק אין רעדן איז איט-לעכער מענטש, וואָס פאָלגט דאָס, וואָס איז איידל; און דאָס פאָלגן פון דעם געהאָרכזאַמען איז אַ שיינע זאַך.

געהאָרכזאַמקייט איז בעסער פון אַלע אַנדערע זאַכן, וואָרים דאָס שאַפט פאַרשטענדניש.

ווי גוט איז, אַז דער זון זאָל איבערנעמען פון זיין פאָטער דאָס, צוליב וועלכן ער האָט דערגרייכט אַ הויכע עלטער.

דאָס, וואָס דער גאָט וויל, איז געהאָרכזאַמקייט; נישט-געהאָרכן איז אַ בושה פאַר דעם גאָט.

וואָרהאַפטיק, עס איז דאָס, וואָס מאַכט זיין האַר צו גע-האָרכן אָדער נישט געהאָרכן; וואָרים דאָס זיכערע און פעסטע אין אַ מענטשנס לעבן איז זיין האַרץ.

עס איז דער געהאָרכזאַמער מענטש, וואָס פאָלגט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן; דער, וואָס האָט ליב צו פאָלגן, זאָל אויך באַפעלן. דער, וואָס געהאָרכט, ווערט געהאָרכט.

38. עס איז וואויל, ווען אַ זון געהאָרכט זיין פאָטער; און ער (זיין פאָטער), וואָס האָט גערעדט, האָט גרויס נחת דער-פון. אַזאַ זון וועט זיין מילד, ווען אַ מייסטער; און דער, וואָס הערט אים, וועט געהאָרכן זיינע רייד. ער וועט זיין ליב אין זיין געשטאַלט און געאַכט פון זיין פאָטער. זיין אָנדענק וועט זיין אין די מיילער פון די לעבעדיקע, די, וואָס אויף דער ערד, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן זיין.

39. זאָל דער זון פאַרנעמען דאָס וואָרט פון זיין פאָטער מיט פאָרזיכט אויף יעדן כלל זיינעם. לערן דיין זון דעריין, וואָרים דער געהאָרכזאַמער מענטש וועט וואוילגעפעלן אין די אויגן פון פרינצן. אויב זיין מויל רעדט דאָס, וואָס איז אים געלערנט געוואָרן, מיט פאָרזיכט און געהאָרכזאַם, וועט ער זיין אַ חכם און זיינע שריט-פאַסיק. אומפאָרזיכט פירט מאָרגן צו

בישט-געהאָרכזאַמקייט; אָבער פאַרשטענדניש זאָל אים גרונטפעסטיקן. און דער נאַר זאָל צוריבן ווערן.

40. וואָס שייך איז צום נאַר, דעם ליידיקן פון געהאָרכזאַמקייט, טוט ער גאָרנישט. געלערנטזאַמקייט באַטראַכט ער ווי אומווּיסן; נוצלעכע זאַכן ווי שעדלעכע זאַכן. ער באַגייט צלערליי טעותן, אַזוי אַז ער ווערט דערפאַר געמוסרט איטלעכן טאָג. ער לעבט צוליב דעם אין טויט *); דאָס איז זיין שפּייז. ער ווערט נתפּעל פון פּלוידעריי ווי פון דער חכמה פון פּרינצן, לעבנדיק אין טויט יעדן טאָג. ער ווערט אויסגעמידן מחמת זיין שלעכטער מערכה, דורך דער סיבה פון אָן אַ שיעור יכורים, וואָס באַפאַלן אים יעטווידן טאָג.

41. אַ זון, וואָס האָרכט, איז ווי אַ יורש פון האָרוס**). ער איז גוט, נאָכדעם ווי ער הערט זיך צו; ער גרייכט טיפע עלטער, ער קריגט כּבוד און ער ווערט געערט. ער גיט עס איבער, אויף דעם אייגענעם אופן, צו זיינע זין און טעכטער, אַזוי אַרום באַנייט ער די לערע פון זיינע אבות. יעדער מענטש לערנט (זיינע קינדער) ווי עס האָט אים געלערנט זיין געבעדער, איבערחזורנדיק צו זיינע קינדער. זאָלן זיי ווייטער רעדן צו זייערע זין און טעכטער, כּדי זיי זאָלן קריגן רום פאַר זייערע מעשים. זאָל דאָס, וואָס דו רעדסט, פאַרפלאַנצן אמת און יושר אין דעם לעבן פון זייערע קינדער. דאַמאָלט וועט די העכסטע מאַכט קומען און זינד וועלן זיך אָפּטין (פון זיי) און אַזוינע, וואָס וועלן זען דידאָזיקע זאַכן, וועלן זאָגן: „יאָ, דערדאָזיקער מענטש האָט גערעדט מיט אַ גוטן מיין" און זיי וועלן זיך אויך

*) ד. ה. ער איז נאָך בײַם לעבן, ווי טויט.

**) „די יורשים פון האָרוס", לעגענדאַרישע דינאַסטיע פון האַלבגעטער אין מצרים.

אַזוי פירן. אָדער (זיי וועלן זאָגן): „זיכער האָט דערדאָזיקער מענטש געריידט פון געוואָרווערנדיק" און אַלע מענטשן וועלן רופן: „דאָס זענען זיי, וואָס דאַרפן פירן דאָס פאָלק; די כבודים זענען נישט פול אָן זיי."

נעם נישט אַראָפּ קיין איין וואָרט. אויך שטעל נישט צו קיין איין וואָרט; שטעל נישט אַריין איינס אויפן אָרט פון אַנדערן. היט זיך אָפּ פון עפּעןן..... אין דיר.

זיי פאָרזיכטיק מיט רייד, ווען אַ געלערנטער מענטש הערט זיך צו צו דיר. זע צו זיין שטאַנדהאַפטיק אויף שטענדיק אין די מיילער פון די, וואָס הערן דיך רעדן. אויב דו ביסט אָנגעקומען ווי אַ געניטער, רעד מיט ערלעכע ליפּן, כדי דיין אויפפיר זאָל זיין אָרנטלעך.

42. מעג דיין האַרץ זיין איבערפולט, אָבער האַלט דיין מויל. זאָל דיין אויפפיר זיין גוט, ווען צווישן אַדעלליים און אָרנטלעך פאַר דיין האַר, טוענדיק דאָס, וואָס ער האָט באַפוילן. אָט אַזאַ זון זאָל רעדן צו די, וואָס האָרכן צו אים; נאָך מער: זיין געבערער זאָל באַלוינט ווערן. טו־אַריין דיין האַרץ, בשעת דו רעדסט, כדי דו זאָלסט זאָגן זאַכן, אַז די אַדעלליים, וואָס זיי הערן צו דיר, זאָלן רופן: „ווי גרויסאַרטיק איז דאָס, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל!"

43. פיר־אויס די געבאָטן, וואָס דיין האַר האָט דיר געגעבן. ווי וואויל איז די לערע פון אַ מענטשנס פאָטער, וואָרים ער קומט אַרויס פון אים, וועלכער האָט גערעדט וועגן זיין זון, בשעת ער איז נישט געווען געבוירן; און דאָס, וואָס עס איז פאַר אים (דעם זון) געטון געוואָרן, איז מער ווי דאָס, וואָס איז אים באַפוילן געוואָרן. וואָרהאַפטיק, אַ גוטער זון איז דער גאָב פון דעם גאָט; ער טוט מער ווי עס איז אים אָנגעזאָגט

געוואָרן. ער פירט זיך ריכטיק און ער טוט־אריין זיין הארץ אין אלע זיינע שריט.

ה. אויב דו ווערסט דערגרייכן מיין מדרגה, וועט דיין לייב געדייען; דער קיניג וועט זיין מיט אלץ, וואָס דו טוסט און דו וועסט זאַמלען יאָרן פון לעבן, נישט מינער פון מיין צייט אויף דער ערד. איך האָב אָנגעזאַמלט עלף צענדליקער לעבנס־יאָר, וואָרים דער קיניג האָט געשפּרייט איבער מיר מער גנאָד ווי איבער מיינע אבות; דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב געטון אמת און גערעכטיקייט פאַרן קיניג, ביז אין מיין טיפן עלטער.

עס איז געענדיקט פון אָנהויב ביזן סוף,
אַזוי ווי עס איז געפונען געוואָרן געשריבן.

דאָס אָנקומען פון דער גרויסער קיניגין

אמאָן-ראַ, דער קיניג פון די געטער, האָט זיך געזעצט
אויף זיין טראָן און אַרום אים זענען געשטאַנען די גרעס-
טע געטער און געטינס. ביי זיין רעכטער האַנט איז גע-
ווען אָזיריס, געקרוינט מיטן גרויסן ווייסן קרוין פון דרום-
לאַנד; ביי זיין לינקער האַנט איז געווען מענטו, דער גאָט
פון מלחמה, און אויפן קאָפּ פון מענטו זענען געווען צוויי גרוי-
סע פעדערן און די גליענדיקע קויל פון דער זון; מיט אָזיריסן
זענען געווען די צווילינג-געטינס, איזיס און נעפטיס. הינ-
טער זיי זענען געשטאַנען האטהאָר, די געטין פון ליבע*);
האָרוס, דער זון פון איזיס, מיט זיינע ווייט-זעענדיקע פויגל-
אויגן; און אַנוביס, דער זון פון נעפטיס, דער געטרייער
וועכטער פון איזיס. מיט מענטו זענען געווען אַטמו, דער
גאָט פון זונפאַרגאַנג; שו און זיין צווילינג-שוועסטער טעפ-
נעט; געב, דער ערד-גאָט און נוט, די הימל-געטין.
אַמאָן-ראַ, דער קיניג פון די געטער, איז געזעסן אויף

*) אַפראָדיטע ביי די גריכן.

זיין טראָן און געקוקט אויף די לענדער פון מצרים און ער האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן: „איך וועל באַשאַפן אַ קיניגין צו געוועלטיקן איבער טאַמערי. איך וועל פאַרבינדן די ביידע לענדער אין שלום, און אין אירע הענט וועל איך איבערענט-פערן די גאַנצע וועלט. אשור, נוביא און פונט, דאָס לאַנד פון די געטער, זאָלן זיין אונטער איר ממשלה". און ווען ער האָט גערעדט, האָט שטילקייט געשוועבט צווישן די געטער.

בשעת דער קיניג פון די געטער האָט נאָך גערעדט, איז אָנגעקומען טהאָטה, דער צווייטאָל-גרויסער, דער באַשאַפער פון כשוף, דער האַר פון קהעמענו. ער האָט געהאָרכט צו די רייד פון אַמאָן-ראַ און אַזוי געזאָגט:

„אָ, אַמאָן רא, האַר פון די טראָגנען פון די צוויי לענדער, קיניג פון די געטער, באַשאַפער פון די מענטשן. זע! אין דעם שווארצן לאַנד איז אין פּאַלאַץ פון דעם מלך פאַראָן אַ פרוי, העל און פּראַכטיק איז זי אין אַלע אירע גלידער. אַאהמעס איז איר נאָמען און זי איז דאָס ווייב פון דעם פרעה פון מצרים. בלויז זי קאָן זיין די מוטער פון דער גרויסער קיניגין, וואָס דו ווילסט באַשאַפן צו געוועלטיקן איבער די צוויי לענדער. זי איז אין פּאַלאַץ פון דעם מלך. קום, לאָמיר גיין צו איר".

טהאָטהס געשטאַלט איז דאָס געשטאַלט פון אַן איביס**).

אַזוי אַז ער קאָן שוועבן פלינק אין לופט און קיינער זאָל אים נישט דערקענען. און ווי אַן איביס איז ער אַוועק צום פּאַלאַץ פון קיניג. אַמאָן-רא האָט אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון דעם פרעה פון מצרים. גרויסאַרטיק איז געווען זיין גאַנג. אויף זיין האַלז האָט ער געטראָגן אַ פינקלדיקן באַנד פון גאָלד און הער-לעכע איידלשטיינער; אויף זיינע הענט זענען געווען בראַסלעטן

*) איביס — אַ גרויסער פויגל מיט אַ לאַנגן געדרייטן שנאָבל.

פון ריינסטן גאָלד און אַמבער. אין איין האַנט האָט ער גע-טראָגן דעם סצעפּטער פון מאַכט און אין דער אַנדערער האַנט— דעם עמבלעם פון לעבן. הערלעך איז ער געווען ווי די זון אין מיטן טאָג און די פּערפומען פון לאַנד פּ ו נ ט *) האָבן גע-דופט אַרום אים.

אין דעם פּאַלאַץ פון מלך פון מצרים איז געווען די מלכּה אַאַהמעס און עס איז געווען נאַכט. זי איז געלעגן אויף איר בעט און שלאָף איז געווען אויף אירע אויגנלעדלעך. ווי אַן איידל-שטיין איז זי געווען אין איר שיינקייט און דער זאַל, וואו זי איז געשלאָפן, איז געווען ווי אַ ראָם צום איידלשטיין. פון שוואַרצן בראָנז און אַמבער, אַקאַציע-האָלץ און עבנהאָלץ זענען געווען די באַפּוצונגען פון פּאַלאַץ. דאָס בעט איז געווען אין דער פאָרם פון אַ מוראַדיקן לייב.

דורך די צוויי גרויסע טירן פון פּאַלאַץ זענען אַריינגע-קומען די געטער; קיינער האָט זיי נישט געזען, קיינער האָט זיי נישט באַמערקט. און דאַן איז געקומען נ יי ט, די געטין פון ס יי ס, און ס ע ל ק, די סקאָרפּיאָן-געטין. אויפן קאָפּ פון נייט איז געווען די שילד און בויגנס; אויפן קאָפּ פון סעלק, אַ סקאָרפּיאָן, מיטן עמבלעם פון לעבן אין יעדן נאָגל.

די פּערפום-ריחות פון פּ ו נ ט האָבן אָנגעפילט דעם זאַל און די מלכּה אַאַהמעס האָט אויפגעוואַכט און דערזען אַמאָן-רא, דעם קיניג פון די געטער, דעם באַשאַפער פון די מענטשן. אין מלכותדיקייט און פּראַכט איז ער דערשינען פאַר איר און איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד. ער האָט געהאַלטן אַנטקעגן איר דעם צייכן פון לעבן. אין אירע הענט האָט ער אַריינגעלייגט דעם צייכן פון לעבן און דעם סצעפּטער פון מאַכט.

---

*) אַראַביע.

און נייט און סעלק האָבן אויפגעהויבן דאָס בעט, וואו די מלכּה האָט גערוט און עס געהאַלטן אין לופטן, כּדי זי זאָל געטראָגן ווערן הויך איבער דער ערד, וואו די שטאַרבלעכע מענטשן לעבן, וואָרים זי האָט גערעדט מיט די אומשטאַרבלע־כע געטער.

דאַמאָלט האָט אַמאָן־רא זיך צוריקגעקערט און זיך גע־זעצט אויפן טראָן צווישן די געטער. און ער האָט געלאָזט רופן קהנום, דעם באַשאַפער, דער, וואָס פאָרמירט די קער־פּערס פון מענטשן און וואָס ער וואוינט לעבן די אימפּעטיקע שטראָמען פון וואַסערפאַל. צו קהנום האָט ער באַפוילן, זאָגנ־דיק: אָ, קהנום, דו שמעלצער פון מענטשלעכע קערפּערס, גע־שטאַלטיק פאַר מיר מיין טאָכטער, די, וואָס וועט זיין די גרוי־סע קיניגין פון מצרים. וואָרים איך וועל געבן צו איר דאָס גאָרע לעבן און צופרידנקייט, גאָר דאָס באַשטענדיקע און יעדע פרייד פון הארץ — אויף אייביק".

קהנום, דער באַשאַפער, דער שמעלצער פון מענטשלעכע קערפּערס, דער, וואָס וואוינט ביים וואַסערפאַל, האָט געענט־פערט צו אַמאָן־רא: „איך וועל געשטאַלטיקן פאַר דיר דיין טאָכטער און איר געשטאַלט זאָל זיין הערלעכער פון די גע־טער, צוליב דער גרויסקייט פון איר ווערדע אַלס קיניגין פון דרום און צפון".

דאַן האָט ער געבראַכט זיין טעפּער־ראָד און ער האָט גענומען ליים און מיט די הענט האָט ער געפאָרעמט דעם גוף פון דער טאָכטער פון דער מלכּה אַאהמעס און אויך דעם גוף פאַר איר גייסט. און דער גוף פון דעם קינד און דער גוף פון דעם גייסט זענען געווען גלייך, איינער צום אַנדערן אין זייערע גלידער און אין זייערע געזיכטער און קיינער, אַ חוץ די געטער, וואָלט נישט געקענט מאַכן קיין צווישנשייד. הער־

לעך זענען זיי (די קערפערס) געווען מיט דער הערלעכקייט פון אַמאָן-רא, הערלעכער פון די געטער.

לעבן דעם טעפערס ראָד האָט געקניט ה ע ק ט, די האַרינטע פון ה ע ר ו ר, די געטין פון געבורט. אין יעדער האַנט האָט זי געהאַלטן דעם צייכן פון לעבן און בשעת דאָס ראָד האָט זיך געדרייט און די קערפערס זענען געשטאַלטיקט געוואָרן, האָט זי די צייכנס פון לעבן געהאַלטן איבער די קערפערס, כדי עס זאָל אַריין לעבן אין דעם טויטן ליים.

דאַמאָלט זענען קהנום, דער שמעלצער פון מענטשלעכע קערפערס און העקט, די געטין פון געבורט, געקומען אינם פּאַלאַץ פון דעם פרעה פון מצרים; און מיט זיי איז געקומען איזיס, די גרויסע מוטער, און איר שוועסטער נעפטיס; אויך מ ע ס ק ה ע נ ט און ט אַ-א ו ר ט און ב ע ס, דער באַשיצער פון קינדער. די גייסטער פון פ ע און די גייסטער פון ד ע פ זענען מיט זיי מיטגעקומען צו באַגריסן די טאָכטער פון אַמאָן-רא און פון דער מלכה אַאהמעס.

און ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָבן די געטינס זיך געפרייט און די גייסטער פון פ ע און די גייסטער פון ד ע פ האָבן געזונגען לויב-לידער פאַר איר כבוד וועגן, וואָרים די טאָכטער פון אַמאָן-רא איז געקומען, כדי צו זיצן אויפן טראָן פון האָרוס און צו געוועלטיקן איבערן לאַנד מצרים, פאַר דער הערלעכקייט פון די געטער. ה אַ ט ש ע פּ ס ו ט האָט מען זי גערופן, די איידלסטע פון די איידעלע פרויען, די געטלעכע פון די קרוינען, די געשעצטע פון די געטינס, די באַליבטע פון אַמאָן-רא. און צו איר האָבן די געטער באַוויליקט, אַז זי זאָל זיין די האַרינטע פון אַלע לענדער אין די גרענעצן פון דעם זונקרייז.

א. אַלמי

אַזיריס

אין אָנהייב האָט ראַ פאַרשאָלטן נוט, און די קללה איז געווען, אַז קיינס פון אירע קינדער זאָל נישט געבוירן ווערן אין וועלכן־ס׳איז טאָג פון וועלכן־ס׳איז יאָר. און נוט האָט געקלאָגט פאַר טהאָטה, וואָס האָט זי ליב געהאַט, טהאָטה, דער צוויימאָל־גרויסער, דער גאָט פון כשוף, געלערנט־זאַמקייט און חכמה. כאָטש די קללה פון דעם גרויסן גאָט ראַ האָט קיינמאָל נישט געקענט בטל ווערן, האָט טהאָטה מיט זיין חכמה געפונען אַן אויסוועג. ער איז אַוועק צו דעם לבנה־גאָט, וואָס זיין ליכטיקייט איז געווען כמעט אַזוי ווי דאָס ליכטיקייט פון דער זון, און ער האָט אים אַרויסגערופן צו אַ ווערפל־שפיל. גרויס איז געווען דער קאָן אויף יעדער זייט, אָבער דער גרעסטער פון דער לבנה, וואָרים ער*) האָט געשטעלט אין קאָן זיין אייגן ליכט. אַ קאָן נאָך אַ קאָן און די הצלחה איז כסדר געווען מיט טהאָטה׳ן, ביז לבנה האָט שוין מער נישט געוואָלט שפילן.

---

*) אין עגיפטיש איז די לבנה בלשון זכר.

דאמאָלט האָט טהאָטה, דער צווייכאָל-גרויסער, אויפגעזאמלט דאָס ליכט, וואָס ער האָט געוואונען און מיט זיין כח האָט ער דערפון געמאַכט פינף טעג. און זינט יענער צייט האָט לבנה נישט גענוג ליכט צו שיינען דעם גאַנצן חודש, נייערט ער פאַרשווינדט אין פינצטערניש און קומט דערנאָך פאַמעלעך צוריק צו זיין פולן גלאַנץ; וואָרים דאָס ליכט פון פינף פולע טעג איז פון אים צוגענומען געוואָרן. און דידאָזיקע פינף טעג האָט טהאָטה אַריינגעשטעלט צווישן סוף פון אַלטן יאָר און דעם אָנהייב פון נייעם יאָר, אָפּגעריקט פון יעדן; און אין דידאָזיקע פינף טעג זענען צו נ ו ט געבוירן געוואָרן די פינף קינדער: אָ ז י ר י ס, דעם ערשטן טאָג; ה אָ ר ו ס **) דעם צווייטן טאָג; ס ע ט, דעם דריטן טאָג; א י ז י ס, דעם פערטן טאָג און נ ע פ ט י ס, דעם פינפטן טאָג. אַזוי איז די קללה פון רא סיי פאַרפולט געוואָרן, סיי בטל געוואָרן. מחמת די טעג, וואָס אין זיי זענען די קינדער פון נוט געבוירן געוואָרן, האָבן נישט געהערט צו קיין שום יאָר.

ווען אָזיריס איז געבוירן געוואָרן, זענען גרויסע נסים און רמזים געהערט און געזען געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, וואָרים אַ קול האָט גערופן איבער דער גאָרער ערד: „דער האַר פון אַלצדינג איז צום לעבן געקומען!" און אַ פרוי, וואָס האָט געשעפּט וואַסער פון דעם הייליקן קוואַל אין טעמפּל, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט דער געטלעכער אַנטפּלעקונג און זי האָט געאיילט און גערופן: „אָזיריס, דער קיניג, איז געבוירן געוואָרן!".

מצרים איז נאָך געווען אַ ווילד לאַנד, וואו מענטשן

**) דאָ קומט אויס, אַז האָרוס איז אַ ברודער צו אָזיריס און איזיס-פעטערדיקע מיטאָלאָגיע פאַררעכנט אים פאַר זייער קינד.

האָבן זיך כסדר געשלאָגן און געגעסן מענטשלעך פלייש און גאָרנישט האָבן זיי געוואוסט פון די געטער; אָבער אָזיריס איז געוואָרן דער קיניג פון מצרים און ער האָט געלערנט זיין פאָלק ווי צו אַקערן די ערד און ווי צו זייען קאָרן און צו פלאַנצן וויינשטאָקן, און ער האָט זיי געלערנט ווי געהעריק צו אָכפערן די געטער און ער האָט געמאַכט געזעצן און ער האָט אָבגעווישט זייערע ווילדע זיטן. וואו נאָר ער איז געקומען, האָבן זיך די לייט געבוקט צו זיינע פיס, וואָרים זיי האָבן ליב געהאַט דעם סאַמע שטויב, וואָס ער האָט געטראָטן; און וואָס נאָר ער האָט באַפוילן, דאָס האָבן זיי געטון. אַזוי האָט אָזיריס געוועלטיקט איבער דעם פאָלק פון מצרים, ביז ער איז אַרויס פון מצרים, כדי צו ברענגען די פעלקער אונטער זיין הערלע־כער ממשלה.

אָבער סעט האָט פיינט געהאַט זיין ברודער אָזיריס, און ער האָט צו זיך פאַררופן צוויי און זיבעציק פאַרשווערערס און מיט זיי איז אויך געווען אַסאָ, די קיניגין פון כוש, און זיי האָבן געמאַכט אַ פלאַן, אַז ווען אָזיריס וועט צוריקקומען, זאָלן זיי אים טייטן און זעצן סעטן אויפן טראָן. אַזוי האָבן זיי גע־מאַכט זייער פלאַן און מיט שמייכלדיקע פנימער זענען זיי אַרויס צו באַגעגענען אָזיריסן ביי זיין אומקערן זיך מיט נצחון קיין מצרים.

אין געהיים האָבן זיי זיך ווידער און אָבער פאַרקליבן; אין געהיים האָבן זיי אויך צוגעגרייט אַ קופערט פון טייער האָלץ, געפאַרבט און געצירט מיט פראַכטיקע פאַרבן און גע־מעלן; אַ מייסטערשטיק פון אַרבעט איז דאָס געווען, אַזוי אַז אַלע, וואָס האָבן געזען דעם קופערט, האָבן געלעכצט אים צו באַזיצן. סעט, דער רשע, האָט בסוד געהאַט אויסגעמאָסטן דעם קערפער פון אָזיריס און דער קופערט איז געווען אין דער

מאָס פון מצרימס קיניג, וואָרים דאָס איז געווען אַ טייל פון פּלאַן.

ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, האָט סעט פאַרבעטן זיין ברודער און די צוויי און זיבעציק פאַרשווערערס צו אַ מאָלצייט אין גרויסן סעודה־זאַל. ווען דער מאָלצייט איז אַריבער, האָבן זיי געזונגען דאָס ליד פון מאַנעראָס, ווי דאָס איז געווען דער מנהג, און קנעכט האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן בעכערס ווייַן און פאַרוואָרפן בלומען־גאַרלאַנדן אַרום די העלזער פון די געסט און געשפּריצט אויף זיי פּערפומען, ביז דער זאַל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ זיסן ריח. און בעת זייערע הערצער זענען געווען מיט פרייד, האָבן קנעכט אַריינגעטראָגן דעם קופערט און די געסט האָבן אַזש אויסגעשריגן ביים אָנבליק פון דעם פּראַכטיקן מייסטערשטיק.

דאַמאָלט האָט זיך סעט אויפגעהויבן און געזאָגט: „דער, וואָס לייגט זיך אַריין אין קופערט און עס איז צו זיין מאָס, דער וועט דעם קופערט קריגן פאַר אַ 'געשאַנק'". זיינע רייד זענען געווען זיס ווי האָניק, אָבער אין זיין האַרץ איז געווען דאָס ביטערניש פון שלאַכטס.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן די פאַרשווערערס זיך אַריינגעלייגט אין קופערט, שפּאַסנדיק און לאַכנדיק. פאַר איינעם איז דער קופערט געווען צו לאַנג און פאַר אַן אַנדערן — צו קורץ; און פאַר אַ דריטן, צו ברייט; און פאַר אַ פערטן, צו שמאָל. דאַן איז געקומען די ריי פאַר אָזיריסן. און ער, נישט חושד זייענדיק, האָט זיך אַוועקגעלייגט. אין אַן אויגנבליק האָבן די פאַרשווערערס פאַרהאַקט די דעק און פאַרקלאַפּט מיט נעגל, בעת די אַנדערע האָבן פאַרגאָסן מיט צושמאָלצן בליי יעדע שפּאַרע, כדי ער זאָל נישט קענען אָטעמען און לעבן. אַזוי

איז געשטאָרבן דער גרויסער אָזיריס, ער, וואָס ווערט אויך גערופן אוננעפער, דער זיגרייכער, און נאָכן טויט איז ער אַריינגעקומען אין דואַט, וואו ער איז געוואָרן דער קיניג פון די טויטע און דער הערשער פון די, וואָס זענען אין מערב *)

די פאַרשווערערס האָבן אויפגעהויבן דעם קופערט, וואָס איז אַצונד געוואָרן צו אַ טויטן-ארון און אים אוועקגעטראָגן צום ברעג טייך. זיי האָבן דעם ארון אַ שליידער געטון ווייט אין וואַסער אַריין און האַפּי, דער גאָט פון נילוס, האָט אים אויפגעכאַפּט און אים געטראָגן מיטן שטראָם צום ים. די גרויסע, גרינע וואַסערן האָבן אים אויפגענומען און די כוואַליעס האָבן אים געטראָגן צו ביבאָלס און אים אַרויפדערלאַנגט צו אַ טאַמאַריסטן-בוים, וואָס איז געוואַקסן ביים ברעג. דאַן האָט דער בוים אויסגעשטרעקט גרויסע צווייגן און אויסגעשפּרייט בלעטער און בלומען, כדי צו מאַכן אַ רו-אָרט, ווי עס פּאַסט פאַר דעם גאָט.

אין ביבאָלס האָט געהערשט דער קיניג מאַלקאַנדער און זיין ווייב, די קיניגן אַסטהעניאַס. זיי זענען געקומען צום ים-ברעג און באַטראַכט דעם בוים, וואָרים גאָרנישט האָט מען געקענט זען, אַ חוץ בלומען און בלעטער, וואָס האָבן פאַרהוילן דעם ארון פון מענטשלעכע אויגן. דאַמאָלס האָט דער קיניג באַפוילן און דער בוים איז אונטערגעהאַקט געוואָרן און מען האָט אים געטראָגן אין קיניגלעכן פּאַלאַץ אַריין, כדי פון אים צו מאַכן אַ זייל. אַלע לייט זענען געווען פול מיט התפעלות פון זיין שיינקייט, כאָטש קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז ער האַלט דעם קערפּער פון אַ גאָט.

---

*) אין מערב, וואו די זון פאַרגייט, דאָס קיניגרייך פון נאַכט און טויט

און איזיס, די שוועסטער (און ווייב) פון אָזיריס, איז אומרואיק געווען. זי האָט אַלעמאָל געוואוסט פון סעטס שנאה צו אָזיריס און אים מתרה-געווען, נאָר אָזיריס האָט נישט גע-גלויבט אין זיין ברודערס רשעות. אָבער ווען די נשמה פון אָזיריס האָט פאַרלאָזן זיין גוף, האָט איזיס תיכף געוואוסט, אַז ער איז טויט, כאָטש קיינער האָט איר נישט געזאָגט. זי האָט גענומען איר קליינעם זון, וואָס מענטשן רופן אים האַרפּאָק-ראַטעס, אָדער „האָרוס דאָס קינד", און זי האָט מיט אים געאיילט צו די זומפּן פון דרייעק-אינזל, און זי האָט אים באַ-האַלטן אין דער שטאָט פּע. אַלט און גראָ איז געווען אָט די שטאָט און דאָרט האָט געוואוינט די געטין אואַזעט, וואָס די מענטשן רופן זי אויך בוטא און לאַטאָנאַ. וואָרים מען דינט צו איר אונטער אַלערליי נעמען. אואַזעט האָט צוגענומען דאָס קינד צו זיך און איזיס האָט מיט איר געטלעכן כח לויז געמאַכט דעם אינזל און דער אינזל איז געשוואומען אויף דער פלאַך פון די גרויסע, גרינע וואַסערן, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געקענט וויסן וואו דעם אינזל צו געפינען, וואָרים זי האָט מורא געהאַט, אַז די מאַכט פון סעט זאָל נישט פאַרטיליקן דאָס קינד.

אַזוי ווי די נשמות פון מענטשן האָבן נישט קיין רו ביז מען מאַכט אַ לויה און מען איז מקריב קרבנות, האָט איזיס געזוכט דעם קערפּער פון אָזיריס, כדי אים מקבר צו זיין מיט דעם געהעריקן כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר זיין גרויסקייט. פיל לייט האָט זי באַגעגנט, מאַנסבילן און ווייבער, אָבער קיי-נער האָט נישט געזען דעם ארון, און דאָ האָט איר מאַכט נישט געהאָלפן. דאַמאָלט האָט זי געפרעגט די קינדער און זיי האָבן איר באַלד געזאָגט וועגן אַ געפּאַרבטן קופערט, וואָס איז געשוואומען אויפן נילוס. יענעם טאָג האָבן די קינדער געהאַט

א נביאישן גייסט אין זיך און געוואוסט דעם ווילן פון די גע־טער און די זאַכן, וואָס דאַרפן ערשט טרעפן.

אַזוי, פרעגנדיק כסדר די קינדער, איז איזיס געקומען קיין ביבלאָס. זי האָט זיך געזעצט לעבן די גרויסע, גרינע וואַסערן און די יונגפרויען פון דער קיניגין אַטהעניאַס זענען געקומען צו באָדן זיך אין די כוואַליעס. האָט איזיס גערעדט צו זיי און זי האָט געפלאָכטן זייערע האָר און זי האָט אויף זיי צורעכט געמאַכט דאָס צירונג; דער אָטעם פון דער געטין איז געווען זיסער פון די פּערפומען פון דעם לאַנד פּונט, און ער האָט שמעקן געמאַכט די האָר, דאָס צירונג און די קליי־דער פון די יונגפרויען. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אין פּאַלאַץ, האָט די קיניגין אַטהעניאַס געפרעגט ביי זיי, וואו זיי האָבן געקריגן אַזאַ פּערפום און זיי האָבן געענטפערט: „אַ פרוי, פרעמד און טרויעריק, איז געזעסן ביים באָרטן, בשעת מיר זע־נען זיך געקומען באָדן, און זי האָט געפלאָכטן אונזערע האָר און צורעכט געמאַכט אונזער צירונג, און פון איר קומט דער פּערפום, כאָטש מיר ווייסן נישט ווי אַזוי״. איז די קיניגין אַטהעניאַס געגאַנגען צום ברעג, צו זען די פרעמדע פרוי און געשמועסט מיט איר, און זיי האָבן גערעדט באַנאַנד, ווי מוטערס רעדן, וואָרים יעדע פון זיי האָט געהאַט אַ קליינעם זון; דער זון פון איזיס איז געווען ווייט אַוועק און דער זון פון אַטהעניאַס איז געווען טויט־קראַנק.

דאַמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן איזיס, די מאַכטיקע אין כשוף, די געניטע היילערקע, און געזאָגט: „ברענג מיך צו דיין זון״ — און באַנאַנד זענען די געטין און די קיניגין געגאַנגען אין פּאַלאַץ אַריין און איזיס האָט גענומען דאָס קינד דיקטיס אויף אירע הענט און זי האָט געזאָגט: „איך קאָן אים מאַכן שטאַרק און געזונט, אָבער קיינער טאָר זיך נישט מישן״. און

איזיס האָט מער נישט געזאָגט קיין וואָרט און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס זי טוט. האָט אַטהעניאַס געפרעגט אירע יונגפרויען און זיי האָבן געזאָגט: „מיר ווייסן נישט וואָס זי טוט, אָבער איינס ווייסן מיר, אַז זי שפּייזט אים נישט און בײַנאַכט פאַרשפּאַרט זי די טירן פון זאַל, ווו דער זייל איז, און זי לייגט-אָן אַ גרויס פייער פון האָלץ-שייטערס און אַז מיר האָרכן זיך צו, הערן מיר גאָרנישט, אַ חוץ דאָס סוויסטשערן פון אַ שוואַלב".

איז אַטהעניאַס פול געוואָרן מיט נייגיר און זי האָט בײַנאַכט זיך באַהאַלטן אין גרויסן זאַל און זי האָט געזען ווי איזיס פאַרשפּאַרט די טירן און צינדט-אָן די שייטלעך האָלץ, ביז די פלאַמען גרייכן הויך, ווי שטורקאַצן. דערנאָך, זיצנדיק ביים פייער, מאַכט זי אַ קרייז אין מיטן די פלאַמענדיקע העלצער, אַ קרייז, וואָס גליט רויט און צאָרניק, און אין דעם קרייז לייגט זי אַריין דאָס קינד און פאַרוואַנדלענדיק זיך אַליין אין געשטאַלט פון אַ שוואַלב, שוועבט זי אַרום און אַרום דעם זייל, מיט טרויער און געיאָמער און דאָס געיאָמער איז ווי דאָס סוויסטשערן פון אַ שוואַלב. די קיניגין אַטהעניאַס האָט אַ געשריי געטון און אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון פייער און אָנגעהויבן צו לויפן. אָבער פאַר איר איז געשטאַנען איזיס, די געטין, הויך און אימהדיק.

„אָ, נאַרישע מוטער, — האָט געזאָגט איזיס, — פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעכאַפּט דאָס קינד? נאָך אַ פּאָר טעג און אַלצדינג, וואָס איז שטאַרבלעך אין אים, וואָלט אויסגעברענט געוואָרן און ווי די געטער וואָלט ער געווען — אומשטאַרבלעך און אייביק יונג".

אַ גרויס ערפורכט איז געקומען איבער דער קיניגין, וואָ-

דים זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שטייט פאַר איינער פון די געטער. מיט הכנעה האָט זי און דער קיניג מאַלקאַנדער גע-בעטן ביי דער געטין, אַז זי זאָל אָננעמען אַ מתנה. גאָר דאָס רייכטום פון ביבלאָס איז אויסגעשפּרייט געוואָרן פאַר איר, אָבער צו איר איז עס געווען ווי גאָרנישט.

„גיב מיר, — האָט זי געזאָגט, — דאָס, וואָס דער זייל באַהאַלט אין זיך". אין אַן אויגנבליק איז אַ באַפעל געגעבן געוואָרן צו די באַלמעלאָכעס, אַז זיי זאָלן נעמען דעם זייל און אים שפּאַלטן, און זיי האָבן אַזוי געטון און זיי האָבן פון דאָרט אַרויסגענומען דעם ארון. און איזיס האָט גענומען זיסע געווירצן און דופטנדיקע בלומען און זיי געשפּרייט אויפן זייל און אים געלאָזן צו דעם קיניג און דער קיניגין. פון דאַמאָלט-אָן איז דאָס פאָלק פון ביבלאָס מתפלל צו דעמדאָזיקן בוים, וואָס האָט אַמאָל באַשיצט דעם קערפּער פון אַ גאָט.

איזיס האָט גענומען דעם ארון אויף אַ שיף און אָפּגע-זעגלט פון ביבלאָס, און ווען די כוואַליעס פון טייך, געטריבן פון ווינט, האָבן שיר דעם ארון אַוועקגעריסן, האָט זי מיט אַ כשוף-שפּרוך אויסגעטרוקנט דאָס וואַסער. דערנאָך האָט זי אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט געעפנט דעם ארון און, קוקנדיק אויפן טויטן גאָט, האָט זי געטרויערט און געקלאָגט.

אַ צווייטער טייל, אַז ווען איזיס האָט פאַרלאָזן ביבלאָס, האָט זי מיטגענומען דיקטיסן און אַז ער איז אַרויסגעפאַלן פון שיף און דערטרונקען געוואָרן. אַנדערע זאָגן, אַז איר געיאָמער איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז דעם קינדס האַרץ איז צובראָכן געוואָרן פון צער; אָבער איך אַליין האַלט, אַז ער איז פאַר-בליבן אין ביבלאָס און ווייל ער איז געלעגן אין די אָרעמס פון אַ געטלעכער מוטער און ער איז געלייטערט געוואָרן אין פייער, איז ער אויפגעוואַקסן צו אַ גרויסן און איידעלען קיניג,

וואָס האָט מיט קלוגשאַפט געוועלטיקט איבער זיין פאָלק.

איזיס האָט באַהאַלטן דעם ארון און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָט פּע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שטח מעדיקן אינזל און וואו איר זון האַרפּאָקראַטעס האָט זיך געפונען אין זיכער-קייט אונטערן שוץ פון אוּאַזעט, די געטין פון צפונדיקן לאַנד. און בשעת זי איז געווען אַוועק, איז סעט געקומען מיט זיינע הינט אויף אַ געיעג ביים לבנה-שיין, וואָרים ער האָט ליב געהאַט די נאַכט, ווען אַלע שלעכטע זאַכן קומען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן; און די לופט איז פול געווען מיט דעם געשריי פון דעם יעגער און דאָס געביל פון די הינט, וועלכע זענען געלאָפן נאָך זייער קרבן. און אַז דאָס געיעג האָט זיך איינגעשטילט, האָט סעט דערזען דעם געפאַרבטן קופערט, וואָס זיינע קאָלירן האָבן געשימערט אין לבנה-שיין.

ביים אָנבליק פון קופערט זענען שנאה און צאָרן געקומען איבער אים, ווי אַ רויטער וואָלקן, און ער האָט געברומט ווי אַ פּאַנטער פון דרום. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם ארון פון זיין פאַרבאָרגעניש און אים אויפגעריסן. ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם קערפּער און אים צוריסן אויף פערצן שטיק און מיט זיין גרויסן און געטלעכן כח האָט ער זיי צושפּרייט איבער גאַנץ מצרים. און ער האָט געלאַכט און געזאָגט: „עס איז נישט מעג-לעך צוצושטערן דעם קערפּער פון אַ גאָט, אָבער איך האָב געטון דאָס, וואָס איז נישט מעגלעך. איך האָב צושטערט אָזי-ריסן". און זיין געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאָ-רער וועלט און די, וואָס האָבן עס געהערט, זענען אַנטלאָפן מיט שרעק.

ווען איזיס איז צוריקגעקומען, האָט זי געפונען גאָרנישט, אַ חוץ דעם צובראָכענעם ארון און זי האָט פאַרשטאַ-נען, אַז סעט האָט דאָס געטון. אויפסניי האָט זי געמוזט זוכן,

זי האָט פון פּאַפּירוס-ראָר געמאַכט אַ קליין שיפל און געזעגלט איבער די זומפּן, צו זוכן די שטיקער פון אָזיריסעס קערפּער, און אַלע פייגל און אַלע חיות זענען איר נאָכגעגאַנגען, כדי איר צו העלפן. און ביזן היינטיקן טאָג ווערט אַ קראָקאָדיל נישט רירן אַ שיפל פון פּאַפּירוס-ראָר, וואָרים ער מיינט, אַז די מידע געטין וואָגלט נאָך אַרום, זוכנדיק די קערפּער-שטיק פון אָזיריס.

מאַכטיק און גרויזאַם איז געווען איר שונא און בלויז מיט חכמה האָט זי אים געקענט בייקומען; דעריבער, וואו נאָר זי האָט געפונען אַ שטיק פון היילינקן גוף, האָט זי אויפגעשטעלט אַ הערלעך משכן און אָפּגעריכט די לויה-תפלות, גלייך זי וואָלט דאָרט געמאַכט דעם קבר. אָבער אין אמתן האָט זי די קערפּער-שטיק גענומען מיט זיך; און ווען זי האָט, נאָך לאַנגע וואָגלעניש, געפונען אַלע קערפּער-שטיק, האָט זי מיט איר כשוף זיי באַהאָפטן צוזאַמען אין איין גוף, כדי ווען האָרוס דאָס קינד וועט אויפוואַקסן צו מאַנלעכקייט, זאָל ער מלחמה האַלטן אַנט-קעגן סעט און זיך נוקם-זיין אָן אים; און נאָך זיין נצחון, וועט אָזיריס ווידער לעבעדיק ווערן.

אָבער ביזן היינטיקן טאָג לעבט אָזיריס אין דואַט, וואו ער געוועלטיקט מיט חכמה און איידלקייט איבער די טויטע, ווי ער האָט אַמאָל געוועלטיקט איבער די לעבעדיקע אויף דער ערד. וואָרים כאָטש האָרוס האַלט מלחמה מיט סעטן און די שלאַכטן זענען מוראדיקע, איז נאָך דערוויל קיין נצחון נישט דערגרייכט און אָזיריס האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט צו דער ערד.

דאָס בוך פון טהאָטה

אהורא איז געווען דאָס ווייב פון נעפער־קאַ־פּטאַה און זיי־ער קינד איז געווען מעראַב; דאָס איז דער נאָמען, מיט וועלכן ער איז פאַרשריבן געוואָרן אין „הויז פון לעבן”. און נעפער־קאַ־פּטאַה, כאָטש ער איז געווען דער זון פון אַ קיניג, האָט ער זיך נישט געקימערט פאַר ערדישע זאַכן, נייערט ער האָט געלייענט פאַרצייטישע כראָניקעס, פאַרשריבן אויף פּאַפּי־רוסן אין הויז פון לעבן, אָדער אויסגעקריצט אויף שטיין אין די טעמפּלען; גאַנצע טעג איז ער געווען פאַרטון אין די אַמאָ־ליקע שריפטן.

איינמאָל, ווען ער איז געקומען אין טעמפּל תפלה צו טון צו די געטער, האָט ער זיך אַזוי אַריינגעטון אין די איינ־קריצונגען אויף די ווענט, אַז ער האָט פאַרגעסן די געטער, פאַרגעסן די פּריסטער, פאַרגעסן אַלץ אַרום אים, ביז ער האָט דערהערט אַ געלעכטער הינטער זיך. ער האָט זיך אומגעקוקט און אַ פּריסטער איז געשטאַנען לעבן אים.

פאַרוואָס לאַכסטו פון מיר? — האָט געפרעגט נעפער-קאַ-פטאה.

דערפאַר, וואָס דו לייענסט דידאָזיקע ווערטלאָזע שריפטן, — האָט דער פריסטער געענטפערט, — אויב דו ווילסט לייענען שריפטן, וואָס זענען ווערט געלייענט צו ווערן, קאָן איך דיר זאָגן וואו דאָס בוך פון טהאָטה איז פאַרבאָרגן.

און ווען נעפער-קאַ-פטאה האָט מיט נייגיר געפרעגט, האָט אים דער פריסטער געזאָגט:

טהאָטה האָט דאָס בוך געשריבן מיט זיינע אייגענע הענט, און גאָר דער כשוף פון דער וועלט געפינט זיך דאָרט. ווען דו לייענסט דאָס ערשטע בלאַט, קענסטו באַצויבערן דעם הימל, די ערד, די אָפּגרונטן, די בערג און דעם ים; דו וועסט פאַרשטיין די לשונות פון די פייגל אין דער לופט, און וועסט וויסן וואָס די קריכנדיקע באַשעפענישן אויף דער ערד רעדן, און דו וועסט זען די פיש אין די פינצטערסטע טיפענישן פון ים. ווען דו לייענסט דאָס צווייטע בלאַט, איז אַפילו דו ביסט טויט און אין דער וועלט פון גייסטער, וועסטו צוריקקומען אויף דער ערד אין דעם געשטאַלט, וואָס דו האָסט פריער געהאַט. חוץ דעם וועסטו זען די זון שיינען אין הימל מיט דער פולער לבנה און די שטערן, און דו וועסט זען די געשטאַלטן פון די געטער.

דעמאָלט האָט נעפער-קאַ-פטאה געזאָגט: ביים לעבן פון פרעה שווער איך, אַז דאָסדאָזיקע בוך זאָל מיר געהערן! זאָג מיר וואָס נאָר דו ווילסט און איך וועל עס טון פאַר דיר.

באַזאָרג מיין לויה, — האָט געזאָגט דער פריסטער, — זע, אַז מ׳זאָל מיך מקבר-זיין ווי אַ רייכן מאַן, מיט פריסטער און טרויערענדיקע ווייבער, קרבנות, טראַנק-אָפּפער און ווייַרויך. דאַ-

מאָלט וועט מיין נשמה רוען אין פרידן אין די פעלדער פון צאַלו. הונדערט זילבערשטיק דאַרף מען אויסגעבן אויף מיין קבורה.

האָט נעפער-קאַ-פטאה געשיקט אַ שליח צו קריגן דאָס געלט און ער האָט באַצאָלט די הונדערט זילבער-שטיק דעם פריסטער. און ווען דער פריסטער האָט צוגענומען דאָס זילבער, האָט ער געזאָגט צו נעפער-קאַ-פטאה:

דאָס בוך איז אין קאָפטאָס, אין מיטן טייך.

אין מיטן טייך ליגט אַ קעסטל פון אייזן.
אין קעסטל פון אייזן ליגט אַ קעסטל פון בראָנז
אין קעסטל פון בראָנז ליגט אַ קעסטל פון פימסנהאָלץ.
אין קעסטל פון פימסנהאָלץ ליגט אַ קעסטל פון עלפנביין
אין קעסטל פון עלפנביין ליגט אַ קעסטל פון זילבער.
אין קעסטל פון זילבער ליגט אַ קעסטל פון גאָלד.
אין קעסטל פון גאָלד ליגט דאָס בוך פון טהאָטה.

רונד אַרום דעם גרויסן אייזערנעם קעסטל זענען דאָ שלאַנגען און עקדישן און אַלע מינים קריכנדיקע ברואים, און איבער זיי אַלע איז די שלאַנג, וואָס קיין שום מענטש קאָן זי נישט טייטן. זיי אַלע זענען דאָרט, אָפּצוהיטן דאָס בוך פון טהאָטה.

ווען דער פריסטער האָט געענדיקט זיינע רייד, איז נע-פער-קאַ-פטאה אַרויסגעלאָפן פון טעמפל, וואָרים גרויס איז געווען זיין פרייד און ער האָט פשוט נישט געוואוסט, וואו ער איז. ער איז שנעל געלאָפן אָנצוזאָגן אַהוראַן וועגן דעם בוך און אַז ער וועט זיך לאָזן קיין קאָפטאָס און עס געפינען.

אָבער אַהורא איז טרויעריק געוואָרן און געזאָגט: „לאָז דיך נישט אויף דערדאָזיקער נסיעה, וואָרים צער און יסורים

ווארטן אויף דיר אין דרום-לאנד."

זי האט ארויפגעלייגט איר האנט אויף נעפער-קא-פטאה, ווי זי וואלט אים געוואלט באשיצן פון דעם צער, וואס ווארט אויף אים. אבער ער האט זיך אוועקגעריסן פון איר און איז אוועק צום קיניג, זיין פאטער.

ער האט דעם קיניג דערציילט אלץ, וואס ער האט זיך דערוואוסט און געזאגט:

„גיב די קיניגלעכע יאכט-שיף, א, מיין פאטער, כדי איך זאל זיך קענען לאזן צום דרום-לאנד מיט מיין ווייב אהורא און מיין זון מעראב, ווארים דאס בוך פון טהאטה מוז איך האבן!"

אזוי האט דער קיניג באפוילן, אז די קיניגלעכע יאכט זאל צוגעגרייט ווערן, און נעפער-קא-פטאה, אהורא און מעראב האבן אפגעזעגלט מיטן טייך צום דרום-לאנד, אזוי ווייט ווי קאפטאס. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין קאפטאס, זענען די היכע פריסטער און אלע איזיס-פריסטער פון קאפטאס געקומען צום טייך זיי צו באגריסן און זיי האבן אלע געצויגן צום טעמפל פון דער געטין. נעפער-קא-פטאה האט מקריב געווען אן אקס און א גאנז און געשפריצט וויין אויף איזיס פון קאפטאס און איר זון הארפאקראטעס. נאכדעם האבן די פריסטער און זייערע ווייבער געמאכט א גרויסע סעודה פאר נעפער-קא-פטאה און אהורא און די סעודה האט געדויערט פיר טעג.

אין באגינען פון פינפטן טאג האט נעפער-קא-פטאה גערופן א פריסטער פון איזיס, א גרויסער כשוף-מאכער, געלערנט אין אלע סודות פון די געטער. און צוזאמען האבן זיי געמאכט א צויבער-קאסטן, ווי א חדר פון א שיף. דאן האבן זיי געמאכט מענטשן און א גרויס שטריק-ראד און זיי האבן די מענטשן מיט דעם שטריק-ראד אריינגעטון אין דעם צויבער-

קאַסטן. דאַן האָבן זיי געזאָגט אַ שפּרוך איבערן קאַסטן און די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו אָטעמען און זיי זענען געווען לע-בעדיק און זיי האָבן גענומען אַרבעטן מיטן שטריק-ראָד. האָט נעפּער-קאַ-פּטאה געזונקען דעם צויבער-קאַסטן אין טייך, זאָגנ-דיק: „באַלמעלאָכעס, באַלמעלאָכעס, אַרבעט פאַר מיר!" און ער האָט אָנגעפּילט די קיניגלעכע יאַכט מיט זאַמד און אַליין אַוועק-געזעגלט, בשעת אַהוראַ האָט זיך געזעצט אויפן ברעג פון טייך ביי קאָפּטאָס און געוואַרט, וואָרים זי האָט געוואוסט, אַז די נסיעה צום דרום-לאַנד וועט ברענגען טרויער.

די כשוף-מענטשן אין כשוף-קאַסטן האָבן געאַרבעט אַ גאַנ-צע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג, דריי נעכט און דריי טעג, אויפן גרונט פון טייך; און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט די קיניגלעכע יאַכט זיך אויך אָפּגעשטעלט און נעפּער-קאַ פּטאה האָט געוואוסט, אַז ער איז אָנגעקומען וואו דאָס בוך ליגט פאַרהוילן.

ער האָט גענומען דאָס זאַמד פון דער קיניגלעכער יאַכט און עס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און עס האָט געמאַכט אַן עפענונג אין טייך; אין מיטן פון דער עפענונג איז געלעגן דאָס אייזערנע קעסטל און לעבן דעם קעסטל האָט זיך גע-קנוילט די גרויסע שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן זי נישט טייטן, און אַרום און אַרום דעם קעסטל, אויף יעדער זייט, ביזן ברעג פון די וואַסער-ווענט, זענען געווען שלאַנגען און עק-דישן אַלערליי קריכנדיקע באַשעפענישן.

נעפּער-קאַ-פּטאה האָט זיך אויפגעשטעלט אין דער קיניג-לעכער יאַכט און אַריבערן טייך האָט ער געשריגן צו די שלאַנ-גען און עקדישן און אַלערליי קריכנדיקע באַשעפענישן אַ הויך און אימהדיק געשריי, און די ווערטער זענען געווען ווערטער

מיט כשוף. באַלד ווי זיין קול איז שטיל געוואָרן, זענען די שלאַנגען און עקדישן און אַלע קריכנדיקע באַשעפענישן אויך שטיל געוואָרן. וואָרים זיי זענען פאַרכשופט געוואָרן פון די צויבער-רייד פון נעפער-קאַ-פטאה. און זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן. נעפער-קאַ-פטאה האָט געבראַכט זיין קיניגלעכע יאַכט צום ברעג פון דער עפּענונג און ער האָט פאַרבייגעשפּאַצירט פאַרביי די שלאַנגען און עקדישן און קריכנדיקע ברואים און זיי האָבן אויף אים געקוקט אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן, וואָרים דער כשוף-שפּרוך איז געווען אין זיי.

אַצונד איז נעפער-קאַ-פטאה געווען פּנים-אל-פּנים מיט דער שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן זי נישט טייטן, און זי האָט זיך מכין געווען צו מלחמה. נעפער-קאַ-פטאה האָט פלינק אויף איר אַ שפּרונג געטון און איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. און אין אַן אויגנבליק האָט דער קאָפּ און דער קערפּער זיך צוריק באַהאָפטן, איינס מיטן אַנדערן, און די שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן זי נישט טייטן, איז צוריק לעבעדיק געווען. נאָכאַמאָל האָט נעפער-קאַ-פטאה אַ שפּרונג געטון אויף איר און דאָסמאָל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער קאָפּ פון דער שלאַנג איז ווייט אַוועק-געפאַלן פון איר גוף. אָבער אין אַן אויגנבליק האָבן דער קאָפּ און דער קערפּער זיך באַהאָפטן, איינס צום אַנדערן. און ווי-דער איז די שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן זי נישט טייטן, לעבעדיק געווען און גרייט צו מלחמה. האָט נעפער-קאַ-פטאה געזען, אַז די שלאַנג איז אומשטאַרבלעך און קאָן נישט געטייט ווערן, נייערט מען מוז זי בייקומען מיט חכמה. ווידער האָט ער זיך אויף איר אַ שליידער געטון און זי צושניטן אויף צוויי העלפט און פלינק האָט ער אַרויפגעשיט זאַמד אויף יעדער העלפט, אַזוי אַז ווען דער קאָפּ און דער קערפּער זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיי זיך נישט געקענט באַהעפטן, און די

שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן נישט טייטן, איז געלעגן הילפ־לאָז פאַר אים.

דאַמאָלט האָט נעפער קאַ־פטאה געעפנט דעם גרויסן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין דער עפענונג, אין מיטן טייך, און די שלאַנגען און עקדישן און אַלע קריכנדיקע ברואים האָבן געקוקט, אָבער זיי האָבן אים גאָרנישט געקענט טון. ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון אייזן און געפונען אַ קעסטל פון בראָנז; ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון בראָנז און געפונען דאָס קעסטל פון פּימסנהאָלץ; ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון פּימסנהאָלץ און געפונען דאָס קעסטל פון עלפנביין; ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון עלפנביין און געפונען אַ קעסטל פון זילבער; ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון זילבער און געפונען אַ קעסטל פון גאָלד; ער האָט געעפנט דאָס קעסטל פון גאָלד און געפונען דאָס בוך פון טהאָטה.

ער האָט אויפגעמאַכט דאָס בוך פון טהאָטה און געלייענט אַ בלאַט, און תיכּף האָט ער פאַרכשופט דעם הימל, די ערד, די אָפּגרונטן, די בערג און דעם ים, און ער האָט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון די פייגל, פיש און חיות. ער האָט געלייענט דאָס צווייטע בלאַט און ער האָט געזען די שיינענדיקע זון אין הימל מיט דער פולער לבנה און די שטערן און ער האָט געזען די געשטאַלטן פון די געטער אפילו; און אַזוי שטאַרק איז געווען דער כּשוף, אַז די פיש זענען אַרויפגעקומען פון די פינצטערסטע טיפענישן פון ים. אַזוי האָט ער געוואוסט, אַז דאָס, וואָס דער פּריסטער האָט אים געזאָגט, איז געווען אמת.

ער האָט דאַן געשפּרייט אַ כּשוף־שפּרוך איבער די מענטשן, וואָס ער האָט געמאַכט, זאָגנדיק: „באַלמעלאָכעס, באַלמעלאָכעס, אַרבעט פאַר מיר! ברענגט מיך צוריק צום אָרט, פון וואַנען

איך בין געקומען!". זיי האָבן זיך געמיט טאָג און נאַכט, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין קאַפּטאָס און דאָרט איז געווען אַהו-רא, זיצנדיק ביים טייך, נישט געגעסן, נישט געטרונקען, צייט נעפער-קא-פּטאה איז אוועק, וואָרים זי האָט געוואוסט, אַז די נסיעה וועט ברענגען טרויער אויף זיי.

אָבער אַז זי האָט געזען נעפער-קא-פּטאה זיך צוריקקערן אין דער קיניגלעכער יאַכט, איז איר האַרץ פול געוואָרן מיט פרייד. נעפער-קא-פּטאה האָט גענענט צו איר און אין אירע הענט אריינגעלייגט דאָס בוך פון טהאָטה. ווען זי האָט געליינט דאָס ערשטע בלאַט, האָט זי פאַרכשופט דעם הימל, די ערד, די אָפּגרונטן, די בערג און דעם ים, און זי האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די פייגל, פיש און חיות; און ווען זי האָט געליינט דאָס צווייטע בלאַט, האָט זי געזען די זון שיינען אין הימל מיט דער פולער לבנה און די שטערן און זי האָט געזען די געשטאַלטן פון די געטער אפילו; און אַזוי שטאַרק איז געווען דער כשוף, אַז די פיש זענען אַרויפגעקומען פון די פינצטערסטע טיפענישן פון ים.

נעפער-קא-פּטאה האָט דאַמאָלט גענומען אַ ביי שטיק פּאַ-פּירוס און אַ שעפּ ביר; און אויפן פּאַפּירוס האָט ער איבער-געשריבן אַלע שפּרוכן, וואָס זענען געווען אין בוך פון טהאָטה. דערנאָך האָט ער אין ביר געווייקט דעם פּאַפּירוס, אַזוי אַז דער טינט איז אַראָפּגעוואַשן געוואָרן און דער פּאַפּירוס איז געוואָרן ליידיק, ווי אויף אים וואָלט קיינמאָל גאָרנישט גע-שריבן געווען. און נעפער-קא-פּטאה האָט געטרונקען דאָס ביר, און תיכף האָט ער געוואוסט אַלע שפּרוכן, וואָס זענען געווען געשריבן אויפן פּאַפּירוס, וואָרים אַזוי האָבן געטון אַלע גרויסע צויבער-מייסטערס.

דאַמאָלט זענען נעפער-קאַ-פּטאַה און אַהוראַ געגאַנגען אין טעמפּל פון איזיס און מקריב געווען קרבנות צו איזיס און האַרפּאָקראַטעס, און זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיי אָפּגעזעגלט אַהיים, צו דער צפון-געגנט.

אָבער זע! טהאָטה האָט אויסגעפונען, אַז מען האָט אַוועק-גענומען זיין בוך, און טהאָטה האָט געצאָרנט ווי אַ פּאַנטער פון דרום און ער האָט געאיילט צו ראַ און ער האָט אים דערציילט אַלץ, זאָגנדיק: „נעפער-קאַ-פּטאַה האָט געפונען מיין צויבער-קאַסטן און ער האָט אים געעפנט און ער האָט געגנבעט מיין בוך; ער האָט געטייט די היטער, און די שלאַנג, וואָס קיין מענטש קאָן נישט טייטן, איז געלעגן הילפלאָז פאַר אים. נעם נקמה פאַר מיר, אָ, ראַ, פון נעפער-קאַ-פּטאַה, דעם זון פון מצרימס קיניג!‟

ראַ האָט געענטפערט און געזאָגט: „נעם אים און זיין ווייב און זיין קינד און טו מיט זיי וואָס דיין האַרץ גלוסט‟. און אַצונד איז דער טרויער, וואָס אַהוראַ האָט דערוואַרט, געקומען. בשעת די קיניגלעכע יאַכט האָט זיך געגליטשט אי-בערן טייך, האָט דער קליינער זון מעראַב זיך אַריבערגעבויגן צום וואַסער און די מאַכט פון ראַ האָט אים אַריינגעוואָרפן אין טייך און אים דערטרונקען. ווען ער איז געפאַלן, האָבן אַלע מאַטראָסן אויף דער קיניגלעכער יאַכט און אַלע מענטשן, וואָס האָבן געשפּאַצירט אויפן ברעג פון טייך, אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי, אָבער זיי האָבן אים נישט געקענט מציל-זיין. נעפער-קאַ-פּטאַה איז אַרויסגעקומען פון זיין חדר און געזאָגט אַ כשוף-שפּרוך איבערן וואַסער, איז דער קערפּער פון מעראַב קאַפּויר געקומען און מען האָט אים געבראַכט אויפן דעק פון דער קי-ניגלעכער יאַכט. דאַמאָלט האָט נעפער-קאַ-פּטאַה געזאָגט נאָך אַ

שפרוך, און אזוי גרויס ..ז געווען דער פח פון דעם שפרוך, אז דאס טויטע קינד האט באקומען לשון און דערציילט נעפער-קא-פטאה אלץ, וואס עס האט געטראפן צווישן די געטער, אז טהאטה וויל נקמה און אז רא האט באוויליקט זיין פארלאנג.

נעפער-קא-פטאה האט געגעבן א באפעל און די קיניגלעכע יאכט האט זיך צוריקגעקערט קיין קאפטאס, כדי דארט צו ברענגען צו קבורה מעראבן, מיט דעם גאנצן כבוד, וואס עס קומט א זון פון א פרינץ. נאך דער קבורה האט די יאכט ווידער געזעגלט צום צפון-לאנד. עס איז מער נישט געווען קיין נסיעה פון פרייד, ווארים מעראב איז געווען טויט און אהוראס הארץ איז געווען שווער און די נקמה פון טהאטה איז נאך נישט געווען פארפולט.

זיי זענען געקומען צום ארט, וואו מעראב איז אריינגעפאלן אין וואסער און אהורא האט זיך אנגעלענט אויפן ראנד פון דער יאכט און די מאכט פון רא האט זי אריינגעשליידערט אין וואסער און זי דערטרונקען. ווען זי איז געפאלן, האבן אלע מאטראסן אויף דער קיניגלעכער יאכט און אלע מענטשן, וואס האבן געשפאצירט אויפן ברעג פון טייך, אויפגעהויבן א געשריי, אבער זיי האבן זי נישט געקענט מציל-זיין. נעפער-קא-פטאה איז ארויסגעקומען פון זיין חדר און ער האט געזאגט א כשוף-שפרוך איבערן וואסער, איז אהוראס קערפער קאפויר געקומען און מען האט איר ארויפגענומען אויפן דעק פון דער יאכט. דאמאלט האט נעפער-קא-פטאה געזאגט נאך א שפרוך, און אזוי גרויס איז געווען דער כח פון שפרוך, אז די טויטע האט באקומען לשון און זי האט דערציילט נעפער-קא-פטאה אלץ, וואס האט געטראפן צווישן די געטער און אז טהאטס נקמה איז נאך נישט געשטילט.

נעפער־קא־פטאה האָט באַפוילן און די קיניגלעכע יאַכט האָט זיך אומגעקערט קיין קאָפּטאָס, כּדי דאָרט צו ברענגען צו קבורה אַהוראַן, ווי עס קומט דער טאָכטער פון אַ קיניג. נאָך דער לויה האָט די יאַכט ווידער געזעגלט צום צפון־לאַנד. עס איז מער נישט געווען קיין נסיעה פון פרייד, וואָרים אַהוראַ און מעראַב זענען געווען טויט און די נקמה פון טהאָטה איז נאָך נישט געווען פאַרפולט.

זיי האָבן געגרייכט דאָס אָרט, וואו אַהורא און מעראַב זענען אַריינגעפאַלן אין וואַסער, און נעפער־קא־פטאה האָט דער־פילט די גבורה פון רַאַ. כאָטש ער האָט זיך געראַנגלט דאַ־געגן, האָט ער געוואוסט, אַז דאַס גבורה וועט אים גובר זיין. ער האָט גענומען אַ שטיק קיניגלעכע ליוונט, פיין און שטאַרק, און דערפון געמאַכט אַ גאַרטל און דערמיט האָט ער פעסט צו־געבונדן דאָס בוך פון טהאָטה צו זיין ברוסט, וואָרים ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז טהאָטה זאָל קיינמאָל נישט צוריקקריגן דאָס בוך.

די גבורה פון רַאַ האָט אים אַלץ שטאַרקער געשטויסן און נעפער־קא־פטאה האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און זיך דערטרונקען. ווען ער איז געפאַלן, האָבן אַלע מאַטראָסן אויף דער קיניגלעכער יאַכט און אַלע מענטשן, וואָס האָבן געשפּאַצירט אויפן ברעג טייך, אויפגעהויבן אַ געשריי, אָבער זיי האָבן אים נישט געקענט מציל־זיין. און אַז זיי האָבן גע־זוכט דעם קערפּער, האָבן זיי אים נישט געפינען. האָט די קי־ניגלעכע יאַכט ווייטער געזעגלט אויפן טייך, ביז זי האָט גע־דערגרייכט צום צפונדיקן לאַנד און אָנגעקומען אין מעמפיס. און די עלצטע פון דער קיניגלעכער יאַכט זענען אַוועק צום קיניג און דערציילט אים, וואָס עס האָט געטראָפן.

דער קיניג האָט זיך אָנגעקליידט אין טרויער און ער מיט

זיינע הויפּלייט, די הויכע פּריסטער פון מעמפיס, דעם קיניגס גוואַרדיע און דעם קיניגס הויזגעזינד, אַלע אין טרויער-טראַכט, האָבן מאַרשירט צום האַפן פון מעמפיס, צו דער קיניגלעכער יאַכט.

ווען זיי זענען געקומען צום האַפן, האָבן זיי געזען דעם קערפּער פון נעפער-קאַ-פּטאה שווימען אויפן וואַסער לעבן דער יאַכט. זיין קערפּער איז קאַפּויר געקומען צוליב דעם כשוף, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט און אפילו נאָכן טויט איז נע-פער-קאַ-פּטאַה געווען אַ גרויסער צויבערער.

דאַמאָלט האָבן זיינע לייט אים אַרויסגענומען פון וואַסער און זיי האָבן געזען דאָס בוך פון טהאָטה צוגעבונדן צו זיין ברוסט מיט אַ גאַרטל פון קיניגלעכער לייוונט. און דער קיניג האָט באַפוילן, אַז מ׳זאָל מקבר זיין נעפער-קאַ-פּטאה מיט דעם כבוד, וואָס עס קומט דעם זון פון אַ מלך, און אַז דאָס בוך פון טהאָטה זאָל מיט אים באַגראָבן ווערן.

אַזוי איז די נקמה פון טהאָטה פאַרפולט געוואָרן, אָבער זיין בוך איז פאַרבליבן מיט נעפער-קאַ-פּטאַה.

די שלאַנגען פון איזיס

איך בין איזיס, די גרויסע געטין, די האַרינטע פון כשוף, די זאָגערטע פון שפּרוכן,

איך בין אַרויס פון מיין הויז, וואָס מיין ברודער ס ע ט האָט עס מיר געגעבן, וואָרים טהאָטה האָט גערופן, אַז איך זאָל קומען צו אים, טהאָטה, דער צווייםאָל־גרויסער, מאַכטיק אויף דער ערד און אין הימל. ער האָט גערופן און איך בין געקומען בשעת ראַ *) האָט געניִדערט אין הערלעכקייט צום מערב־האָרי־זאָנט פון הימל און עס איז געוועזן אָוונט.

און מיט מיר זענען געקומען די זיבן שלאַנגען און זייערע נעמען זענען טעפען און בעפען, מעסטעט און מעסטעטעף, פּעטעט, טהעטעט און מאַטעט. הינטער מיר זענען געווען טעפען און בעפען; אויף יעדער זייט פון מיר זענען געווען מעס־טעט און מעסטעטעף; פאָראויס פון מיר זענען געווען פּעטעט, טהעטעט און מאַטעט, היטנדיק מיין וועג, אַז קיינער זאָל זיך

*) די זון, דער זון־גאָט. דער גאָט פון דער זון. אויך אמאָן־ראַ.

מיר נישט ווידערשטעלן, אָדער הינדערן מיר. איך האָב הויך גע-רופן צו די שלאַנגען און מיינע ווערטער האָבן געקלונגען דורך דער לופט און אריין אין זייערע אויערן: „היט זיך פון דער שוואַרצער, רופט נישט די רויטע, קוקט נישט אויף קינדער, אויך נישט אויף קליינע. הילפלאָזע באַשעפענישן.״

דאַן האָב איך געוואַנדערט דורך דעם לאַנד מצרים. טע-פען און בעפען הינטער מיר; פעטעט, טהעטעט און מאַטעט פאָראויס מיר; און מיר זענען געקומען קיין פּער-סואי, וואו דער קראָקאָדיל איז גאָט און צו דער שטאָט פון די צוויי סאַנדאַלן, וואָס דאָס איז די שטאָט פון די צווילינג-געטינס, דאָ הויבן זיך אָן די זומפן פון צפונדיקן לאַנד און וואו עס געפינען זיך די פעלדער פון דער פאפירוס-פלאַנץ.

מיר זענען געקומען באַענט צו אַ הויז, וואו די זומפ-מענטשן וואוינען און דאָרט איז געווען אַ פרוי, וואָס איר נאָ-מען איז געווען „גלאָריע״, כאָטש אַנדערע האָבן זי גערופן „כח״. זי איז געשטאַנען פאַר איר טיר און פון ווייטן האָט זי מיך געזען אָנקומען, מיד און אויסגעמאַטערט און איך וואָלט מיט פרייד זיך געזעצט אין איר הויז רוען. אָבער איידער איך האָב גענומען רעדן צו איר, האָט זי פאַרקלאַפּט די טיר, וואָ-רים זי האָט מורא געהאַט פאַר די זיבן שלאַנגען, וואָס זענען געווען מיט מיר.

איך בין ווייטער געגאַנגען און איינע פון די זומפ-פרויען האָט געעפנט די טיר פאַר מיר, און אין הויז האָב איך גערוט. אָבער מעסטעט און מעסטעטעף, פעטעט, טהעטעט און מאטעט, און בעפען האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און זיי האָבן געלייגט זייער סם אויפן שטאַכל פון טעפען, אַזוי אַז דאָס שטאַכל האָט געהאַט זיבנפאַכע גבורה. דאַן האָט זיך טעפען צוריקגעקערט צו

דער פרוי גלאָריע, די, וואָס האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר מיר, זי טיר איז נאָך געווען פאַרמאַכט, אָבער ביי דער שוועל איז געווען אַ שפּאַרע, איז טעפּען דורכגעקראָכן און איז אַריין אין הויז אַריין און מיט דעם שטאָכל, וואָס האָט געהאַט זיבנפאַכע גבורה, האָט ער געביסן גלאָריעס קליינעם זון. אַזוי מוראדיק און ברענענדיק איז געווען דער סם, אַז דאָס קינד איז גלייך געשטאָרבן און אַ פייער האָט אַ שלאָג געטון איבערן הויז.

די פרוי גלאָריע האָט געשריגן און געיאָמערט און איר האַרץ איז פול געווען מיט טרויער, וואָרים זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט פאַרקלאַפּט די טיר פאַר מיר, ווען מיד און מאַט וואָלט זיך ביי איר אויסגערוט. און דאָס געשריי פון איר שמאַרץ האָט געגרייכט צו מיינע אויערן, און מיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען מיט טרויער פאַר איר טרויער און איך האָב זיך אומגעקערט און איך בין אַריינגעגאַנגען אין חדר, וואו דאָס טויטע קינד איז געלעגן.

און איך, איזיס, די האַרינטע פון כשוף, וואָס איר קול קאָן אויפוועקן טויטע, האָב הויך גערופן די ווערטער פון כשוף־כח, די ווערטער, וואָס אפילו די טויטע קענען הערן, און איך האָב פאַרלייגט מיינע אָרעמס אַרום דעם קינד, כדי צוריקצו־ברענגען לעבן צום לעבנסלאָזן. קאַלט און שטיל איז דאָס קינד געלעגן, וואָרים דער זיבנפאַכער סם פון טעפּען איז געווען אין אים. דאַמאָלט האָב איך גערעדט די כשוף־שפּרוכן צום סם פון די שלאַנגען, זאָגנדיק: „אָ, סם פון טעפּען, קום אַרויס פון אים און פאַל אויף דר'ערד! וואָרים איך בין איזיס, די גרויסע צויבערין, די זאָגערטע פון שפּרוכן. פאַל־אַראָפּ, אָ, סם פון מעסטעט! אייל נישט, סם פון מעסטעטעף! שטייג נישט, סם פון פעטעט און טהעטעט! שטיי נישט צו, סם פון מאַטעט! וואָרים איך בין איזיס, די גרויסע צויבערין, די זאָגערטע פון שפּרוכן. דאָס קינד זאָל

לעבן, דער סם זאָל שטאַרבן! אַזוי ווי האָרוס איז שטאַרק און געזונט פאַר מיר, זיין מוטער, אַזוי זאָל דאָס קינד זיין שטאַרק און געזונט פאַר זיין מוטער!״

דאַמאָלט איז דאָס קינד צו זיך געקומען און דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן און דער רעגן פון הימל האָט אויפגע-הערט און די פרוי גלאָריע האָט געבראַכט איר גאַנץ פאַרמעג, אירע בראַסלעטען, אירע האַלז-בענדער, איר גאָלד און זילבער-שמוק און דאָס אַלץ געלייגט צו מיינע פיס, ווי אַ צייכן פון חרטה, וואָס זי האָט פאַר מיר פאַרהאַקט די טיר.

און ביזן היינטיקן טאָג מאַכן מענטשן טייגלעך פון ווייצנ-מעל, געקנעטן מיט זאַלץ, און זיי לייגן דאָס אויף דער וואונד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אַ שלאַנג, אָדער אַן עקדיש, און זיי זאָגן דערביי די שפּרוכן, וואָס איך האָב געזאָגט איבערן קינד פון דער פרוי גלאָריע, ווען דער זיבנפאַכער סם איז גע-ווען אין אים. וואָרים איך בין איזיס, די גרויסע צויבערין, די האַרינטע פון כשוף, די זאָגערטע פון שפּרוכן.

דער נאָמען פון רא

זיין מאַיעסטעט רא האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, די געטער, מענטשן און פי, פון פייער און דעם אָטעם פון לעבן, און ער געוועלטיקט איבער געטער און מענטשן. און איזיס האָט געזען זיין מאַכט, די מאַכט, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט איבער הימל און ערד און צו וועלכער אַלע מענטשן און געטער בוקן זיך; האָט זי געלעבצט אין איר האַרץ נאָך דערדאָזיקער מאַכט, וואָס דערמיט זאָל זי זיין גרעסער פון אַלע געטער און האָבן די ממשלה איבער די מענטשן.

עס איז געווען בלויז איין וועג ווי צו דערגרייכן דידאָזיקע מאַכט, וואָרים דורך דעם וויסן פון זיין אייגענעם נאָמען רעגירט רא, און קיינער, אַחוץ אים אַליין, האָט ניט געוואוסט דעמדאָזיקן פאַרבאָרגענעם נאָמען. ווער-נאָר עס זאָל וויסן דעמדאָזיקן סוד — גאָט אָדער מענטש — צו אים וואָלט געהערט די הערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַפילו רא אַליין וואָלט אים געמוזט אונטערטעניק זיין. מיט אייפער האָט רא

געהיט זיין סוד, און תמיד פאַרהוילן אים אין זיין ברוסט, אַנ-דערש וואָלט זיין מאַכט פאַרמינערט געוואָרן.

יעדן באַגינען איז ראַ אַרויסגעקומען מיט זיין הערליכ-קייט אין זיין וואָגן פון מזרח-האָריזאָנט, ציענדיק איבערן הימל, און אין אָוונט האָט ער געגרייכט דעם האָריזאָנט פון מערב, און דאָס מלכות פון ראַ איז געזונקען אין פראַכט, כּדי צו באַלייכטן די דיקע פינצטערניש פון דואַט. אַ סך, אַ סך מאָל האָט ראַ געצויגן אויף דידאָזיקע נסיעות, אַזוי פיל מאָל, אַז ער איז געוואָרן אַלט. שטאַרק פאַרעלטערט איז געוואָרן ראַ, און שפּייעכץ פון זיין מויל איז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

דאַמאָלט האָט איזיס גענומען ערד און עס געמישט מיטן שפּייעכץ, און זי האָט געקנעטן און געשמאָלצן די ערד און דערפון אויסגעפאָרעמט דאָס געשטאַלט פון אַ שלאַנג, דאָס גע-שטאַלט פון דער גרויסער הויב-שלאַנג, וואָס זי איז דער צייכן פון די געטינס, די געטלעכע שלאַנג, וואָס איז אויף די שטערנס פון מצרימס הערשער. קיין צויבער-שפּרוכן האָט זי נישט גע-פּליסטערט, וואָרים די שלאַנג איז געווען דער געטלעכער שטאָף פון ראַ אַליין. זי האָט גענומען די שלאַנג און זי פאַרהוילן אויפן וועג פון ראַ, דער וועג, וואָס אויף אים מאַכט ער נסיעה פון מזרח-ראַנד צום מערב-ראַנד פון הימל.

אין באַגינען איז געקומען ראַ און זיין חברותא, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן זייער הערליכע נסיעה צום מערב, כּדי אַריינ-צוקומען אין דואַט און באַלייכטן די דיקע פינצטערניש. און די שלאַנג האָט אַ וואָרף געטון איר קאָפּ, וואָס איז געווען פאַר-שפּיצט ווי אַ פייל און זי האָט זיך אַריינגעביסן אין לייב פון ראַ און דאָס פייער פון סם איז אַריין אין דעם גאָט, וואָרים דער געטלעכער שטאָף איז געווען אין דער שלאַנג.

ראַ האָט אַ געשריי געטון און זיין געשריי האָט גע-

קלונגען פון דעם מזרח ביז דעם מערב-ראַנד; איבער דער גאָרער ערד האָט עס געהילכט, און געטער און מענטשן צוגלייך האָבן געהערט דאָס געשריי פון ראַ. און די געטער, וואָס באַגלייטן אים, האָבן צו אים געזאָגט: „וואָס טוט דיר וויי? וואָס טוט דיר וויי?“

אָבער ראַ האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט געשווידערט מיט אַלע זיינע גלידער, און זיינע ציין האָבן געציטערט, און גאָרנישט האָט ער געזאָגט, וואָרים דער סם האָט זיך געשפּרייט איבער זיין גוף; נאָר ווען ער האָט זיך באַרואיקט האָט ער גערופן זיינע באַגלייטערס, זאָגנדיק: „קומט צו מיר איר, וואָס איך האָב אייך באַשאַפן. איך בין פאַרוואונדעט פון אַ מוראדיקער זאַך. איך פיל עס, כאָטש איך זע עס נישט, אויך איז עס נישט דער באַשאַף פון מיינע הענט, און איך ווייס נישט ווער עס האָט עס געמאַכט. קיינמאָל, קיינמאָל האָב איך נישט געפילט אַזעלכע יסורים ווי אַצונד; קיינמאָל, קיינמאָל איז נאָך נישט געווען קיין ערגערע וואונד, ווי מיינע. ווער האָט מיך פאַרוואונדעט? וואָרים קיינער ווייס נישט מיין פאַרבאָרגענעם נאָמען, דער נאָמען וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פון מיין פאָטער און פון מיין מוטער, און איז פאַרהוילן אין מיר, כדי קיינער זאָל נישט קענען מיר אָנטון קיין כשוף. איך בין אַרויסגעקומען, כדי צו קוקן אויף דער וועלט, וואָס איך האָב געמאַכט, איך בין פאַרבייגעפאָרן די צוויי לענדער און פּלוצים האָט עפּעס — איך ווייס נישט וואָס — זיך אין מיר אַריינגעשטאָכן. איז עס פייער? איז עס וואַסער? איך ברען, איך שווידער, איך ציטער אין אַלע מיינע גלידער. רופט צו מיר די קינדער פון די געטער, זיי, וואָס זיי זענען געניט אין היילן; זיי, וואָס זיי קענען כשוף; זיי, וואָס זייער כח גרייכט דעם הימל“.

דאַמאָלט זענען געקומען אַלע געטער מיט יאָמער און גע-

קלאָג; זייער מאַכט האָט נישט געקענט העלפן אַנטקעגן דער שלאַנג, וואָרים אין איר איז געווען דער געטלעכער שטאָף. מיט זיי איז געקומען איזיס, די היילערין, די האַרינטע פון כּשוף, וואָס אין איר מויל איז דער אָטעם פון לעבן און וואָס אירע רייד פאַרטרייבן קראַנקהייט און וועקן־אויף די טויטע.

זי האָט גערעדט צו זיין מאַיעסטעט רא, זאָגנדיק: „וואָס איז געשען, אָ געטלעכער פאָטער? האָט אַ שלאַנג דיר אָנגעטון יסורים? האָט דער באַשאַף פון דיינע הענט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַנטקעגן דיר? ווײַ, זי זאָל באַזיגט ווערן מיטן כּח פון מיין כּשוף, איך וועל זי פאַריאָגן מיט דער הילף פון דיין אייגענער גרויסקייט״.

און רא האָט געענטפערט: „איך בין פאַרביי דעם אָנגעצייכנטן וועג, איבער די צוויי לענדער, און אַ שלאַנג, וואָס איך האָב זי נישט געזען, איז אין מיר אַריין מיט איר קאָפּ. איז עס געווען פייער? איז עס געווען וואַסער? איך בין קאַלטער פון וואַסער. איך בין הייסער פון פייער. איך שוידער מיט אַלע מיינע גלידער, און דער שווייס רינט פון מיין פּנים, ווי פון די פּנימער פון מענטשן בעת די מוראדיקע היצן פון זומער״.

און איזיס האָט ווידער גערעדט, מיט אַ שטיל קול: „זאָג מיר, אָ געטלעכער פאָטער, דיין אמתן נאָמען, דיין פאַרבאָרגענעם נאָמען, וואָרים בלויז דער קאָן בלייבן לעבן, וואָס ווערט גערופן מיט זיין אייגענעם נאָמען״.

דאַמאָלט האָט רא געזאָגט: איך בין דער באַשאַפער פון הימל און ערד, איך בין דער גרונטפעסטיקער פון די בערג, איך בין דער באַשאַפער פון די וואַסערן, איך בין דער באַשאַפער פון די סודות פון די צוויי האָריזאָנטן, איך בין ליכט און איך בין פינצטערניש. איך האָב געמאַכט האָרוסן, דעם באַ-

שאפער פון די טעג; איך בין דער סעודה-מאכער, איך בין דער מייסטער פון די לויפנדיקע שטראָמען; איך בין דער באַשאפער פון לעבעדיקן פלאַם. איך בין קהעפערא אין פרימאָרגן; ר א, מיטאָגצייט; און אטמו, אין אָוונט".

אָבער איזיס האָט געשוויגן. וואָרים זי האָט געוואוסט, אַז רא האָט איר געזאָגט די נעמען, וואָס אַלע מענטשן ווייסן; זיין אמתער נאָמען, זיין פארבאָרגענער נאָמען איז נאָך אַלץ געווען פארהוילן אין זיין ברוסט. און דער כח פון סם האָט זיך פארגרעסערט און געלאָפן דורך זיינע גלידער ווי א ברענענדיקער פלאַם. און איזיס האָט ווידער גערעדט: „דיין נאָמען, דיין אמתער נאָמען, דיין פארבאָרגענער נאָמען איז נישט געווען צווישן די, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. זאָג מיר דיין נאָמען, כדי דער סם זאָל קענען פארטריבן ווערן, וואָרים בלויז דער, וואָס איך ווייס זיין נאָמען, קאָן געהיילט ווערן דורכן כח פון מיין כשוף". און דער כח פון סם האָט זיך אַלץ פארשטאַרקט און די יסורים זענען געווען די יסורים פון לעבעדיק פייער.

דאַמאָלט האָט רא א געשריי געטון און ער האָט געזאָגט: „זאָל איזיס קומען מיט מיר און זאָל מיין נאָמען גיין פון מיין ברוסט צו איר ברוסט."

און ער האָט זיך פארשטעקט פון די געטער, וואָס באַגלייטן אים אין זיין וואָגן. ליידיק איז געווען די שיף פון דער זון; ליידיק איז געווען דער גרויסער טראָן פון דעם גאָט, וואָרים רא האָט זיך באַהאַלטן פון זיינע באַגלייטערס און פון באַשאַף פון זיינע הענט.

ווען זיין אמתער נאָמען איז ארויסגעקומען פון זיין הארץ און איז אריין אין הארץ פון איזיס, האָט די געטין גערעדט צו רא, זאָגנדיק: „גיב מיר א שבועה, א, רא, אז די ווערסט

געבן דיינע צוויי אויגן צו האָרוס״ — די צוויי אויגן פון ראַ זענען די זון און די לבנה און מענטשן רופן זיי ביזן היינטיקן טאָג „די אויגן פון האָרוס.״

אַזוי איז דער נאָמען פון ראַ אַנטפּלעקט געוואָרן צו איזיס, און זי, די מאַכטיקע צויבערין, האָט הויך געשריגן אַ וואָרט פון כשופדיקער גבורה, און דער סם איז אויסגערונען און ראַ איז געהיילט געוואָרן מיט דער מאַכט פון זיין נאָמען.

און איזיס, די האַרינטע פון כשוף, זי איז די געניטסטע היילערין, אין איר מויל איז דער אָטעם פון לעבן, מיט אירע הענט פאַרטיליקט זי יסורים און מיט איר כח וועקט זי ביז די טויטע.

דאָס ביר פון העליאָפּאָליס*)

דיין מאַיעסטעט רא האָט רעגירט איבער די צוויי לענדער. ער איז געווען דער צווייטער קיניג פון מצרים און בעת זיין ממשלה האָט געהערשט פרידן אויף דער ערד און דאָס באַפעלעניש איז געווען אַזוי פול מיט שפע, אַז ביזן היינטיקן טאָג רעדן מענטשן וועגן די גוטע זאַכן, וואָס האָבן „געטראָפן אין דער צייט פון רא״. מיט זיין אייגענעם כח האָט ער זיך אַליין באַשאַפן און ער האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, געטער און מענטשן און ער האָט געהערשט איבער זיי אַלע.

הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָט ער רעגירט, ביז ער איז געוואָרן אַלט און מענטשן האָבן אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אים, נייערט געלאַכט פון אים, זאָגנדיק: "קוק נאָר אויף רא! ער איז אַלט, זיינע ביינער זענען ווי זילבער, זיין פלייש איז ווי גאָלד און זיינע האָר זענען ווי לאַזור".

דאַמאָלט האָט רא געצאָרנט, ווען ער האָט געהערט זייער הוזק און געלעכטער און ער האָט גערופן צו זיינע באַ-

*) דער גריכישער נאָמען פאַר דער עגיפּטישער שטאָט אָן.

גלייטערס: „שיקט נאָך מיין טאָכטער, דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג; און שיקט אויך נאָך די געטער שו און טעפנוט, געב און נוט, און נאָך דעם גרויסן גאָט נון, וואָס זיין וואוינאָרט איז אין די וואַסערן פון הימל. פירט־אויס מיין באַפעל אין געהיים, כדי מענטשן זאָלן נישט הערן און נישט זען, וואָרים אַנדערש וועלן זיי מורא קריגן און זיך באַהאַלטן."

אין געהיים האָבן די שליחים פאַנאַנדערגעטראָגן דעם באפעל צו די געטער און געטינס. אין געהיים זענען אָנגעקומען די געטער און געטינס צום פּאַלאַץ פון רא, אויף אַ פּאַרבאָרגן אָרט. גאָרנישט האָבן די מענטשן געזען אָדער געהערט, און זיי האָבן ווייטער געלאַכט, נישט וויסנדיק די שטראָף, וואָס וועט פאַלן אויף זיי.

פון ביידע זייטן טראָן זענען געקומען די געטער און געטינס און זיי האָבן זיך געבוקט צו זיין מאַיעסטעט רא, באַרירנדיק מיט זייערע שטערנס דעם באָדן. און זיי האָבן געזאָגט: „רעד און מיר וועלן הערן!"

דאַמאָלט האָט רא געזאָגט צו נון, דעם גרויסן גאָט, וואָס זיין וואוינאָרט איז אין די וואַסערן פון הימל: „אָ, עלצטער פון די געטער און אַלע איר געטער! באַטראַכט ווי די מענטשן, וואָס איך האָב זיי באַשאַפן, רעדן אַנטקעגן מיר. זאָגט מיר, וואָס ווילט איר זאָל איך זיי טון? וואָרים, וואָרהאַפּטיק, איך וועל זיי נישט טייטן, איידער איך האָב געהערט אייערע רייד".

און נון, דער גרויסער גאָט, וואָס זיין וואוינאָרט איז אין די וואַסערן פון הימל, האָט געענטפערט: „מיין זון רא, גרעסטער פון די געטער, מאַכטיקסטער פון די מלכים, דיין טראָן איז געגרונטפעסטיקט און דיין פּחד וועט פאַלן אויף דער גאָרער וועלט, ווען דו שיקסט אַרויס דיין טאָכטער, דאָס שוואַרצאַפּל פון דיין אויג, אַנטקעגן די, וואָס ווידערשפּעניקן אַנטקעגן דיר."

זיין מאַיעסטעט רא האָט ווידער גערעדט: „ווי, זיי וועלן לויפן אין די מדבריות און אין די בערג זיך צו באַהאַלטן, ווען דער פחד וועט פאַלן אויף זייערע הערצער צוליב זייער הוזק און געלעכטער; און אין די מדבריות און אין די בערג קאָן זיי קיינער נישט געפינען".

דאַמאָלט האָבן געזאָגט די געטער, בוקנדיק זיך מיט די שטערנס צום באָדן:

„שיק אַרויס דיין טאָכטער, דאָס שוואַרצאַפּל פון דיין אויג, אַנטקעגן זיי".

באַלד איז געקומען די טאָכטער פון רא. סעקהמעט רופט מען זי, און אויך האַטהאר*) די גרויזאַמע פון די געטינס; ווי אַ לייבעכע לויפט זי נאָך רויב; הריגה איז איר פאַרוויילונג און איר פאַרגעניגן איז בלוט.

אויף איר פאָטערס רוף איז זי אַוועק אין די צווי לענ-דער צו טייטן די יעניקע, וואָס האָבן ווידערשפעניקט רא און האָבן זייער ווידערשפעניקייט פאַרוואַנדלט אין חוזק און געלעכ-טער. אין דעם לאַנד טא-מערי האָט זי זיי געטייט און אין די בערג, וואָס ליגן צו מזרח און מערב פון גרויסן טייך; אַהין און צוריק האָט זי געאיילט, טייטנדיק אַלע, וואָס זענען איר אַנטקעגנגעקומען. און רא האָט אַראָפּגעקוקט צו דער ערד און געשריגן צו זיין טאָכטער: „פרידן צו דיר, אָ, האַטהאָר, האָסטו געטון דאָס, וואָס איך האָב דיר באַפוילן?"

און האַטהאָר האָט געלאַכט און געענטפערט און איר גע-לעכטער איז געווען דאָס אימהדיקע קול פון די לייבעכעס, בעת זיי פאַרצוקן זייער רויב:

*) אַ ביישפּיל ווי די ראָל פון די געטער פלעגט זיך ביי די אַלטע פעלקער ביטן (טיילמאָל אויך דאָס געשלעכט). האַטהאָר, די געטין פון ליבע ביי די אַלטע עגיפּטער ווערט אין איצטיקן פאַל באַצייכנט ווי די געטין פון גרוי-זאַמקייט...

„איך פיר-אויס דיין ווילן איבער די מענטשן און מיין הארץ פרייט זיך!"

אַ סך נעכט איז דער טייך געפלאָסן רויט און די געטין האָט זיך געבאָדן אין דעם בלוט פון די מענטשן, און אירע פיס זענען געווען רויט פון בלוט פון די מענטשן. דאַמאָלט האָט רע נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף דער ערד און זיין הארץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות אויף די מענטשן, כאָטש זיי האָבן אים ווידערשפעניקט. אָבער קיינער האָט נישט גע-קענט אָפּשטעלן די אָנרחמנותדיקע געטין, אַפילו נישט רע אַליין; פון זיך אַליין כּדי זי אויפהערן צו שעכטן, וואָרים נישט קיין געטער און נישט קיין מענטשן קענען זי בייטן.

האָט רע באַפוילן:

„רופט צוזאַמען מיינע שליחים, וואָס זענען פלינק ווי דער „שאַל פון שטורעם-ווינט" און ווען זיי זענען געקומען, האָט ער געזאָגט: „לויפט קיין עלעפאַנטין, איילט זיך און ברענגט מיר די פרוכט, וואָס וואַרפט-אָן אַ שלאָף. זייט פלינק! זייט פלינק, וואָרים דאָס מוז געטון ווערן איידער טאָג קומט."

די שליחים האָבן געאיילט און זייער פלינקייט איז גע-ווען די פלינקייט פון דעם שאַל פון שטורעם-ווינט; זיי זענען געקומען קיין עלעפאַנטין, וואו די גרויסע טייכן רוישן צווישן די פעלזן; זיי האָבן גענומען די פרוכט, וואָס ברענגט שלאָף, און מיט דער שנעלקייט פון ווינט האָבן זיי עס געבראַכט צו רע. שאַרלעך-רויט איז געווען די פרוכט און איר זאַפט איז געווען די קאָליר פון מענטשלעך בלוט. זיבן טויזנט מאָס ביר האָבן זיי געמאַכט און אין געאייל האָבן זיי עס געברייט, וואָרים די נאַכט האָט זיך גענענט צום סוף און דער טאָג האָט געהאַלטן ביים אָנקומען. אין געאייל איז רע און אַלע געטער געקומען קיין הע-ליאָפּאָליס צו באַטראַכטן דאָס ביר. רע האָט געזען, אַז עס איז

ווי מענטשלעך בלוט און ער האָט געזאָגט: „זייער גוט איז דאָס ביר. מיט דערמיט קאָן איך באַשיצן די מענטשנקינדער".

ביים אָנקום פון טאָג האָט רא באַפוילן: „טראָגט פאַנאַנ־דער דאָס ביר אין די ערטער, וואו מאַנסבילן און ווייבער זענען געטייט געוואָרן און שפריצט עס אויף די פעלדער, איידער די הערליכקייט פון דער נאַכט איז אַריבער. האָבן זיי אַזוי געטון און געשפריצט דאָס ביר אויף די פעלדער. פיר פּאַלמעס דיק איז עס געלעגן אויף דער ערד און זיין קאָליר איז געווען די קאָליר פון בלוט.

באַגינען איז ווידער אַרויס די גרויזאַמע סעקהמעט־האַטהאָר, גרייט צו שעכטן און זי איז געגאַנגען און געזוכט אין אַלע זייטן איר רויב. אָבער קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש האָט זי נישט געזען, בלויז די פעלדער, וואָס זענען געלעגן פיר פּאַלמעס דיק אין ביר און וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון בלוט. דאַן האָט זי געלאַכט מיטן געלעכטער, וואָס איז ווי דאָס געברום פון אַ לייבעכע, ווארים זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס בלוט, וואָס זי האָט פאַרגאָסן — און זי האָט עס געטרונקען, נאָך אַ טרונק און נאָך אַ טרונק און אַלץ שטאַרקער האָט זי געלאַכט, ביז דער זאַפט פון דער פרוכט, וואָס ברענגט שלאָף, האָט פאַרשכורט איר מח און מער האָט זי נישט געקענט זען צו טייטן.

דאַמאָלט האָט רא געזאָגט צו איר:

„קום אין פרידן, אָ, זיסע, און ביזן היינטיקן טאָג ווערן די מיידן פון אַמו גערופן „זיסע", ווי אַן אָנדענק פון יענעם באַגינען.

און רא האָט ווידער גערעדט צו דער געטין, זאָגנדיק: „פאַר דיר זאָלן געגרייט ווערן געטראַנקען פון די פרוכטן, וואָס ברענגען שלאָף; יעדעס יאָר זאָל עס געגרייט ווערן צום גרויסן

יום-טוב פון ניי-יאָר, און די צאָל פּרוכטן זאָל זיין ווערליק דער צאָל פּריסטערינס, וואָס דינען מיך."

און ביזן היינטיקן טאָג ווערן צום „יום טוב פון האַטהאָר" געגרייט געטראַנקען, וואָס ווערן געמאַכט פון פּרוכטן, וועלכע ברענגען שלאָף, ווערליק דער צאָל פּריסטערינס פון רא, ווי אַן אָנדענק פון דער שוץ, וואָס די מענטשנקינדער האָבן געקריגן פאַר דעם צאָרן פון דער געטין.

דעם קיניגס חלום

א מאָל-אַמאָל האָט געלעבט ט ה אָ ט מ ע ס, קיניג פון מצרים, האַר פון די צוויי לענדער איז ער געווען, באַזיצער פון דער טאָפּלטער קרוין, דער, וואָס די געטער האָבן אים ליב געהאַט. דאָס איז נישט געווען דער טהאָטמעס, דער מאַכ-טיקער אָקס, וואָס האָט באַזיגט אַ שו ר, נ ו ב י א און די ניין הויפּט-שבטים, נייערט ער האָט געהאַט דעמזעלביקן נאָמען, און ער איז געווען אַ גרויסער און מוטיקער קיניג. אַשור האָט זיך געבוקט צו אים; נוביא איז געווען זיין דינער און די ניין הויפּט-שבטים זענען געלעגן ביי זיינע פיס. בשעת ער איז נאָך געווען אַ קינד, איז ער געווען גלייך צו האַרפּאָקראַטעס, דער זון פון איזיס, דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די זומפּן פון צפונדיקן געגנט. הערלעך איז ער געווען מיט דער הער-לעכקייט פון די געטער — זיין געשטאַלט ווי דאָס געשטאַלט פון האָרוס, דער נוקם פאַר זיין פאָטער.

אַ געשיקטער יעגער איז געווען טהאָטמעס און ער איז

געגאַנגען אויף געיעג אין די ווילדערנישן פון צפון און פון דרום פון מעמפיס; ער האָט זיך געיאָגט נאָך די לייבן און די הירשן; ער האָט געיאָגט אין זיין וואָגן און זיינע פערד זענען געווען שנעלער פון ווינט. אַליין האָט ער געפירט זיין געיעג, אָדער בלויז מיט צוויי באַגלייטערס.

ווען זיינע באַגלייטערס האָבן געוואָלט אָפּרוען אין דער היץ פון טאָג, האָט ער זיי גענומען צו דער גרויסער סטאַטוע פון האַרמאַכיס לעבן קהער-אהאַ, וואו דער וועג פון די געטער פירט מיטן מזרח-שטעג צו אָן. פון שטיין איז געווען זיין מאַכ-טיקע פיגור, אויסגעהויערט אין לעבעדיקן פעלז. זיין פנים, דאָס פנים פון א מענטש, שטאַרק און מלכותדיק, געווענדט צו דער אויפגייענדיקער זון; זיין גוף, דער גוף פון א לייב; אויף זיין שטערן איז די טויט-שלאַנג, מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ, גרייט זיך א שליידער צו טון. מענטשן רופן דידאָזיקע פיגור האַרמאַ-כיס און אויך ספינקס, און „דער פאָטער פון שרעקן". גרויס און דערהויבן איז דאָסדאָזיקע געשטאַלט פון גאָט, וואָס רוט אין זיין אויסדערוויילט אָרט; מאַכטיק אין כח, וואָרים דער שאָטן פון דער זון איז אויף אים. די טעמפלען פון מעמפיס און די טעמפ-לען פון איטלעכער שטאָט פון ביידע זייטן אַכפּערן אים. זיי שטרעקן-אויס זייערע הענט צו אים מיט לויב. קרבנות און טראַנק-אָפּפער ווערן געבראַכט צו אים.

איינמאָל, איידער טהאָטמעס איז נאָך געוואָרן קיניג, איי-דער ער האָט געירשנט דעם טראָן פון האָרוס, דעם לע-בעדיקן גאָט, איז טהאָטמעס איינער אַליין געגאַנגען אויף גע-יעג אין מדבר און עס איז געווען מיטאָגצייט. מוראדיק איז געווען די היץ און שרעקלעך געבלענדט האָבן די זונשטראַלן און ער האָט גערוט אין שאָטן פון דעם גרויסן גאָט. בשעת ער האָט אַזוי גערוט, מיד פון דער היץ, אין דער קילקייט פון

שאָטן, איז אַ שלאָף, שווער און טיף, געקומען איבער אים.

חלומות און זעאונגען זענען געקומען צו אים אין שלאָף. אין זיין חלום איז ער געשטאַנען פאַר דעם אומגעהייערן געשטאַלט פון גאָט, אָבער עס איז מער נישט געווען פון שטיין, נייערט דער גאָט אַליין. דער אָטעם פון לעבן איז געווען אין אים און זיינע ליפן האָבן זיך באַוועגט און ער האָט גערעדט צאַרטע רייד, ווי אַ פאָטער רעדט צו זיין קינד, וואָרים די רייד זענען געווען רייד פון בענטשונג.

„זע אַצונד, אָ, מיין זון טהאָטמעס,—האָט ער געזאָגט, — קוק אויף מיר! באַטראַכט מיך! איך בין דיין פאָטער, איך, וואָס איך בין האַרמאַכיס און רא און קהעפּערא און אַטמו אויך. וואָרים איך בין דער זון-גאָט, וואָס אַלע לענדער זענען צו אים אונטערטעניק. בלויז דורך מיר זאָל דאָס קיניגרייך פון מצרים דיר איבערגעענטפערט ווערן; דו זאָלסט טראָגן די ווייסע קרוין פון דרום-לאַנד און די רויטע קרוין פון צפון-לאַנד; דו זאָלסט זיצן אויפן טראָן פון געב, דעם יורש. צו דיר זאָל געהערן דאָס גאַנצע לאַנד, אין דער לענג און אין דער ברייט, דאָס לאַנד, וואָס דער האַר פון דער וועלט מאַכט עס העל־לעך. נויט און צרות זאָלן קיינמאָל נישט קומען נאָענט פון דיר, וואָרים מתנות וועלן צו דיר געבראַכט ווערן פון איטליכן לאַנד, נאָענט און וויַיט. דער דויער פון דיין לעבן זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר; מיין פנים און מיין האַרץ זאָלן זיין געווענדט צו דיר, אויב דו וועסט טון דאָס, וואָס איך וויל פון דיר".

און טהאָטמעס האָט געקוקט און ער האָט געזען, אַז די פיגור ליגט האַלב באַגראָבן אינם זאַמד, און עס האָט אויסגעזען ווי דער גאָט וואָלט זיך געראַנגלט זיך צו באַפרייען. וואָרים גאָרנישט, אַ חוץ דעם קאָפּ, איז געווען איבערן פליין און די זאַמדן האָבן אים אַרומגענומען, ווי די כוואַליעס פון ים.

בעת זיי פארפלייצן א שיף, וואָס איז אַרויף אויף פעלזן.

דאַמאָלס האָט דער גאָט ווידער גערעדט, זאָגנדיק: „דאָס זאַמד פון מדבר, אויף וועלכן איך רו, איז ארום מיר, עס באַהערשט מיך, עס באַדעקט מיך. איי׳ל צו טון דאָס, וואָס מיין האַרץ פאַרלאַנגט, וואָרים איך ווייס, אַז דו ביסט אַ זון, וואָס אַכט די געבאָטן פון זיין פאָטער.”

דער שלאָף האָט זיך אָפגעטון פון די אויגנלעדלעך פון טהאָטמעס, און ער האָט אויפגעוואַכט — — —

(דאָ איז די שטיין־איינקריצונג אָפגעבראָכן און דער סוף פון דער מעשה איז גישט באַוואוסט).

אַ הימן צום איינציקן גאָט;

דיין אויפגאַנג, אָ, לעבעדיקער אַמאָן, איז
הערלעך אויפן האָריזאָנט.....
אָ, דו אָנהייב פונם לעבן, דו ביסט אַלץ
און דיינע שטראַלן נעמען אַלץ אַרום......
פילפאַך זענען דיינע ווערק, איין-און-איינציקער
גאָט, וואָס דיין כח האָט נישט קיינער:
די גאַנצע ערד האָסטו באַשאַפן,
לויט דיין אייגענעם פאַרשטאַנד.
ווען דו ביסט געווען אַליין, האָסטו באַשאַפן
מענטשן און חיות, סיי גרויס און קליין;
אַלע, וואָס זיי גייען אויף די פיס, אַלע,
וואָס פליען מיט פליגל; יאָ, און אַלע פרעמדע
לענדער, אַפילו אשור און כוש. אַ חוץ דאָס
לאַנד מצרים. דו שטעלסט אַלע זאַכן אויף זייער
אָרט, און באַזאָרגסט אַלע מיט זייערע
באַדערפענישן... כאָטש פאַרשיידן זענען זייערע
לשונות, זייערע געשטאַלטן, זייערע הויטן.....

מלא

אָ, ווי וואויל איז דיין פּלאַן, אָ, גאָט,
ווּ אַ נילוס איז פאַרראַן אין הימל פאַר
פרעמדע און פאַר די פי פון יעדן
לאַנד..... דו ביסט דער, וואָס איז אין מיין
נשמה; דו ביסט דאָס לעבן פונם לעבן;
דורך דיר לעבן די מענטשן!

טהאָטס זעאונג

אײנמאָל איז טהאָטה, נאָכדעם ווי ער האָט נאָכגעטראַכט איבער דעם שורש פון זאַכן, אַרײנגעפאַלן אין אַ שלאָף. אַ באַטויבעניש איז געקומען איבער זײַן גוף און זײַן גײַסט איז אַרויפגעשטיגן אין חלל. אַן אומגעהײַער ריזיק וועזן פון ניש־באַשטימטן אויסזען האָט גערופן זײַן נאָמען.

„ווער ביסטו" — האָט געזאָגט דער איבערגעשראָקענער טהאָטה.

„איך בין אָזיריס, דער הערשנדיקער שכל, וואָס ער איז אין שטאַנד צו אַנטפּלעקן אַלע זאַכן, וואָס איז דײַן פאַרלאַנג?"

„צו זען דעם שורש פון באַשאַף, אָ, געטלעכער אָזיריס, און צו קענען גאָט".

„דו זאָלסט זײַן צופרידן".

באַלד האָט טהאָטה געפילט ווי ער פאַלט אַרײַן אין אַ דערקוויקנדיק ליכט, וואָס דורך זײַנע דורכזיכטיקע כוואַליעס זענען דורכגעגאַנגען די אַנטציקנדיקע פאָרמען פון אַלע וועזנס.

פלוצים האָט געגידערט אויף אים אַן אומגעהייער פינצטער־ניש, וואָס האָט ווי אַ קרייז אים אַרומגערינגלט. און טהאָטה האָט זיך געפונען אין אַ גאַנצן תוהו, אָנגעפילט מיט רויך און מיט אַ שווער געברום. דאַמאָלט האָט זיך אַ קול אויפגעהויבן פון די אָפּגרונטן, דאָס געשריי פון ליכט. אַ פלאַם איז אויפ־געשטיגן פון די גאַסע טיפעגישן, ציענדיק פלינק און ראַש צו די הויכן פון עטער. טהאָטה איז מיטן פלאַם געשטיגן און זיך ווידער געפונען אינם אויסשפרייט פון חלל. אָרדנונג האָט אָנ־געהויבן אָפּצעווישן דעם תוהו פון די אָפּגרונטן; שטערן־פּראַכט האָט זיך געשפּרייט איבער זיין קאָפּ און דאָס קול פון ליכט האָט פול געמאַכט די אומענדלעכקייט.

„האָסטו פאַרשטאַנען, וואָס דו האָסט געזען?" האָט גע־זאָגט אָזיריס צו טהאָטה.

„ניין!" האָט טהאָטה געזאָגט.

„דו וועסט אַצונד וויסן. דו האָסט געזען דאָס, וואָס איז דאָ פון אייביק אָן. דאָס ליכט, וואָס דו האָסט צום ערשטן געזען, איז דער געטלעכער פאַרשטאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע זאַכן און זייער יכולת, צווישן זיי — די מוסטערן פון אַלע וועזנס. די פינצטערניש, וואָס דו ביסט אין איר דערנאָך געזונקען, איז די וועלט פון חומר, וואו די מענטשן פון דער ערד וואוינען. אָבער דאָס פייער, וואָס דו האָסט געזען אַרויפ־שטייגן פון די טיפענישן, איז דאָס געטלעכע וואָרט. גאָט איז דער פאָטער. דאָס וואָרט איז דער זון און זייער בונד איז — לעבן".

„וואָס איז די גרויסאַרטיקע חכמה, וואָס דו האָסט פאַר מיר אויפגעמאַכט. — האָט געפרעגט טהאָטה. — איך זע נישט מער מיט די אויגן פון גוף, נייערט מיט די אויגן פון גייסט. ווי אַזוי איז דאָס געשען?"

„קינד פון שטויב! — האָט געוואָרפן אָזיריס, — עס איז דערפאַר, וואָס דאָס וואָרט איז אין דיר. דאָס אין דיר, וואָס הערט, זעט און טוט, איז דאָס וואָרט אַליין, דאָס הייליקע פייער, דער באַשאַפערישער שפּרוך".

„אַז דאָס איז אַזוי, — האָט געזאָגט טהאָטה, — באַווייזיק מיר צו זען דאָס ליכט פון די וועלטן; דעם וועג פון נשמות, פון וואַנען דער מענטש קומט און וואוהין ער קערט זיך צוריק".

„דיין ווונש זאָל געשען".

טהאָטה איז געוואָרן שווערער פון אַ שטיין און איז געפאַלן דורכן חלל ווי אַ מעטעאָר, ביז ער האָט געגרייכט דעם שפּיץ פון אַ בארג. עס איז געווען נאַכט. די ערד איז געווען פינצטער און ליער — און זיינע גלידער זענען געווען שווער ווי אייזן.

„הויב־אויף דיינע אויגן און קוק!" — האָט גערופן דאָס קול פון אָזיריס.

און טהאָטה האָט געזען וואונדערלעכע זאַכן. די אויסגעשטערנטע הימלען, שפּרייטנדיק זיך איבערן אומענדלעכן חלל, האָבן אים אַרומגעהילט מיט זיבן לייכטנדיקע ספערן. מיט איין בליק האָט טהאָטה געזען די זיבן הימלען, ציענדיק איבער זיין קאָפּ, אַן עיגול אויף אַן עיגול, ווי זיבן שיינענדיקע און צוגעפּגעפּרעסטע קוגלען, און ער האָט פאַרנומען דעם באַשטערנטן מיטלפּונקט, וואָס איז געווען אַרומגעגאַרטלט פון מילך־וועג. אין יעדער ספערע האָט זיך געדרייט אַ פּלאַנעט, באַגלייט פון פאַרשידענע פאָרמען, צייכנס און ליכט. און בשעת טהאָטה האָט נאָכגעטראַכט איבער די וואונדערלעכע זאַכן, האָט דאָס קול געזאָגט צו אים:

„זע, הער און פֿאַרשטײ! דו זעסט די זיבן ספֿערן פֿון לעבן. דורך זײ קומט דער פֿאַל און דער אויפֿשטײַג פֿון נשמות. די זיבן ספֿערן זענען די זיבן שטראַלן פֿון דעם װאָרט־ליכט. יעדער פֿון זײ באַװעלטיקט אײן ספֿערע פֿון גײסט, אײן מדרגה אין דעם לעבן פֿון נשמות. די נאָענטסטע ספֿערע איז דער גײסט פֿון דער לבנה, מיטן פֿאַרװיגנדיקן שמײכל און קרױן פֿון זילבער. די לבנה הערשט איבער געבורט און טױט, באַפֿרײַט נשמות פֿון קערפּערס און ברענגט זײ צו איר ליכט. איבער איר איז דער בלאַסער מערקורי*), װאָס װײַזט מיט זײַן פֿליגל דעם װעג די אַרױפֿשטײַגנדיקע און אַראָפּשטײַגנדיקע נשמות, — מיט זײַן פֿליגל, װאָס באַזיצט דאָס גאַנצע װיסן. נאָך העכער האַלט װענוס דעם שפּיגל פֿון ליבע, װאָס אין אים פֿאַרגעסן און דערמאָנען זיך נשמות. איבער איר הױבט די זון אויף איר זיגרײַכן שטורקאַץ פֿון אײביקער שײנקײט. און אויף דער העכסטער הױך האַלט מאַרס די שװערד פֿון גערעכטיקײט. אויף דער אַזור־ספֿערע טראָגט יופּיטער, האַלטנדיק דעם סצעפּטער פֿון דער העכסטער מאַכט, װאָס דאָס איז געטלעכער שכל. בײַ די גרענעצן פֿון דער װעלט, אונטער די צײַכנס פֿון די מזלות, טראָגט סאַטורן די קױל פֿון אַלװעלטלעכער חכמה״. **)

---

*) דאָ װערן געגעבן די לאַטײַנישע נעמען פֿאַר די פּלאַנעטן. פֿאַרשטײט זיך, אַז אין עגיפּטיש זענען די נעמען אַנדערש.

*) פֿאַרגלײַך די ספֿערן בײַ טהאָטה־הערמעס מיט די צען ספֿירות פֿון דער קבלה — אין ספֿר יצירה. דער געלערנטער און מיסטיקער אַטהאַנאַסיוס קירכער האָט אין יאָר 1622 פֿאַרעפֿנטלעכט אין רױם אַ גרױס, דרײַ־בענדיק, װערק איבער די עגיפּטישע הערגאָליפֿן. אין דעמזעלביקן װערק רעדט ער אויך מכּח די צװײ און דרײַסיק װעגן פֿון ספֿר היצירה, פֿון װעלכע

„איך זע, — האָט געזאָגט טהאָטה, — די זיבן ראַיאָנען, וואָס בעמען־אַרום די זעבאַרע און נישט־זעבאַרע וועלט; איך זע די זיבן שטראַלן פון דעם וואָרט־ליכט, וואָס קומט פון דעם איינציקן גאָט און וואָס הילט זיי אַרום און געוועלטיקט איבער זיי מיט דידאָזיקע שטראַלן. דאָך, אָ, געביטער, ווי וואַנדערן די מענטשקינדער אַדורך אַלע די וועלטן?“

„האָסטו געזען, — האָט געזאָגט אָזיריס, — ווי אַ לייכטנדיקער זאָמען פאַלט פון די ראַיאָנען פון מילך־וועג צו דער זיבעטער ספערע? דאָס זענען די קערנדלעך פון נשמות. זיי לעבן ווי אַ בלאַסע פאַרע אין די ראַיאָנען פון סאַטורן, פריי־

צען זעגען ספירות, און ער באַמיט זיך צו באַווייזן דעם צוזאַמענהאַנג פון די ספירות מיט די פּלאַנעטן. ער לערנט אַזוי: גבורה — סאַטורן; חסד — יופּיטער; תפארת — די זון; נצח — מאַרס; הוד — ווענוס; יסוד — מערקורי; מלכות — די לבנה. די איבריקע דריי ספירות — כתר, חכמה, בינה — האָט ער, ווייזט אויס, בישט געהאַט צו וואָס צוצופּאַסן... סיי־ווי דערמאָנען אַ סך שטעלן אין די שריפטן, וואָס די טראַדיציע שרייבט־צו צו טהאָטה־הערמעס, אָן קבלה און קריסטלעכן מיסטיציזם. קריסטלעכע פאָרשער האָבן לכתחילה אין זיי געזען אַ געמיש פון נעאָ־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע, פילוני׳שן יודאיזם און קאַבאַליסטישע טעאָסאָפיע, וואָס דאָס זאָל דינען ווי אַ פילאָסאָפיש־רעליגיעזער „במקום“, אַנשטאָט דעם שמתדיקן קריסטנטום... (באַמערקט, למשל, די פראַזע „גאָט איז דער פאָטער, דאָס וואָרט איז דער זון און זייער בונד איז לעבן“, וואָס דאָס זאָל אויך זיין אַ מין דרייאייניקייט); אָבער שפּעטערדיקע פאָרשונגען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די הערמעס־שריפטן ציען זייער יניקה פון דער אַלט־עגיפּטישער טראַדיציע און זיי זענען, וואַרשיינלעך, צונויפגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע צייטן פון דער גריכישער הערשאַפט איבער מצרים, אין דעם פּעריאָד פון ערשטן פּטאָלעמעי (תלמי).

„טהאָטס זאָגונג“, וואָס מיר ברענגען דאָ, איז בלויז איין קאַפּיטל פון די הערמעס־כתבים, וואָס זייער צאָל זאָל האָבן געווען, לויט קלעמענס אַלעקסאַנדרינוס, צוויי און פערציק ביכער. אָבער די גרעסטע טייל פון זיי איז פאַרלוירן געוואָרן. בלויז אַ קליינע צאָל איז געפונען און איבערגעזעצט געוואָרן.

א. ש.

לעך און פריי פון קומער, נישט ווייסנדיק זייער אייגן גליק. פאלנדיק פון ספערע צו ספערע, געווינען זיי אלץ מער געוויכט. אין יעדן ווידערגעבוירן ווערן קריגן זיי צו נייע קערפערלעכע חושים, אין הסכם מיט דער סביבה, אין וועלכער זיי לעבן. זייער לעבנס־כח וואקסט פאמעלעך. ווען זיי גייען אריין אין געדיכטערע גופים, פארגעסן זיי זייער הימלישן אפשטאם. דאס ברענגט צום אראפפאל פון נשמות, וואס קומען פון געטלעכן עטער. אלץ מע־ און מער געפאנגען פון חומר און פארשטורעם פון לעבן, שליידערן זיי זיך, ווי א רעגן פון פייער, פליענק מיט תאוהדיקן חשק, דורך די ראיאנען פון טרויער, ליבע און טויט, גלייך צו זייער ערדישער תפיסה, וואו אויך דו אליין יאמערסט, געפאנגען דורך דעם פייערדיקן מיטלפונקט פון דער ערד. און וואו דאס געטלעכע לעבן זעט דיר אויס נישט מער ווי א פוסטער חלום".

„קענען נשמות שטארבן?" האט געזאגט טהאטה.

„יא, — האט געענטפערט דאס קול פון אזיריס, — די נשמה איז די טאכטער פון הימל און איר נסיעה איז א נסיון. אויב זי פארגעסט, אין איר נישט־געצאמטער ליבע צום חומר, איר געטלעכן שורש, קערט זיך צוריק דער געטלעכער פונק.— וואס איז געוועזן אין איר און וואס האט געקענט ווערן העכ־לעכער פון א שטערן, — צו די ראיאנען פון עטער, ווי א לעבנסלאזער אטאם, און די נשמה לייזט זיך אויף אין דעםווירבל פון יסודות".

טהאטה האט געשווידערט ביי דידאזיקע רייד, ווארים א צארנדיקער שטורעם האט אים איינגעהילט אין א שווארצן נעפל. די זיבן ספערן זענען פארשוואונדן אונטער די געדיכטע רויכן. אין זיי האט ער געזען מענטשלעכע גייסטער, וואס האבן ארויסגעלאזט פארצווייפלטע געשרייען און וואס זענען געטראגן

געוואָרן פון ריזיקע מאָנסטערס און חיות, וועלכע האָבן זיי צו־ריסן. און פול איז אַלץ געווען מיט זיפצן און קללות.

„אַזוי איז דער גורל, — האָט געזאָגט אָזיריס, — פון נשמות, וואָס צו זייערע זינד איז נישטאָ קיין תרופה. צו זיי־ער מאַטערניש קומט אַ סוף ערשט נאָך זייער פאַרטיליקט ווערן, וואָס דערמיט פאַרלירן זיי יעדן חוש. די רויכן צורינען אַצונד. די זיבן ספערן דערשיינען ווידער אונטערן הימל־געוועלב. קוק אין דערדאָזיקער זייט. זעסטו די מחנה נשמות, וואָס מיען זיך נאָכאַמאָל צו גרייכן די לבנה־ראַיאָנען? טייל ווערן צוריקגע־שליידערט צו דער ערד, ווי פייגל ווערן צוריקגעשלאָגן אונטער דער מאַכט פונם שטורעם. די אַנדערע, וואָס האָבן מאַכטיקע פליגל, דערלאַנגען די העכערע ספערע, וואָס טראָגט זיי מיט זיך אין איר געדריי. דערלאַנגען זיי נאָר דידאָזיקע ספערע, קומט צו זיי צוריק דער חוש פאַר געטלעכע זאַכן. זיי ווערן באַפרוכפערט מיט דעם שיין פון אַ שמאַרצלעך־קלאָר באַוואוסט־זיין, מיט דעם כח פון אַ ווילן, וואָס קומט דורך גראַנגל און שטרייט. זיי ווערן ליכטיק, וואָרים זיי באַזיצן דאָס געט־לעכע אין זיך און זיי שטראַלן עס אָפּ אין זייערע טואונגען. שטאַרק דעריבער דיין נשמה, אָ, טהאָטה! באַרואיק דיין פאַר־פינצטערטן מח דורך באַטראַכטן דידאָזיקע גראַנגלען פון נשמות אין די זיבן ספערן, וואָס זענען אין זיי צושפרייט ווי גאַרבן פונקען. אויך דו קענסט זיי נאָכהאַלטן, אָבער שטאַרק מוז זיין דער ווילן, כדי צו שטייגן. זע ווי זיי זאַמלען זיך און שטעלן זיך צונויף אין געטלעכע כאָרן. יעדע נשמה באַזעצט זיך אין דער ספערע, וואָס איז איר ליב. די שענסטע וואוינען אין דעם זון־ראַיאָן; די מאַכטיקע שטייגן צום סאַטורן; טייל דערהויבן זיך צום פאָטער, וואָרים דאָרט, וואו אַלץ ענדיקט זיך, הויבט זיך אָן אַלץ, וואָס איז אייביק. און די זיבן ספערן רופן באַ־

באַנד: חכמה! ליבע! גערעכטיקייט! שיינקייט! פּראַכט! וויסן! אומשטאַרבלעכקייט!״

דאָס איז, וואָס טהאָטה האָט אַמאָל געזען אין חלום און וואָס זיינע תּלמידים האָבן אונז איבערגעגעבן. די רייד פון די חכמים זענען ווי די זיבן קלאַנגען פון דער לירע, וואָס איז אין זיך פּולל די גאַנצע מוזיק, באַנאַנד מיט די צרופים און די געזעצן פון באַשאַף. די זעאונג פון טהאָטה איז גלייך צום הימל, וואָס זיינע טיפענישן זענען באַשפּרינקלט מיט שטערן. פאַרן קינד איז עס נישט מער ווי אַ גאָלד-געשטיקט געוועלב; פאַרן חכם איז עס אַן אומענדלעכער חלל, וואו עס דרייען זיך וועלטן, מיט זייער וואונדערלעכן ריטם און שירה. אין דער זעאונג זענען דאָ די אייביקע צרופים, די שבועה-רמזים און די כשוף-שליסלען. וואָס מער דו לערנסט זיך צו פאַרטיפן און דאָס צו פאַרשטיין, אַלץ ווייטער וועלן די גרענעצן זיך פאַר דיר אויסשפּרייטן, וואָרים דאָסזעלבע געזעץ פירט אַלע וועלטן.

דו האָסט געגרייכט די סאַמע שוועל פון גרויסן סוד. דאָס געטלעכע לעבן איז דערשינען פאַר דיר אונטער די שאָטנס פון דער וואָר. טהאָטה האָט דיר מגלה געווען די נישט-זעבאַרע הימלען, דאָס ליכט פון אָזיריס, דעם פאַרבאָרגענעם גאָט פון דער אַלוועלט, וואָס ער באַלעבט די מיליאָנען נשמות און די וואַנדלדיקע פּלאַנעטן. עס איז אַצונד געווענדט אָן דיר צו ריכטן דיין וועג און אויסצוקלייבן דעם שטעג, וואָס פירט צום לויטערן גייסט. פון איצטער אָן געהערסטו צו די, וואָס זענען צוריקגעברענגט געוואָרן פון טויט צום לעבן. געדענק, אַז עס זענען דאָ צוויי הויפּט-שליסלען צום וויסן. דאָס איז דער ערשטער: „דער, וואָס איז פון דרויסן גלייך צום אינווייניקסטן פון זאַכן; דאָס קליינע איז גלייך צום גרויסן; עס איז פאַראַן בלויז איין געזעץ און דער, וואָס אַרבעט, איז איינער. אין

דער געטלעכער שפּאָרזאַמקייט איז נישטאָ גרויס אָדער קליין. — —
און דאָס איז דער צווייטער: „מענטשן זענען שטאַרבלעכע גע-
טער און געטער זענען אומשטאַרבלעכע מענטשן". גליקלעך איז
דער מענטש, וואָס פאַרשטייט דידאָזיקע רייד, ווייל ער האַלט
דעם שליסל צו אַלע זאַכן. געדענק, אַז דאָס געזעץ פון נסתר
איז דער שלייער איבערן גרויסן אמת. דאָס פולע וויסן קאָן
אַנטפּלעקט ווערן בלויז צו אונזערע ברידער, וואָס זענען גע-
גאַנגען אויף דיזעלביקע וועגן, וואָס מיר אַליין. דער אמת דאַרף
געמאָסטן ווערן וועדליק דעם שכל; ער מוז פאַרהילט ווערן
פאַר די שוואַכזיניקע, ווארים דאָס וועט זיי בלויז צומישן; און
פאַרזיגלט ווערן פאַר די רשעים, וואָס קענען אַרויסכאַפּן בלויז
ברעקלעך (פון אמת), וועלכע זיי וועלן פאַרוואַנדלען אין גע-
ווער פון פאַרטיליקונג. היט אים (דעם אמת) אין דיין האַרץ
און זאָל ער רעדן דורך דיין מי. וויסן וועט זיין דיין מאַכט;
גלויבן. דיין שווערד, און שווייגן, דיין פּאַנצער, וואָס קאָן נישט
צובראָכן ווערן.

ז. אלמי

דאָס בוך פון די טויטע

דער טויט קומט היינט צו מיר,
ווי דאָס געזונט צו אַ קראַנקען,
ווי דאָס אַרייננגיין אין אַ גאָרטן נאָך אַ שלאַפקייט.

דער טויט קומט היינט צו מיר
ווי דער דופט פון אַ מירט,
ווי דאָס זיצן אונטערן זעגל אין אַ ווינטיקן טאָג.

דער טויט קומט היינט צו מיר
ווי אייגער, וואָס בענקט נאָך זיין היים
נאָך יאָרן־לאַנג זיין אין געפאַנגנשאַפט

(אויפשריפט אין אַן עגיפּטישן קבר)

א ליבע־געזאנג צו רא

א ליבע־געזאנג צו רא, ווען ער גייט־אויף אויפן האָרי־זאָנט און ווען ער זעצט זיך אין דעם לאַנד פון לעבן. אָזיריס אַני, דער שרייבער זאָגט:

גרוס צו דיר, אָ, רא, ווען דו גייסט־אויף ווי טעם־הערו־קהוטי־טעם — האַרמאַכיס — דו ביסט געליבט פון מיר, ווען דיין הערלעכקייט איז פאַר מיינע אויגן און ווען דיינע שטראַלן פאַלן אויף מיין לייב. דו גייסט־אַרויס, זיך צו זעצן אין דער סעקטעט־שיף מיט לויטערע ווינטן און דיין האַרץ איז מיט צופרידנ־קייט; דאָס האַרץ פון דער מאַטעט־שיף קוועלט־אויף. דו שיפסט זיך איבער די הימלען אין פרידן און אַלע דיינע שונאים פאַלן פאַר דיר; די קיינמאָל־נישט־רוענדיקע שטערן זינגען שירה פון ליבע צו דיר, און די שטערן, וואָס רוען און די שטערן, וואָס קיינמאָל נישט אויף דיך צו גרויסן, ווען דו זינקסט, כדי צו רוען אין האָרי־זאָנט פון מאַנו, אָ, דו, וואָס דו ביסט הער־לעך אין באַגינען און אין אָוונט, אָ, דו האַר, וואָס דו לעבסט און דו ביסט געגרונטפעסטיקט, אָ, מיין האַר!

גרוס צו דיר, אָ, דו, וואָס דו ביסט ר א, ווען דו גייסט־אויף און טעם, ווען דו פאַרגייסט אין הערלעכקייט. דו גייסט־אויף און שיינסט הינטערן רוקן פון דיין מוטער נ ו ט, — אָ, דו, וואָס דו ביסט געקרוינט פאַר דעם קיניג איבער אַלע געטער! ג ו ט גריסט צו דיר, און אייביקער, קיינמאָל־נישט־פאַר־ענדערלעכער סדר נעמט דיך אַרום אין באַגינען און פאַרנאַכט. דו שיפסט זיך איבערן הימל, מיט פרייד אין האַרץ, און דער טייך פון טעסטעס איז צופרידן דערמיט. דער סעבאַו־טייוול איז געפאַלן צו דער ערד; זיינע אָרעמס און זיינע הענט זענען אָפּ־

געשניטן געוואָרן, און דאָס מעסער האָט צושיידט די גלידער פון זיין גוף. רע האָט א לויטערן ווינט; די סעקעט-שיף גייט פאָראויס, שווימענדיק לענגאויס צום האַפן. די געטער פון דרום און פון צפון, פון מערב און פון מזרח לויבן דיך, אָ, דו הימליש וועזן, וואָס אַלע פאַרמען פון לעבן קומען אַרויס פון דיר. דו שיקסט אַרויס דיין וואָרט און די וועלט ווערט פאַרפלייצט מיט שטילקייט, אָ, דו איין-און-איינציקער, וואָס דו האָסט געוואוינט אין הימל, איידער די ערד און די בערג זענען געוואָרן. אָ, לויפער, אָ, האַר, אָ, איין און-איינציקער, דו באַשאַפער פון די זאַכן, וואָס זענען דאָ, דו האָסט געמאַכט דאָס לשון פון די געטער; דו האָסט באַשאַפן אַלצדינג, וואָס קומט אַרויס פון די וואַסערן, און דו בליסט-אויף אין זיי איבער די באַוואַסערטע לענדער פון דעם טייך פון האָרוס. לאָז מיך אָטעמען די לופט, וואָס קומט אַרויס פון דיינע נאָזלעכער, און פון צפון-ווינט, וואָס קומט אַרויס פון דיין מוטער נוט, — אָ, מאַך, אַז מיט פראַכט זאָל זיין מיין לויכטנדיק געשטאַלט—קאַ — אָ, אָזיריס, מאַך דו, אַז געטלעך זאָל זיין מיין נשמה — באַ —! דו ווערסט געדינט אין פרידן, אָ, דו האַר פון די געטער. דו ביסט אין התפעלות פאַר דיינע וואונדערלעכע ווערק. שיין דו מיט די שטראַלן פון דיין ליכט אויף מיין לייב טאָג נאָך טאָג — אויף מיר, אָ, אָזיריס, דער דערציילער וועגן דער פרוכטבאַרקייט פון די האַרן פון אַבטו-אַבידאָס, — דער קיניגלעכער שרייבער פון אמת, וואָס לויבט דיך; אַני, דער זיגרייכער אין פרידן.

אַ לויב און אַ תפילה צו אָזיריס.

/אויסן פּאַפּירוס פון אַני, בריטיש מוזיי, נומ. 10.470, בויגן 19/

לויב צו דיר, אָ, אָזיריס, האַר פון אייביקייט, אוננע־פער, הערו-קוטי — האַרמאכיס — וואָס דיינע געשטאַלטן זענען פילפאַך און וואָס דיינע מעלות זענען מאַיעסטעטיש, פּטאַה סע־קער-טעם אין אַני — העליאָפּאָליס — דער האַר פון פאַרבאָרגענעם פּאַלאַץ און דער באַשאַפער פון העט-קא-פּטאה — מעמפיס — און פון די געטער דעריין, — דער וועגווייזער פון דער אונטער־וועלט *), וואָס די געטער גרויסן אים, ווען דו זעצסט זיך אין נוט. איזיס אָרעמט דיך אַרום אין פרידן און זי טרייבט אַוועק די משחיתים פון דעם מויל פון דיין וועג. דו ווענדסט דיין פּנים צו אמענטעט און דו מאַכסט די ערד אויפשיינען ווי טייערן קופּער. די, וואָס האָבן זיך אַנידערגעלייגט, אַזוי צו זאָגן: די טויטע — שטייען-אויף צו זען דיך. זיי אָטעמען די לופט און זיי קוקן אויף דיין פּנים, ווען דאָס שטראַלן-ראָד גייט-אויף אין האָריזאָנט; אין זייערע הערצער איז פרידן אויף אַזוי וויַיט ווי זיי זעען דיך, אָ, דו, וואָס דו ביסט דויער און אייביקייט

נשמה און גוף

/אויסן פּאַפּירוס פון אני, בריטיש מוזיי, נומ. 10.470, בויגן 17/

דאָס קאַפּיטל איז צו באַהעפטן די נשמה צו איר גוף אין דער אונטערוועלט. אָזיריס אַני, דער זיגרייכער זאָגט:

לויב צו דיר גאָט, אַננו, דהיינו: דער ברענגער! לויב

*) די וועלט פון די טויטע.

צו דיר, דו פעהרער, דהיינו: דער לויפער,—וואָס דו וואוינסט אין פאָרהויז! גרויסער גאָט! באַווייליק דו, אַז מיין נשמה זאָל קומען אין מיר פון וואנען זי זאָל נישט זיין. אויב זי וועט צעגערן, לאָז דערמאָלט מיין נשמה מיר געבערענגט ווערן פון וואַנען זי זאָל נישט זיין, וואָרים דו וועסט געפינען דאָס אויג פון האָרוס געוועגדט אויף דיר, ווי אויף די וועזנס, וואָס זענען גלייך צו אָזיריס און וואָס לייגן זיך קיינמאָל נישט אין טויט. לאָז נישט דעם אָזיריס אני, דעם זיגרייכן, זיך אַנידערלייגן אין טויט צווישן די, וואָס לייגן זיך אַנידער אין אַננו, דאָס לאַנד, וואו נשמות ווערן באַהעפט צו זייערע גופים אין די טויזנטער. לאָז מיך איבערנעמען דעם באַזיץ פון מיין נשמה, — און פון מיין קאַ, און לאָז מיך דערמיט מנצח זיין אין יעדן אָרט, וואו דאָס זאָל נישט זיין. גיב אַכט אויף דידאָזיקע זאַכן, וואָס איך רעד, וואָרים זיי האָבן אין זיך פסוקים, — גיט אַכט אויף זיי, אָ, איר געטלעכע וועכטער פון הימל! — מיין נשמה — וואו זי זאָל נישט זיין — אויב זי וועט צעגערן, מאַך דו, אַז מיין נשמה זאָל קוקן אויף מיין גוף, וואָרים דו וועסט געפינען דאָס אויג פון האָרוס געוועגדט אויף דיר, ווי די וועזנס, וואָס זענען גלייך ווי אָזיריס.

לויב אייך, געטער, וואָס איר שלעפט די שיף פון דעם האַר פון מיליאָנען יאָרן, וואָס ברענגען זי איבער דער אונטערוועלט און וואָס מאַכן זי צו שווימען איבער נוט, — — — וואָס איר מאַכט די נשמות אַריינצוטרעטן אין זייערע גייסטיקע גופים, וואָס אייערע הענט זענען פול מיט אייערע שטריק און וואָס גרייפן שטייף זייער געווער, — פאַרטיליקט איר דעם שונא; אַזוי זאָל די שיף פון דער זון זיין מיט צופרידנקייט און דער גרויסער גאָט זאָל אַרויס אויף זיין נסיעה אין פרידן. און זע, באַווייליק דו, אַז די נשמה פון אָזיריס אַני, דעם זיגרייכן, זאָל

אַרויסקומען פֿאַר די געטער און זאָל מנצח זיין מיט דיר אין מזרח-ראַנד פֿון הימל, נאָכצופאָלגן צום פּאַלאַץ, וואו זי איז געוועזן נעכטן; — און אַז זי זאָל האָבן רו, רו אין אַמענטעט. זאָל זי בליקן אויף איר חומרדיקן גוף, זאָל זי בליקן אויף איר גייסטיקן גוף; און זאָל איר גוף נישט פֿאַרשווינדן, אויך קיינמאָל נישט ליידן פֿון פֿאַרדאַרבעניש.

וועגן נאַכט אין טהאָטה

/אויסן פּאַפּירוס פֿון נו, בריטיש מוזיי, נומ. 10.477, בויגן 7/

דאָסדאָזיקע קאַפּיטל איז וועגן נאַכט אין טהאָטה. דער הויפּט-קאַנצלער נו, דער זיגרייכער, זאָגט:

איך בין דער, וואָס שיקט אַרויס פּחד מיט די כּחות פֿון רעגן און דונער, און איך באַשיץ די געטלעכע דאַמע אַנטקעגן די אָנפֿאַלן פֿון די כּחות, וואָס פֿאַרטיליקן. איך האָב נידערגעשלאָגן דעם גאָט שאַט, דהיינו: דעם גאָט פֿון שלאַכט, — און איך שיק אַרויס שטראָמען פֿון קיל וואַסער, ווי דער גאָט אַשו, און איך האָב זיך געמיט פֿאַר דער גרויסער געטלעכער דאַמע — זי צו שיצן אַנטקעגן די אָנפֿאַלן פֿון די כּחות, וואָס פֿאַרטיליקן, — איך האָב געמאַכט צו גערייען מיין מעסער, באַנאַנד מיטן מעסער, וואָס איז אין האַנט פֿון טהאָטה, אין די כּחות פֿון רעגן און דונער.

פֿאַרוואַנדלונג אין אַ שוואַלב

/אויסן פּאַפּירוס פֿון נו, בריטיש מוזיי, נומ. 10.477, בויגן 10/

דאָסדאָזיקע קאַפּיטל איז צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ שוואַלב. דער הויפּט-קאַנצלער נו, דער זיגרייכער, זאָגט:

איך בין אַ שוואַלב! איך בין אַ שוואַלב! איך בין אַ סקאָרפּיאָן, די טאָכטער פון רא. ליב אייך, געטער, וואָס אייער ריח איז זיס; ליב דיר, פלאַם, וואָס דו קומסט אַרויס פון האָריזאָנט! ליב דיר, וואָס דו ביסט אין שטאָט, איך האָב געבראַכט דעם אויפזעער פון האַפן אַהער! אָ, שטרעק אויס דיינע אָרעמס, אַזוי אַז איך זאָל קענען טובל זיין מיינע טעג אין דער מקוה פון. צווייפאַכן פייער, און לאָז מיך ווייטער מיט מיין בשורה, וואָרים איך בין געקומען מים ווערטער צו זאָגן. אָ, עפן דו די טירן פאַר מיר און איך וועל מגלה-זיין די זאַכן, וואָס זענען דורך מיר געזען געוואָרן. האָרוס איז דער געטלעכער פּרינץ אין דער שיף פון דער זון, און צו אים איז איבערגעענטפערט געוואָרן דער טראָן פון זיין געטלעכן פאָטער אָזיריס, און סעט, דער זון פון נוט, ליגט אין די קייטן, וואָס ער האָט זיי געמאַכט פאַר מיר. איך האָב געמאַכט אַ ציילונג אין דער שטאָט סעקהעם, איך האָב אויסגעשפּרייט מיינע הענט און אָרעמס צום וואָרט פון אָזיריס, איך בין געגאַנגען צום משפט, און איך בין געקומען כדי איך זאָל רעדן. באַווייליק דו, אַז איך זאָל קענען אָנזאָגן מיינע בשורות. איך גיי אַריין — איך ווער געמשפט — און איך קום אַרויס מיט ווערדע צום טויער פון נעב-ער-טכער. איך בין לויטער אויפן גרויסן שליאַך, וואו עס איז דער אַדורכגאַנג פון נשמות. איך האָב זיך באַפרייט פון זינד. איך האָב צושטערט דאָס שלעכטס, וואָס קלעפּט צו מיינע גרויזלן אויף דער ערד. ליב צו אייך, איר געטלעכע וועזנס, וואָס באַוואַכן די טירן, מאַכט איר פאַר מיר אַ וועג, וואָרים, זעט, איך בין גלייך צו אייך. איך בין אַרויסגעקומען מיטן טאָג. איך האָב געוואַנדערט מיט מיינע פיס, און איך האָב באַהערשט מיינע פיס-טריט — צו דיר, דו גאָט פון ליכט. איך ווייס די פאַרבאָרגענע וועגן און די טירן פון דעם סעקהעט-אַארו. וואָרהאַפטיק, איך בין געקומען.

די האָסט מנצח געווען מיינע שונאים אויף דער ערד און איצט איז מיין שטאַרבלעכער גוף אין גרוב!

(אויב דאָסדאָזיקע קאַפּיטל איז באַוואוסט צום פאַר־שטאָרבענעם, וועט ער אַרויסקומען מיטן טאָג, ער זאָל נישט צוריקגעקערט ווערן צו וועלכן־ס'איז טויער פון דער אונטערוועלט און ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שוואַלב כסדר און אָן אויפהער).

פאַרוואַנדלונג אין אַ לאָטוס

(אויסן פּאַפּירוס פון נו, בריטיש מוזיי, נום. 10.477, בויגן 11)

דאָסדאָזיקע קאַפּיטל פאַרוואַנדלט אין אַ לאָטוס. דער אויפ־זעער איבערן פּאַלאַץ, דער הויפּט־קאַנצלער נו זאָגט:

איך בין די לויטערע לאָטוס, וואָס בליט־אויף פון דער געטלעכער שיינקייט, וואָס זי געהער צו די נאָזלעכער פון רא. איך האָב געמאַכט מיין וועג — און איך גיי צו זוכן אים, וואָס איז האָרוס. איך בין דער לויטערער, וואָס קומט אַרויס פונם פעלד.

פאַרוואַנדלונג אין אַ לאָטוס

(אויסן פּאַפּירוס פון פּאַקוורער)

דאָס קאַפּיטל פאַרוואַנדלט אין אַ לאָטוס. זאָגט אָזיריס:

לויב דיר, לאָטוס, דו געשטאַלט פון דעם גאָט נעפער־טעמו! איך בין אַ מענטש, וואָס קאָן דיך, און איך ווייס דיי־נע נעמען צווישן די פון די געטער, די האַרן פון דער אונ־

טערוועלט, און איך בין איינער, פון דיר. באַוויליק דו, אַז איך זאָל זען די געטער, וואָס זענען די געטלעכע וועגווייזערס אין דואַט — די אונטערוועלט — און באַוויליק דו מיר אַן אָרט אין דער אונטערוועלט נאָענט צו די האַרן פון אַמענטעט. לאָז מיך קריגן אַ וואוינאָרט אין דעם לאַנד פון טכעסערט און זייט מיך מקבל, אָ, איר אַלע געטער, אין פּנים פון די האַרן פון אייביקייט. באַוויליקט, אַז מיין נשמה זאָל אַרויסקומען און לאָזט מיך נישט אַוועקגעשטויסן ווערן פון דער הערלעכער געטער-חברותא.

פאַרוואַנדלונג אין אַ פאַלקע

(אויסן פּאַפּירוס פון נו, בריטיש מוזיי, נומ. 10,477, בויגן 10)

דאָס קאַפּיטל פאַרוואַנדלט אין אַ פאַלקע. דער הויפּט-קאַנצלער נו, דער זיגרייכער, זאָגט:

„איך האָב זיך אויפגעהויבן, איך האָב זיך אויפגעהויבן, ווי אַ מאַכטיקע פאַלקע פון גאָלד, וואָס קומט אַרויס פון איי; איך פלי ווי די פאַלקע, וואָס האָט אַ פלייצע פיר איילן ברייט און די פליגלען זענען גלייך ווי די פליגלען פון דער שמאַראַגדען-מוטער פון דרום. איך קום אַרויס פון אינווייניק פון דער סעקטעט-שיף און מיין האַרץ איז געבראַכט געוואָרן צו מיר פון דעם באַרג אין מזרח. איך האָב געניִדערט אויף דער אַטעט-שיף און די, וואָס האָבן געוואוינט צווישן איר חברותא, זענען געבראַכט געוואָרן צו מיר און זיי האָבן נידעריק זיך געבוקט מיט גרוס צו מיר, און גערופן מיט פרייד. איך האָב זיך אויפגעהויבן, איך האָב זיך צוזאַמענגענומען ווי די שיינע פאַלקע פון גאָלד, וואָס האָט אַ קאָפּ פון אַ בענגו-פויגל, און רא איז

געקומען טאָג נאָך טאָג צו האָרכן מיינע רייד; איך האָב פאַר-נומען אַן אָרט צווישן דידאָזיקע אין אָנהייב-געבוירענע געטער פון בוט; איך בין געגרונטפעסטיקט און די געטלעכע סעקטע-שטייף איז פאַר מיר. איך האָב געגעסן דעריין. איך בין געוואָרן אַ קאָ דעריין. איך האָב שפע דעריין — אַזוי פיל ווי איך גלוסט-דער גאָט נעפּראַ האָט געגעבן מיר מיין האַלז און איך האָב געטראַכטן די געוועלטיקונג איבער דעם, וואָס וואַכט — אָדער געגעבן צו — מיין קאָפּ.

בוך II

בײַ די ברעגן פון גאַנגעס

גאָט װעט נישט פרעגן דעם מענטשן פון װעל-
כע ראַסע ער איז. ער װעט אים פרעגן: װאָס
האָסטו געטון? — נ אַ נ אַ ק.

אינדיע (אַריינפיר)

1. פון די וועדאַס
2. פון דער בהאַגאַוואַט־גיטאַ
3. פון דער מאַהאַ־בהאַראַטאַ
4. פון די אופּאַנישאַדן

אינדיע.

אינדיע, דאָס פארבנרייכסטע לאַנד, דאָס לאַנד פון מיס־טעריען, פון געטער, קאַסטעס און סעקטעס; דאָס לאַנד, וואו די מוראדיקסטע אָרימקייט באַגעגנט זיך מיט דער לעגענדאַ־רישער רייכקייט פון די ראַדזשאַס; דאָס לאַנד, וואו איבער 320 מיליאָן מענטשן זענען מאמינים פון אַלערליי אמונות, פון די פרימיטיווסטע ביז די העכסטע פאָרמען פון רעליגיעזן גלויבן. איר געפינט דאָרט קרוב 217 מיליאָן אָנהענגער פון הינדו־איזם (בראַהמאַניזם); 70 מיליאָן מאַכמעדאַנער; 12 מיליאָן בודיסטן; 10 מיליאָן אַנימיסטן; 4 מיליאָן סיקהס; אַנ־דערהאַלבן מיליאָן דזשיינאַס; 110 טויזנט פאַרסיס, אַ חוץ קריסטן, יידן, קאָנפוציאַנער און אָנהענגער פון אַנדערע אמונות.

ווער זענען די אינדיער, די באַוואוינער פון דער ריזי־קער אימפעריע? די געשיכטע פון אינדיע הויבט זיך אָן ארום 500 פ. ק., בעת דעם קאַמף צווישן די העלע אַרישע אַרייג־

דרינגער און די טונקל-הויטיקע דראווידיאנער, די אָריגי-נעלע איינוואוינער פון יענער מיסטישער מדינה. ווער דידאָזי-קע דראווידיאנער זענען געווען, איז נאָך נישט באוואוסט, זיי-ער געשיכטע איז דערוויל פארהוילן אונטער זיבן שלייערן, וואָרים אָפּגעמעקט איז אָט די ראַסע געוואָרן פון אונטער די הימלען און איר אָרט האָבן פארנומען די זיגער — אַ צווייג פון דערזעלביקער אַרישער פאמיליע, וואָס פון איר קומען אַרויס נאָך זעקס ראַסן: פערסיער, גריכן, רוימער, צעלטן, טויטאָנען און סלאַוון. די זיגער פונדעסוועגן זיך איין, פארשפרייטן זיך איבערן גאנצן לאנד און זייער הויט ווערט ביסלעכווייז פאר-טונקלט אונטער די שטראַלן פון דער אומרחמנותדיק-גליענדיקער אינדישער זון.

די זיגרייכע אַריער האָבן קיין אינדיע מיטגעבראַכט זיי-ערע ערשטע רעליגיעזע שאַפונגען, פרימיטיווע געזאַנגען — דער אָנהייב פון די וועדאַס *); דאָס זענען די ריגוועדאַס, וואָס זייער עלטער ווערט געשאַצט .ארום דריי טויזנט יאָר פ. ק. די צאָל וועדאס מערט זיך מיט דער צייט און אין פארלויף פון אַ טויזנט יאָר ווערן געשאַפן אַלע וועדאס — אַ ריזיקער אוצר, איינגעטיילט אין פיר מינים: ריג-וועדאס (וועדאס אין פערזן); סאמא-וועדאַס (וועדאס מיט מעלאָדיעס); יאַדזשור-ווע-דאס (וועדאַס פאַר קרבנות-אָפּריכטן) און אַרטהאַרווא-וועדאַס (די וועדאַס פון די פּריסטער, וואָס אַנטהאַלטן שפּרוכן, רפואות און צויבעריי). אַן ערך 800 יאָר פ. ק. נעמען זיך די פארשיידע-נע שבטים אָרגאַניזירן און די רעליגיעזע ריטואַלן ווערן קאָמ-פּליצירטער; פאַר פּריסטער ווערן אויסגעקליבן פּאָעטן און זינ-גער, וואָס זענען באַליבט ביים פאָלק. מיט דער צייט ווערן

---

*) וועדא — וויסן.

אָט די אויסדערוויילטע אַ באַזונדערע קאַסטע — אַ מין כּהנים. זיי באַטעסטיקן זיך ווי אַ באַזונדערע קערפּערשאַפֿט (בראַהמי־נער) — און דאָס איז פּאַקטיש דער אָנהייב פֿון דעם קאַסטע־סיסטעם, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג אינדיעס גרעסט אומגליק, וואָרים איין קאַסטע מישט זיך נישט מיט דער אַנדערער, איז זיך נישט מתחתן און די העכערע קאַסטעס באַטראַכטן די ני־דעריקע פֿאַר טמא, וואָס זייער שפּייז טאָר מען נישט עסן און אין זייערע ד׳ אמות טאָר מען נישט שטיין.

ווען אַלעקסאַנדער מוקדון האָט אין יאָר 325 פ. ק. אַריינ־געמאַרשירט מיט זיינע גריכישע חילות קיין אינדיע *), איז שוין דאָס לאַנד געווען צוריסן אין אומצייליקע רעליגיעס, קאַס־טעס און סעקטעס. מיט די האַרצער געוועגדט צו 30.000 גע־טער. אָבער די הינדוסן האָבן שוין דאַן אויך געהאַט אַנטוויקלט רעליגיעזע און פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען פֿון אַ הויכער מדרגה. די בראַהמינער האָבן שוין געהאַט פֿאַרענדיקט זייער נייע טע־אָלאָגישע ליטעראַטור — די אופּאַנישאַדן, וואו עס רעדט זיך שוין וועגן איין אַבסאָלוטן כּח, וואָס געוועלטיקט אין אוניווערס און וואָס ער איז לויטער גוטס און ערלעכקייט. ער איז נישט ווייבלעך און נישט מאַנלעך — ער איז דער העכ־סטער „איך": בראַהמאַ, אַן אַבסטראַקטער גאָט. אָבער אַזאַ ריין־אַבסטראַקטע גאָט־אידעע קענען משיג זיין בלויז איינצעלע (ווי מיר זעען עס אין מצרים און אין אַנדערע לענדער פֿון דער אַנטיקער וועלט); און פּאַטאַנזשאַלי, דער גרינדער פֿון יאָ־

---

*) דער נאָמען „אינדיע" שטאַמט טאַקע פֿון יענער צייט. דאָס קומט פֿון פֿינדהו, דער נאָמען פֿון אַ טייך אין צפֿון־מערבֿדיקן טייל פֿון לאַנד, וואָס איז ביי די גריכן געוואָרן הינדוס און אינדוס. מיט דער צייט האָט מען דאָס וואָרט גענומען באַנוצן פֿאַרן גאַנצן לאַנד און זיינע איינוואוינער.

גאָ-סיסטעם, איז איבערצייגט, אַז ווען אַן אידעע האָט נישט קיין ממשותדיקע פאָרם, האָבן מח און האַרץ נישט אויף וואָס זיך צו קאָנצענטרירן, איבער וואָס זיך צו פאַרטיפן. דער מענטש מוז פאַר זיך האָבן אַ בילדלעכע פאָרם אַפילו פון דער העכסטער אידעע; אמת, דאָס באַגרענעצט, באַשרענקט די אידעע, דאָך מוז עס אַזוי זיין, וואָרים די גאָט-אידעע אין איר גאַנצן אוניווערסאַלן פאַרנעם איז סיי-ווי איבער די מענטשלעכע השגות. ווען דער מיטאָלאָגישער פּרינץ אַרדזשונאַ בעט ביי קרישנאַ, אַז ער זאָל זיך צו אים אַנטפּלעקן, נישט אין אַ פאָרם, אין אַ געשטאַלט, נייערט אין זיין אמתן אַלוועלטלעכן פאַרנעם און קרישנאַ טוט אים צוליב, איז דער פּרינץ באַלד מתפלל, אַז קרישנאַ זאָל זיך פאַר אים צוריק מאַניפעסטירן אין דער דערשיינונג פון באַגרענעצטער פאָרם, וואָרים צו גרויס, צו בלענדנדיק-ליכטיק איז פאַר אים גאָט אין זיין אוניווערסאַלער גרויס. דער באַשרענקטער מענטש קאָן דאָס נישט איבערטראָגן...

מיר זעען ווי ביסלעכווייז ווערן די פּרימיטיווע געטער פון די ערשטע וועדאַס אויסגעביטן אויף נייע, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך העכערע און טיפערע אידעען. די וויכטיקסטע געטער-גרופּע אונטער בראַהמאַן ווערט: קרישנאַ-ווישנו-שיוואַ. ו י ש נ ו, אין אָנהייב אַ זון-גאָט, ווערט שפּעטער דער „פרעזערווירער" און ווען זינד און אַלערליי שלעכטס באַפאַלן די וועלט, ווערט זיין גייסט מגולגל אין אַ מענטש אויף דער ערד און דורך זיין הומרדיקן אינסטרומענט ברענגט ער דערלייזונג. ק ר י ש נ א /שרי קרישנאַ/ *) איז דאָס דער וויכטיקסטער בשר-

*) קרישנאַס תורה — די, וואָס ווערט אים צוגעשריבן — געפינט אויסדרוק אין דער „בהאַגאַוואַט גיטאַ". די וויכטיקסטע טיילן דערפון זענען איבערגעזעצט אין דעמדאָזיקן בוך.

ודם, וואָס אין אים האָט זיך פֿאַרקערפּערט ווישנו. פֿאַרנעמט קרישנאַ ביסלעכווייז ווישנוס אָרט. די גרענעצן צווישן די צוויי ווערן פֿאַרווישט — דער מענטש ווערט גאָט און עס געשעט דאָ דאָסזעלביקע, וואָס אין קריסטנטום צווישן גאָט און יעזוס.. שיוואַ, דער דריטער פֿון דעם טריאַד, איז דער גאָט פֿון צו־שטערונג און דערפֿאַר אויך דער פּאָפּולערסטער ביים פּראָסטן פֿאָלק, וואָרים אויב אַ בייזער גאָט, דאַרף מען אים חנפֿענען, כּסדר בעטן — אָבער איבער די דריי און איבער נאָך אַנדערע געטער שטייט דער אַלמאַכטיקער בראַהמאַ.

דער הינדואיזם (בראַהמיניזם) פּראָקלאַמירט די נשמה, דעם גייסט פֿאַר דעם סאַמע עיקר, פֿאַר דעם תּוך. דער גוף איז דער שונא פֿון דער נשמה און די חושים פֿאַרבלענדן, פֿאַר־פֿירן, בינדן דעם מענטשן צו דאָס צייטווייליקע, דאָס פֿאַרביי־גייענדיקע. דערפֿאַר דאַרף דער מענטש כּסדר קעמפֿן אַנטקעגן חומר, זיין אויפֿן צד פֿון דער נשמה, ווייל דאָס איז דער צד פֿון גאָט און פֿון דער אייגענער גליקזעליקייט. אייביק איז די נשמה און קורצווייליק דער חומר. קערפּערס ווערן געבוירן און פֿאַלן־פֿאַנאַנדער אין שטויב און דער גייסט וואַנדערט ווייטער אַ לעבעדיקער — און יעדע נשמה איז אַ טראָפּן פֿון דער וועלט־נשמה און די וועלט־נשמה איז בראַהמאַ. בראַהמאַ איז אין אונז און מיר — אין בראַהמאַ, זאָגט דער בראַהמין. „דו ביסט אַ טייל פֿון גרויסן גייסט און איך בין אַ טייל פֿון גרויסן גייסט״— אינאיינעם זענען מיר גאָט.

אָבער דער מענטש מוז זיך פֿריער לייטערן און לייטערן, ביז ער גיסט זיך צונויף מיטן וועלט־גייסט, ביז ער ווערט איינס מיטן אַבסאָלוטן איך. געבוירט נאָך געבוירט (רעאינקאַר־נאַציע) און אין יעדן געבוירט מוז דער מענטש זיך מיען צו שטייגן העכער, צו פֿאַרמינערן זיך אַליין, כּדי דאָס געטלעכע

און אייביקע זאָל האָבן וואָס מער אָרט אין אים. וואָס ווייטער פון די ערדישע אילוזיעס, פון די צייטווייליקע פאַרבלענדענישן, אַלץ נענטער צו גאָט, אַלץ נענטער צו זיך אַליין, צום אייגע־נעם מקור און עיקר. און ווען דער מענטש דערגרייכט ענד־לעך די פולע לייטערונג, ווערט ער מער נישט געבוירן אויף דער זינדיקער ערד, וואָרים ער האָט שוין דערלאַנגט דעם ציל איבער אַלע צילן, דעם תכלית איבער אַלע תכליתים: די באַ־העפטונג מיט בראַהמאַ. נאָר ווי איז דעם, וואָס לייטערט זיך נישט, וואָס גיט זיך אָפּ דעם ערדישן גלאַנץ, וואָרים אַנשטאָט צו שטייגן, פאַלט ער; אַנשטאָט זיך צו דערהויבן, זינקט ער טיפער אין יאָמערטאָל פון דער ערדישער עקסיסטענץ און זיין נשמה ווערט ווידערגעבוירן אין אַ נידעריקער קאַסטע, אָדער גאָר אין אַ חיה...

דער בראַהמיניזם, מיט זיין כסדרדיקן פאַרטיפן זיך און גריבלען זיך אין דער מענטשלעכער נשמה און אין דער נשמה פון וועלטאַל, האָט אינספּירירט פאַרשיידענע אַנדערע שיטות. אָט איז דאָס ס אַ מ ק י ה אַ־סיסטעם, געגרינדעט פון חכם ק אַ פּ י־ל אַ, איבער 800 פ. ק. — אַ סיסטעם, וואָס לערנט, אַז ס'איז נישטאָ קיין איינציקער מקור פון באַשאַף, קיין אוניווערסאַלער גאָט, נייערט אַלץ ווערט רעגולירט פון געווויסע מאַטעריעלע געזעצן.

דאָס ווייסעשיקאַ־סיסטעם, וואָס דער חכם קאַנאַדאַ האָט געשאַפן אַן ערך 500 יאָר פ. ק., ווערט גערופן די אַטאָ־מישע לערע, מחמת עס זוכט דעם שורש פון באַשאַף אין מאָ־לעקולאַרן שטאָף. דאָס איז די פריסטע שיטה וועגן אַטאָם, וואָס האָט אין אונזער צייט זיך אַנטוויקלט צו אַזאַ ווייט־גרייכנדיקער וויסנשאַפט.

איינע פון די גרעסטע צווייגן פון בראַהמיניזם איז דאָס

יאָגאַ-סיסטעם, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום 350 פ. ק. און וואָס לערנט דעם מענטשן ווי צו ווערן דער מייסטער איבער זיך אַליין, ווי דורך געוויסע רעגולירונגען פון אָטעם און קאָנצענט-ראַציע פון געדאַנק צו קאָנטראָלירן דעם גאַנצן קערפּער, אַפילו דעם מינדסטן פינגער, אַפילו אָפּצושטעלן דאָס פליסן פון דעם בלוט, אָדער עס מאַכן פליסן אין וועלכער ריכטונג דער יאָגי וויל; דורך דיזעלביקע און אַנדערע מיטלען קאָן דער יאָגי — ווי דידאָזיקע אינטערעסאַנטע מעטאַפיזישע פילאָסאָפיע פאַרזי-כערט — אַריינדרינגען אין די טיפן פון אַנדערע נשמות, זע-ענדיק וואָס אין זיי קומט-פאָר, און אין אַנדערע וועלטן.

עס וואָלט אונז צו ווייט פאַרפירט, ווען מיר זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף יעדער אמונה און פילאָסאָפיש סיסטעם פון אינדיע — און וואָס מיר ווילן דאָ, איז בלויז וואַרפן אַ פּאַס-מע ליכט אויף די וועדאַס, אופּאַנישאַדן און בהאַגאַוואַט-גיטאַ, וואָס וויכטיקע קאַפּיטלען פון זיי וועט דער לייענער געפינען איבערגעזעצט אויף יידיש אין דעמדאָזיקן בוך. דאָך וועלן מיר נאָך, פאַרבייגייענדיק, דערמאָנען די דזשיינאַ-סעקטע, וואָס דער פּרינץ מאַהאַווירא האָט געגרינדעט און וואָס דער-גאַנצט דאָס בילד פון אינדיע און וואָס גיט נאָך אַ ביישפּיל ווי ווייט דער אינדישער געדאַנק קאָן גיין. פּרינץ מאַהאַווירא האָט, פּונקט ווי זיין נאָכקומער, פּרינץ גאָוטאַמאַ (בודאַ) *) אַוועקגעוואָרפן זיין מלכותדיקן פּראַכט און עשירות און זיך אי-בערגעגעבן דעם עקסטרעמסטן אַסקעטיזם. ער באַזעצט זיך אין אַ ווילדן וואַלד, וואו ער נערט זיך מיט קרייטעכצער און טראַכט איבער דעם תכלית פון לעבן, ביז ער דערטראַכט זיך

---

*) וועגן בודיזם וועט דער לייענער געפינען אויספירלעך אין מיין בוך: „די רייד פון בודאַ".

צום אַטעאיסטישן געדאַנק, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט און אײן הייליקייט איז פאַראַן — דאָס לעבן. אַלץ, וואָס לעבט, איז קדוש. און אַפילו דאָס לעבן פון דעם מינדסטן ווערימל טאָר נישט געראַבעוועט ווערן, אונטער קיין אומשטענדן נישט. געטרייע תּלמידים זיצן אויף איין אָרט, רירן זיך נישט, קאַמען זיך נישט און וואַשן זיך נישט, אָטעמען אַזוי ווייניק ווי מעגלעך — ווייל אַנדערש קאָן מען אומברענגען לעבעדיקע באַשעפענישלעך, וואָס ראַיען זיך אומעטום. אַט דידאָזיקע סעקטע האָט ביי היינטיקן טאָג אַנדערהאַלבן מיליאָן מאמינים, אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס פּרינץ מאַהאַווירא, דער, וואָס האָט געלייקנט גאָט, איז אַליין געוואָרן אַ גאָט, ווי דאָס איז אויך בודאַ געוואָרן ביי אַ סך פון זיינע אָנהענגער...

אַזוי איז פאַקטיש נישטאָ אַזאַ גאָט, וואָס מ׳זאָל צו אים אין אינדיע נישט דינען און נישטאָ אַזאַ פילאָסאָפיש סיסטעם, וואָס האָט נישט אין אינדיע קיין וואָרצלען. נישט אומזיסט זאָגט אַזאַ איטאָריטעט ווי סער מאָניער-וויליאַמס, אַז „די הינדוסן זענען געווען שפינאָזיסטן איבער צוויי טויזנט יאָר פאַר שפינאָזאַן; דאַרוויניסטן, פיל הונדערטער יאָרן פאַר דאַרווינען און עוואָלוציאָניסטן איידער דאָס וואָרט „עוואָלוציע” האָט עקסיסטירט אין וועלכער-ס׳איז שפּראַך פון דער וועלט”. דאָס צעטל קאָן אַ סך פאַרגרעסערט ווערן, וואָרים אונטער דער אינדישער זון איז קיין נייס נישטאָ...

פון די וועדאַס.

באַשאַף

דאַמאָלט איז נישט געווען נישט קיין זיין און נישט קיין ניט-זיין;
ניט קיין וועלט, ניט קיין הימל, ניט עפּעס איבער אים;
גאָרנישט אינערגעץ-נישט,
נישט קיין פאַרהילעניש און נישט קיין נישט-פאַרהילעניש;
נישט קיין וואַסער, טיף און ספּנותדיק.
קיין טויט איז נישט געווען און דעריבער
אויך נישט קיין אומשטאַרבלעכקייט,
אויך נישט קיין צווישנשייד
פון טאָג און נאַכט.

אָבער ער איינער האָט געאָטעמט
רואיק אַליין מיט דער נאַטור, די,
וואָס איז אין אים.
קיין אַנדערער, ווי ער, גאָרנישט איז געווען,
וואָס איז זינט דאַמאָלט דאָ.

פינצטערניש איז געווען
און נישט-צושיידטע וואַסערן;
אָבער דידאָזיקע מאַסע, וואָס איז באַדעקט געווען
מיט אַ שאָלעכץ,
איז אין איר גרויס באַשאַפן געוואָרן מיטן כח
פון געדאַנק.
דער ערשטער געדאַנק האָט זיך געשטאַלטיקט
אין ז י י ן מח — און דאָס איז געוואָרן
די ערשטע שאַפנדיקע זריעה,
וואָס די חכמים, דערקענענדיק עס דורכן שכל פון זייערע האַרצער
באַשיידן עס ווי דער קנופּ פון ניט-זיין מיטן ז י י ן.

האָט דער שיינענדיקער שטראַל
פון אָט די שאַפנדיקע "מעשים"
זיך אויסגעשפרייט אין מיטן, אָדער אויבן,
אָדער אונטן?
פון דעם-אָ שאַפנדיקן כח זענען דאָס געוואָרן
די פילנדיקע וועזנס
און דער חומר;
די נאַטור, וואָס איז געווען אינווייניק,
איז געוואָרן אַן אונטערוואָרפענע,
און דער, וואָס האָט זי כולל געווען,
איז געווען איבער איר.

ווער ווייס גענוי און ווער זאָל דאָ,
אויף אונזער וועלט,
באַשיידן
פון וואַנען און פאַרוואָס דער באַשאַף איז פאָרגעקומען?
די געטער זענען דער פועל-יוצא

פון דעם באשאף
פון דער וועלט;
דעריבער — ווער קאָן וויסן
פון וואַנען זי גייט־אָן און פון וואַנען
די פאַרשיידנאַרטיקע וועלט
קומט אַרויס, אָדער
צי זי האַלט זיך אויף עפּעס,
אָדער נישט?
דער, וואָס וואוינט אין העכסטן הימל,
איז דער הערשער פונם וועלטאל —
ער נאָר וויס עס, אָדער וויס נישט.

א. אלם

דער אָנהייב

אין אָנהייב האָט זיך אויפגעוועקט דער קוואַל פון גאָל־דענעם ליכט. ער איז געווען דער איינציק־געבוירענער האַר פון אַלצדינג, וואָס איז. ער האָט באַשאַפן די ערד און דעם הימל. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס גיט לעבן. ער, וואָס גיט כח; וואָס זיין ברכה באַגערן אַלע ליכטיקע געטער; וואָס זיין שאָטן איז אומשטאַרב־לעכקייט, וואָס זיין שאָטן איז טויט. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס דורך זיין גבורה איז ער דער איינציקער קיניג פון דער אָטעמדיקער און דערוואַכנדיקער וועלט. ער, וואָס גע־וועלטיקט איבער אַלצדינג, מענטשן און חיות. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס זיין גבורה דערציילן די שנייאיקע בערג, וואָס זיין גבורה דערציילט דער ים און דער טייך. ער, וואָס זיינס זענען די־דאָזיקע ספערן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע צוויי אָרעמס. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס דורך אים איז דער הימל ליכטיק און די ערד פעסט. ער, וואָס דורך אים איז דער הימל שטאַנדהאַפטיק, דהיינו: דער העכסטער הימל. ער, וואָס מעסט דאָס ליכט אין דער לופט. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס דער הימל און די ערד, באַפעסטיקט דורך זיין ווילן, קוקן צו אים אַרויף מיט איבינגסטן ציטער. ער, וואָס

איבער אים שיינט די אויפגייענדיקע זון. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

וואו־נאָר די מאַכטיקע וואַסער־וואָלקנס גייען, וואו זיי שפרייטן זאָמען און צינדן־אָן דאָס פייער, דאָרט שטייגט־אויף ער, וואָס איז דאָס איינציקע לעבן פון די ליכטיקע געטער. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

ער, וואָס מיט זיין גבורה קוקט ער אריבער איבער די וואַסער־וואָלקנס, די וואָלקנס, וואָס האָבן געגעבן קראַפט און אָנגעצונדן דעם קרבן; ער, וואָס ער איז גאָט איבער אַלע געטער. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

זאָל ער נישט פאַרטיליקן אונז — ער, דער באַשאַפער פון דער ערד — — — ער, דער גערעכטער, ער, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל; ער, וואָס האָט באַשאַפן די העלע, ליכטיקע וואַסערן. ווער איז דער גאָט, וואָס צו אים זאָלן מיר ברענגען אונזער קרבן?

א. אלמי

אַ געזאַנג צו װאַרונא *)

לאָז מיך נאָך נישט אַצונד, אָ, װאַרונאַ, אַרײַנגײַן אינם הויז
פון ליים ; האָב רחמנות, אַלמאַכטיקער, האָב רחמנות.

אויב איך גיי אַ ציטערדיקער, ווי אַ וואָלקן, געטריבן פונם ווינט
האָב רחמנות, אַלמאַכטיקער, האָב רחמנות.

אין געיעג נאָך מאַכט, דו שטאַרקער און ליכטיקער גאָט, האָב
איך פאַרבלאָנדזשעט צום פאַלשן ברעג ; האָב רחמנות,
אַלמאַכטיקער, האָב רחמנות !

ווען-נאָר מיר, מענטשן, אָ, װאַרונא, פאַרברעכן אַנטקעגן
דעם האַר פון הימל ; ווען-נאָר מיר ווידערשפּעניקן
דײַן געזעץ דורך נישט באַרעכנטקייט, האָב רחמנות,
אַלמאַכטיקער, האָב רחמנות !

---

*) דער גאָט, וואָס האָט די השגחה איבער די נאַטור-געזעצן. אַן אַנדער-מאָל — דער האַר פון דעם הימלישן קיניגרײַך.

א געזאַנג צו אינדרא*)

זאָל נישט קיינער, אפילו די, וואָס דינען צו דיר, דיך האַלטן ווייט פון אונז! אפילו פון ווייט קום צו אונזער סעודה! אָבער, אויב דו ביסט דאָ, האַרך צו אונז!

וואָרים די, וואָס האָבן מתפלל געווען צו דיר, זיצן צו-זאַמען אַרום דעם טראַנק-אָפּער, ווי פליגן אַרום האָניק. די מתפללים, מיט גיר צו רייכטום, האָבן געלייגט זייער וואונטש פאַר אינדרא, ווי מיר לייגן אונזערע פיס אויף אַ קאַרעט.

מיט גיר צו עשירות, רוף איך צו אים, וואָס ער האַלט דעם דונער אין זיין אָרעם און וואָס ער איז אַ גוטער געבער, ווי אַ זון רופט צו זיין פאָטער.

דאָסדאָזיקע געטראַנק פון סאָמאַ**), געמישט מיט מילך, איז פאָרגעברייט געוואָרן פאַר אינדראַ; דו, באוואָפנט מיט דעם דונער, קום מיט דיינע פערד, צו טרינקען דערפון פאַר דיין דער-קוויקעניש; קום אין הויז אַריין!

זאָל ער אונז הערן, וואָרים ער האָט אויערן צו הערן. מען בעט ביי אים רייכטום; וועט ער זיך אָפּקערן פון אונזערע תפלות? ער קאָן שנעל געבן הונדערטער און טויזנטער; קיי-נער קאָן אים נישט אָפּהאַלטן, ווען ער וויל געבן.

מאַך פאַר די הייליקע געטער אַ געזאַנג, וואָס איז נישט קליין, וואָס איז גוט אויסגעשטעלט און פראַקטיק! אַ סך נעצן זענען אויסגעשפרייט פאַר דעם, וואָס בלייבט מיט אינדראַ דורך דער צייט פון קרבן.

---

*) אינדרא—דער גאָט פון שטורעם. אַן אַנדער מאָל—קיניג פון די געטער.

**) אַזאַ פלאַנץ, וואָס זיין זאַפט איז גענוצט געוואָרן פאַר טראַנק-אָפּפערס. אויך דער גאָט פון שכרות.

וועלכער שטאַרבלעכער דערוועגט זיך צו באַפאַלן אים, וואָס ער איז רייך אין דיר? דורך דעם גלויבן אין דיר, אָ, מאַכטיקער, דערגרייכט דער שטאַרקער רויב אין די טעג פון מלחמה.

דו ביסט וואויל באַוואוסט ווי דער העלפער פון יעדן איי-נעם, וואָס פאַר אַ שלאַכט עס זאָל נישט זיין. איטלעכער איי-נער פון די הערשער פון דער ערד רופט דיין נאָמען, ווען ער דאַרף הילף.

אויב איך וואָלט געווען דער האַר פון אַזויפיל, ווי דו, וואָלט איך געהאָלפן דעם הייליקן זינגער, דו צושפרייטער פון עשירות; איך וואָלט אים נישט איבערגעלאָזט אין נויט.

איך וואָלט באַלוינט מיט רייכטום טאָג נאָך טאָג דעם, וואָס איז איידל; איך וואָלט אים באַלוינט, ווער עס זאָל נישט זיין.

מיר האָבן נישט קיין אַנדער פריינט, אַ חוץ דיר; נישטאָ קיין אַנדער גליק, נישטאָ קיין אַנדער פאָטער, אָ, מאַכטיקער!

מיר רופן צו דיר, אָ, גבור, ווי קי, וואָס זענען נישט געמאָלקן געוואָרן; מיר לויבן דיך, ווי דעם הערשער פון אַלצ-דינג, וואָס באַוועגט זיך, אָ, אינדרא, ווי דעם הערשער פון אַלצדינג, וואָס באַוועגט זיך נישט.

עס איז נישטאָ נאָך איינער גלייך צו דיר אויפן הימל און אויף דער ערד; ער איז נישט געבוירן געוואָרן און ער וועט נישט געבוירן ווערן, אָ, מאַכטיקער אינדרא, מיר רופן צו דיר, בשעת מיר גייען זיך שלאָגן פאַר קי און פאַר פערד.

לויה-אָפּריכטן

אַזוי שנעל ווי ער טרעט-אַריין אין דעמדאָזיקן לעבן, ווערט ער דער דינער פון די געטער.

מעג זיין אויג גיין צו דער זון; דער אָטעם, צום ווינט— גיין צו דעם הימל און צו דער ערד, ווי עס דאַרף צו זיין; אָדער גיין צו די וואַסערן, אויב עס איז דאָרט גוט פאַר דיר. רו אין די פלאַנצן.

די נישט-געבוירענע טייל וואַרעם מיט דיין וואַרעמקייט, זאָל דיין היץ עס דערוואַרימען און דיין פלאַם! אָ, גאַטאַ-וועדאַס, טראָגט אים אין אייער פריינטלעכסטן געשטאַלט צו דער וועלט פון די, וואָס האָבן געטון גוט.

אָ, אַגני *), שיק אים צוריק צו די אבות, אים, וואָס ער קומט געהייליקט מיט קרבנות צו דיר! אויב באַקליידט מיט לעבן, זאָל דאָס, וואָס בלייבט איבער, זיך צוריקקערן, זאָל ער באַהאַפטן ווערן מיט אַ קערפּער, אָ, גאַטאַ-וועדאַס!

וואָס נאָר דער שוואַרצער פויגל שעדיקט, די מוראַשקע, די שלאַנג, די ווילדע חיה, זאָל אַגני גאַנץ מאַכן פון אומגליק אַרויס, און אויך סאָמאַ, וואָס האָט זיך באַהאַפטן צו די געטער.

*) אַגני — דער גאָט פון פייער. פאַר אַ צייט (שפּעטער) דער הויפּט-גאָט פון די וועדאַס.

קריך נאָענט צו דער מוטער, די ערד דאָרט, די ברייטע, די אַלץ־אַרומנעמענדיקע, די געבענטשטע! זי איז גלייך צו אַ יונגפרוי, ווייך ווי וואָל צו דעם פרומען; זאָל זי דיך באַשיצן פון דער שויס פון ניריטי *)

אָ, ערד, עפן זיך ברייט, שטיק אים נישט, זיי פריינט־לעך ביים אויפנעמען און ביים אַרומנעמען אים! באַדעק אים, אָ, ערד, ווי אַ מוטער דעקט־צו איר זון מיט איר קלייד.

זאָל די אויפגעמאַכטע ערד שטיין פעסט און זאָלן אַ טויזנט אונטערשטיצערס שטיין ביי איר. זאָל דידאָזיקע וואוי־נונג פליסן מיט גהריטאַ־אָפּער און זאָל דאָרט אַלעמאָל זיין מיט זיכערקייט פאַר אים.

*) ניריטי — צושטערונג.

בראהמינישע חכמה

עס איז נישטאָ עפּעס שטאַרקערס ווי אַ באַשיידענער מענטש, וואָרים אַ באַשיידענער מענטש, וואָס פאַרלייקנט זיך אַליין, באַהעפט זיך צו גאָט.

פּראַקטיק זענען די ווערטער פון דער תּפלה: „קום און וואוין אין אונז". אַלצדינג זענען פולע דידאַזיקע ווערטער. דער מענטש האָט אַלץ, וואָס ער וויל, אויב גאָט קומט וואוינען אין אים. כדי גאָט זאָל קענען וואוינען אין אונז, מוזן מיר טון בלויז איין זאַך: פאַרמינערן זיך אַליין, אַז גאָט זאָל האָבן אַן אָרט אין אונז. אַזוי שנעל ווי אַ מענטש האָט פאַרמינערט זיך אַליין, גייט אַריין גאָט און וואוינט אין אים. דעריבער, כדי צו האָבן אַלצדינג, וואָס ער באַגייטיקט, מוז דער מענטש פרי־ער זיך קליין מאַכן.

וואָס טיפער אַ מענטש דרינגט־אַריין אין זיך אַריין און וואָס אומוויכטיקער ער קוקט זיך אַליין אויס, אַלץ העכער דער־הויבט ער זיך צו גאָט.

פון דעם, וואָס דינט דעם אַלהעכסטן, אַנטרינט די גאוה פון זיין האַרץ, אַזוי ווי דאָס ליכט פון אַ לאַגער־פייער פאַר די שטראַלן פון דער זון. דער, וואָס זיין האַרץ איז לויטער און וואָס אין אים איז נישטאָ קיין גאוה; דער, וואָס איז באַ־שיידן, באַשטענדיק און פראָסט, וואָס ער קוקט אויף איטלעכן באַשעפעניש ווי אויף זיין פריינט און האָט ליב יעדע נשמה, ווי זיין אייגענע; דער, וואָס באַגעגנט זיך צו איטלעכער בריאה מיט גלייכער פריינטלעכקייט און ליבע; דער, וואָס טוט גוט און האָט זיך אָפּגעקערט פון נישטיקייט — אין זיין האַרץ וואוינט דער האַר פון לעבן.

אזוי ווי די ערד איז באצירט מיט פראכטיקע פלאנצן, וואס זי ברענגט ארויס, אזוי איז באצירט דער, וואס אין זיין נשמה וואוינט דער האר פון לעבן.

פערזענלעכקייט

א סך שטעלן זיך פאר, אז ווי באלד מיר שיילן ארויס פון אונזער לעבן דאס פערזענלעכע און די ליבע דערצו, בלייבט גארנישט איבער. זיי מיינען, אז נישטא איז קיין לעבן אן פערזענלעכקייט. אבער דאס זעט נאר אזוי אויס ביי מענטשן, וואס האבן קיינמאל נישט געוואוסט די פרייד פון זעלבסטפאר־לייקעניש. טייל־אפ דאס פערזענלעכע פון לעבן, פארלייקן עס און עס וועט איבערבלייבן דאס, וואס איז דער סאמע עיקר פון לעבן — ליבע, וואס ברענגט זיכערלעך גליק.

וואס מער דער מענטש דערקענט זיין גייסטיקן „איך" און וואס מער ער פארלייקנט זיין חומרדיקע פערזענלעכקייט, אלץ בעסער פארשטייט ער זיך אליין.

גוטע מחשבות

שעך גוטע מחשבות, דיינע אייגענע און די פון אנדערע, אזוי גיך ווי דו דערקענסט זיי. גארנישט וועט דיר אזוי העלפן, ווי גוטע מחשבות, אין דערגרייכן דעם אמתן ציל פון דיין לעבן.

זיי דער מייסטער פון דיינע געדאנקען, אויב דו ווילסט דערלאנגען דיין תכלית. ווענד דעם בליק פון דיין נשמה צו דעם איינציק־לויטערן ליכט, וואס א־ז פריי פון ליידנשאפטן.

פֿינצטערע שאָטנס

כדי אַ לאָמפּ זאָל געבן כּסדר ליכט, מוז מען זי שטעלן אויף אַן אָרט, וואו זי איז באַשיצט פֿון ווינט. אָבער, אויב אַ לאָמפּ שטייט אויף אַ ווינטיק אָרט, וועט איר ליכט פֿלאַטערן און וואַרפֿן אומהיימלעכע און פֿינצטערע שאָטנס. אַזוי אויך וואַרפֿן די הפקרדיקע, נאַרישע און זינדיקע מחשבות אומהיימלעכע און פֿינצטערע שאָטנס אויף דער נשמה פֿונם מענטשן.

ווען דאָס ליכט פֿון דיין גייסטיק לעבן לעשט זיך אויס, דאַמאָלט פֿאַלן די פֿינצטערע שאָטנס פֿון דיינע קערפּערלעכע באַגערן איבער דיין וועג — היט זיך פֿון דידאָזיקע מוראדיקע שאָטנס. דאָס ליכט פֿון דיין גייסט קאָן נישט פֿאַריאָגן זייער פֿינצטערניש, ביז דו פֿאַרטרייבסט די קערפּערלעכע באַגערן פֿון דיין נשמה.

דאָס גליק פֿון גייסטיקן לעבן

פּונקט אַזוי ווי ליכט קאָן נישט ברענען אָן אַ פֿייער, אַזוי קאָן אַ מענטש נישט לעבן אָן אַ גייסטיק לעבן. דער גייסט וואוינט אין אַלע מענטשן, אָבער נישט אַלע מענטשן באַגרייפֿן עס.

גליקלעך איז דאָס לעבן פֿון דעם, וואָס ווייס דערפֿון, און אומגליקלעך איז דאָס לעבן פֿון דעם, וואָס ווייס עס נישט.

דער אייביקער עיקר

דיינע שאָטנס לעבן און אַנטרינען. דאָס, וואָס איז באַשטענדיק אין דיר, דאָס, וואָס האָט אַ סיבה, געהער נישט צום

פארגייענדיקן לעבן. דערדאָזיקער באַשטענדיקער עיקר איז אין דיר. גיב זיך איבער צו אים און ער וועט אַנטפּלעקן צו דיר דאָס, וואָס איז לעבן און אַלצדינג, וואָס איז וואָר און אַלצדינג, וואָס דו באַנייטיקסט אַצונד.

באַהערש די געדאַנקען

ווען אומגליקן באַפאַלן דיך, ווייס, אַז זיי זענען נישט צוליב דעם, וואָס דו האָסט געטון, נייערט צוליב דעם, וואָס דו האָסט געטראַכט.

אויב מיר קענען זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ טואונג, וואָס מיר ווייסן, אַז זי איז שלעכט, איז עס דערפאַר בלויז, וואָס מיר האָבן קודם זיך דערלאָזט צו טראַכטן פון דערדאָזיקער שלעכטער טואונג און נישט באַצוואונגען אונזערע געדאַנקען.

שטרעב, נישט צו טראַכטן מחשבות, וואָס דו גלויבסט, אַז זיי זענען שלעכט.

שעדלעכער פון שלעכטע מעשים זענען די געדאַנקען, וואָס פירן צו שלעכטע מעשים. אַ שלעכטע טואונג מוז נישט ווידער געטון ווערן און מען קאָן זי באַרייען. אָבער שלעכטע געדאַנקען געבערן שלעכטע מעשים. אַ שלעכטע טואונג ווייזט דעם וועג צו אַנדערע בייזע מעשים. שלעכטע געדאַנקען שטויסן דיך אַרויף אויפן וועג פון שלעכטע טואונגען.

פרוכט קומט אַרויס פון זאָמען. אַזוי ווערן מעשים געבוירן פון מחשבות. אַזוי ווי דער פויער זונדערט-אָפּ די גוטע, די אמתע זריעה פון אומקרויט און קלייבט-אויס פון דער גוטער זריעה די בעסטע און היט זי, אָט אַזוי באַהאַנדלט דער קלוגער מענטש זיינע געדאַנקען; ער וואַרפט-אָפּ נישטיקע און

נאַרישע געדאַנקען און באַוואָרט-אויף די גוטע געדאַנקען, אָפּ-קלייבנדיק און באַשיצנדיק זיי. אויב דו פאַרטרייבסט נישט די שלעכטע מחשבות, אויך באַוואָרסטו נישט די גוטע מחשבות, קענסטו נישט אויסמיידן שלעכטע מעשים. גוטע מעשים קומען פון גוטע געדאַנקען בלויז. באַוואָר גוטע געדאַנקען, זוכנדיק זיי אין די ביכער פון חכמה, אין קלוגע שמועסן און דער עיקר: אין דיין אינוויייניקסטן „איך".

ש. אלמי

בהאַגאַוואַט גיטאַ

פרינץ אַרדזשונא פרעגט:

ווי קאָן ער אין שלאַכט טייטן גוטע מענטשן?
ווי קאָן איך שיסן אין דער שלאַכט אַ פייל
אויף בהישמאַ, צי אויף דראָנאַ — אָ, דו האַר! —
זיי ביידע — פרומע און בכבודיקע לייט?

ס'איז בעסער נערן זיך אויף בעטל-ברויט
מיט די, וואָס זענען לעבעדיק אונז ליב,
ווי טועם-זיין דאָס בלוט פון זיי אויף רייכן מאָלצייט
און לעבן מיט אַ שולדיקן געוויסן.
אָ, איז עס דען נישט ערגער פיל — ווער ווייס? —
צי זיין אַ זיגער און באַזיגער דאָ,
ווען ס'קוקן אונז אין פנים ביין
די לייט, וואָס ס'האָט דער טויט
פון נאָענטע געלאָזט אין זיי
אַ לעבעדיקן צער

פאַרלוירן אין רחמנות, פול מיט ספקות
און די מחשבה׳ס מיין פאַרבלאָנדזשעט — ווענד איך זיך
צו דיר, דו פירער, וואָס איך אַכפּער דיך,
צו לערנען זיך פון דיר.
איך ווייס נישט וואָס געהיילט וואָלט מיר דעם שמאַרץ,
וואָס האָט זיך איינגעבערענט אין זעל און זין,
אויב איך זאָל זיין דער ניט-פאַרגלייכלעכער האַר
פון גאָרער וועלט!

קרישנא ענטפערט:

דו ליידסט, וואו ס׳דאַרף קיין לייד נישט זיין! דיין וואָרט
איז לער פון חכמה, הויל — דער חכם טרויערט נישט
אויף די, וואָס לעבן און אויך נישט אויף די, וואָס טויט.
נישט איך, נישט דו, נישט קיינער נישט
איז אַמאָל נישט-געווען, צי וועט אַמאָל נישט-זיין —
פון אייביקייט ביז אייביקייט.
יאָ, אַלע די, וואָס לעבן — לעבן תמיד!
ווי קינדהייט, יונגשאַפט, עלטער זענען דאָ, —
אַזוי איז אויך פאַראַן אַ צייט אויף אויפהויבן זיך
און אויף לייגן זיך
אין אַנדערע און אַנדערע לעבנס-חאַוויגונגען —
וואָס דאָס פאַרשטייט דער חכם און ער שרעקט זיך נישט.

די נשמה, וואָס ווערט נישט גערירט

די נשמה, וואָס איז שטאַרק און שטענדיק רואיק,
נעמט-אויף מיט גלייכגילט סיי טרויער און סיי פרייד —
זי לעבט אין לעבן — אַן אומשטאַרבלעכע! ווייל דאָס, וואָס איז,
קאָן קיינמאָל נישט אויפהערן; און דאָס, וואָס איז נישטאָ,

וועט קיינמאָל דאָ ־פּס זיין.
צו זען די וואָר דערפון, קאָן דער, וואָס זונדעט־אָפּ
ס׳באַשטענדיקע פון צופאַל, ממשותדיקס פון שאָטן.
אומצושטערבאַרער, פאַרשטיי! דאָס לעבן איז —
אַדורך און דורך בלויז לעבן.
עס קאָן אינערגעץ נישט, אויף קיין שום אופן נישט,
פון וועמען־נישט געמינערט ווערן,
פאַרגליווערט, צי געענדערט ווערן.

גייסט איז קיינמאָל נישט געבוירן:
גייסט וועט קיינמאָל נישט אויפהערן.
סוף און אָנהייב זענען בלויז חלומות.

נישט געבוירן, נישט פאַרלוירן, נישט געענדערט
בלייבט דער גייסט אויף אייביק:
טויט האָט נישט באַרירט אים — ווען אַפילו
טויט זעט אויס זיין דירה!

אַזוי ווי איינער, וואָס טוט אויס
זיין אויסגעטראָגן קלייד;
און טוט אַ ניי קלייד אָן — און זאָגט:
„דאָס װעל איך טראָגן היינט!" —
אַזוי טוט אויך דער גייסט זיך אויס
זיין קלייד פון פלייש
און גייט אַוועק באַזעצן זיך
אין אַ נייער דירה דאָן.

גייסטיק לעבן

איך זאָג צו דעם געוועזער — נישט גרייך דאָס לעבן;

פלאַם, ברען עס נישט; וואַסער, לעש עס נישט;
טרוקן עס נישט, ווינט. פאַרשלאָסן,
נישט דורכדרינגלעך, נישט אָנגעגריפן, אַלץ-גרייכנדיק,
פעסט, זיכער, נישט-זעבאַר, נישט באַגרייפלעך —
נישט וואָרט, נישט מחשבה קאָן עס תופס זיין.
שטענדיק אַזוי ווי זי איז — אָט דאָס איז
די נשמה!
ווי אַזוי קענסטו, דעריבער, ווייסנדיק דאָס אַלץ,
ליידן, ווען דו דאַרפסט נישט ליידן?

אויב אַ מענטש, וואָס ער איז נאָר-וואָס טויט,
איז ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָר-וואָס געבוירן,
אַ לעבעדיקער מענטש,
איין-און-דערזעלביקער עקסיסטירנדיקער גייסט —
וועסטו קלאָגן?
דער סוף פון געבורט איז טויט; דער סוף פון טויט
איז געבורט. אַזוי איז עס געשטעלט!
נאָך וואָס דער טרויער, דו מאַכטיקער קריגסמאַן,
וואָרים וואָס טרעפט דען
אַזוינס, וואָס קאָן אַנדערש נישט טרעפן?
דאָס געבורט פון לעבעדיקע זאַכן קומט אָן באַוואוסטזיין,
דער טויט קומט אָן באַוואוסטזיין; צווישן זיי קומען בּרואים
צום באַוואוסטזיין —
וואו איז דאָס פרוּויריקע דעריין, ליבער פרינץ?

דער פלאַם פון וויסן

דער קרבן,
וואָס וויסן ברענגט, איז בעסער פון מתנות גרויסע,

וואָס רייכטום גיט, וואָרים ווערטפולע מתּנות —
אָ, מיין פּרינץ! —
ליגן אין פאַרשטאַנד, אין ווילן, וואָס דינט:
און אָט די מתּנות קריגט מען דורך פאַרערונג,
דורך שטרענג פאָרשן,
דורך עניוהדיק אַכטן די, וואָס לערנען אמת.
וויסנדיק דעם אמת, וועט דיין האַרץ נישט מער
געפּייניקט זיין פון טעות, וואָרים ס׳וועט דער אמת
וויַיזן דיר אַלע זאַכן, אונטערוואַרפנדיק צו דיר,
ווי דו צו מיר.

דער פלאַם פון וויסן פאַרטיליקט ס׳פּסולת פון דער אַרבעט!
נישטאָ נאָך אַזאַ לייטערער אין גאָרער וועלט
ווי וויסן!
און ווער עס זוכט עס, וועט׳ס געפינען — אויפן וועג
פון שלימות — טיף אין זיך אַליין.
גלויבנדיק באַקומט ער עס, בשעת די זעל
רעגירט זיך זעלבסט, און קלעפּט צום אמת, און דערגרייכט —
דורך וויסן — דעם העכסטן פרידן,
די פולסטע רו.
אָבער די, וואָס נישט געלערנט און אָן אמונה גאַנצער,
און די, וואָס האָבן מורא, זענען ווי פאַרשאָלטן,
נישטאָ אינערגעץ נישט קיין רו פאַר זיי.

קיין האָפנונג און קיין פרייד נישטאָ פאַר די,
וואָס צווייפלען.
בלויז דער, וואָס זעלבסט־באַהערשט, באַפרייט
פון ספקות
אָפּשיידנדיק דעם „איך״ פון פליכט, די זעל פון אַרבעט.

איז אויפגעקלערט און איז דערלייזט, מיין פרינץ!
די ארבעט פענטעט אים נישט מער!
צושנייד, אָ, מיט דער שווערד פון חכמה, —
זון פון בהאראטא! —
די ספקות, וואָס זיי בינדן דיינע האַרץ-שלאָג!
צופליק די קייט, וואָס איז באשאפן פון אומוויסן!
זיי דרייסט און קלוג! גיב זיך אָפּ דעם פעלד
באַנאַנד מיט מיר! שטיי-אויף!

קרישנא איז מגלה זיינע דערשיינונגען

פון פיל טויזנט שטאַרבלעכע זוכט איינער אפשר
דעם אמת; און פון די וויניק, וואָס זיי זוכן
און דערלאַנגען הויך — בלויז איינער — דאָ און דאָרט —
ווייס מיך, ווי איך בין, דעם סאַמע אמת.

ערד, וואַסער, פלאַם, לופט, עטער, לעבן און פאַרשטאַנד
און יחידישקייט — אָט די אַכט
בילדן מיין דערשיינונג, אַנטפּלעקן מיך.

דאָס איז מיין נידעריקע טבע; לערן דו די העכערע,
דו בראַווער! די אַלוועלט איז באשאפן
דורך דעם לעבנס-אורשטאָף,
וואָס דערפון געבוירן זענען אָט די אַלע וועלטן
מיט זעבאַרע זאַכן. ווייס, איך בין דער טראַכט;
איך שאַף און איך לייז-אויף דעם אוניווערס,
א חוץ מיר איז נישט פאַראַן קיין אַנדער מייסטער
פרינץ!
קיין אַנדער שאַפער! אַלצדינג הענגט אויף מיר,
ווי ס'הענגט א מענגע פערל אויף א שנירל.

איך בין דער פרישער טעם פון וואַסער;
איך בין דאָס זילבער פון לבנה; דאָס גאָלד
פון זון;
דאָס תפלה-וואָרט פון ווערדאַס, דער פלאַטער,
וואָס גייט-דורך דעם עטער, און דער כח
פון דעם מאַנסבילס פליסנדיקן זאָמען.

איך בין דער גוטער, זיסער ריח
פון דער דופטנדיקער ערד;
איך בין דעם פייערס רויטע ליכט,
די לעבנס-קרעפטיקע לופט, וואָס באַוועגט זיך
אין אַלצדינג, וואָס איז באַוועגלעך;
די הייליקייט פון שלימותדיקע זעלן, דער שורש,
וואָס אומשטאַרבלעך איז, פון וואָס עס האָט
אַרויסגעשפּראָצט
אַלצדינג, וואָס איז פאַראַן;
די חכמה פון די קלוגע, דער שכל
פון געלערנטע לייט, דאָס גרויסקייט פון די גרויסע,
דער פּראַכט פון די דערהויבענע.

נידעריקע השגה׳ס

פאַראַנען אויך אַזוינע לייט, וואָס זייער וויסן
האָט פאַרבלאָנדזשעט אָן אַ זייט,
צוליב פאַרשיידענע באַגערן —
און זיי דינען געטער נידעריקע, מיט צערעמאָניעס
אַלערליי, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון אַט די,
וואָס האָבן זיי /די געטער/ אויסגעפאָרעמט.
דאָך, אַלצאיינס אין וואַסער מעטאַל

זיי טוען תפילה
און וואָסער פאָרם זייער גלויבן האָט —
בין איך דאָס דער, וואָס גיב זיי די אמונה!
איך בין צופרידן!
דאָס הארץ, וואָס בעט אַ טובה פון זיין גאָט,
פאַרטונקלט, אָבער שטאַרק, באַקומט דעם סוף, וואָס ס'בעט:
אַ קלענער חלק זעגן — נאָר ס'איז איך, וואָס גיב עס!
אָבער באַלד פאַרוויאַנעט זי, די קליינע פרי,
וואָס זיי רייסן אָפּ;
די לייט מיט ווייניק שכל, וואָס זיי דינען אָט אַזוי —
זיי גייען, וואו זיי בעטן, פאַרשווינדן אויך באַגאַנד
מיט זייערע געטער.

דער ניט-אַנטפּלעקטער

אָבער מײַנע לייט באַהעפטן זיך צו מיר!
בלינד זענען יענע אויגן, וואָס זיי זעען בלויז
מיין דערשיינונג, וואָס איז נישט נתגלה
און זעען מיך נישט משיג אין מיין וואָרן „איך"!
נישט-צושטערלעך, נישט-דערזעלעך, נישט-דערקלערלעך,
באַהאַלטן הינטער כּשוף-שלייער פון געשטאַלטן;
ווער איך נישט געזען פון אַלע: איך בין נישט באַקאַנט —
אַ נישט-געבוירענער, אַ נישט-פאַרענדערלעכער —
צו דער וועלט פון פולענצערס.
אָבער איך ווייס אַלע זאַכן, וואָס זיי זענען ווען געווען,
אַלצדינג, וואָס איז פאַראַן, און אַלץ, וואָס
וועט זיין,
באָטש נישט איינער פון צווישן זיי דערקענט מיך!

א. אלמי

די נישט-געלערנטע מחות—טועה זענען זיי זיך אָן מיר,
זעענדיק מיך אין אַ שלייער פון געשטאַלט; —
גאָרנישט זענען זיי פון מיין געהיימען בייזיין, גאָרנישט
פון מיין נסתר-טבע, רעגירנדיק דאָס אַלץ, וואָס לעבט.
נישטיק זענען זייערע האָפנונגען, נישטיק זייערע מעשים;
געשפייזט מיט נישטיק וויסן, זוכן זיי, אָן שכל,
אַ פאַלשן וועג, דעם וועג פון די רשעים און פון טייוול.

הערכרע דערשיינונגען

אָבער מיינע מאַהאַטמאַס, די דערהויבענע נשמות,
וואָס טרעטן אויפן וועג דעם הימלישן — זיי דינען מיך
מיט האַרצער, וועלכע בלאָנדזשען נישט; זיי קענען מיך,
דעם מקור,
דעם אייביק-זייענדיקן מקור פונם לעבן.
זיי טוען מיך פאַרהערלעכן אָן אויפהער; זיי זוכן מיך;
זיי היטן זייער נדר פון כבוד און פון ליבע, —
מיט נישט-פאַרענדערלעכן גלויבן
אַכפּערן זיי מיך.
יאָ, און ס׳ערן מיך אויך די,
וואָס, ברענגענדיק קרבנות פון אויפגעוואַכטע האַרצער,
באַגרייפן זיי דעם כח פון איין גייסט,
פון איין גבורה אומעטום, כאָטש פילפאַך!
איך בין דער קרבן! איך בין די תפלה!
איך בין דער לויה-קוכן, וואָס מען גרייט-אָן פאַר די טויטע!
איך בין דאָס רפואה-קרייטעכץ!

איך בין די גהי*), די מאַנטראַ**) און דער פלאַם,
און דאָס, וואָס ברענט!
איך בין — פון דעם אומענדלעכן אוניווערס —
דער פּאָטער, מוטער, אורשטאַם און דער וועכטער!
דער ציל פון לערנען! און דאָס, וואָס לייטערט
אין דעם שפּיגלדיקן וואַסער! איך בין דער אָם***)
איך בין ריג־וועדאַ, סאַמאַ־וועדאַ, יאַדזשור־וועדאַ.....
דער וועג, דער האָדעווער, דער האַר, דער ריכטער,
דער עדות; דאָס וואוינאָרט, דער מקום־מקלט,
דער פריינט, דער קוואַל און דער ים פון לעבן,
וואָס שטרעקט זיך אויס און שווילערט־אויף;
דער אוצר פון די וועלטן
און דער שאַץ־קאַמער; די זריעה און דער זריעה־פלאַנצער,
די היץ פון זון איז מיינע; דעם הימלס רעגן
איז מיינער, אַראָפּצושיקן אים, אָדער אויפצוהאַלטן;
דער טויט בין איך און אומשטאַרבלעך לעבן בין איך;
אַרדזשונא! סאַט****) און אַסאַט*****) זעבאַר לעבן
און לעבן, וואָס נישט־זעבאַר.

געטלעכע ליבע און רחמנות

איך בין גלייך פאַר אַלע! שנאה איז מיר פרעמד,

---

*) גהי. — פּוטער, וואָס ווערט געריבּיקט, ביז עס ווערט פון איר אַ פליסיקייט.

**) מאַנטראַ — שירה פון די וועדאַס.

***) אָם — דאָס הייליקסטע וואָרט פון די וועדאַס, דער שם־המפורש.

****) סאַט — אַבסאָלוטע עקסיסטענץ.

*****) אַסאַט — ניט־עקזיסטענץ, ניט־זיין, אומוועזנטלעך.

פרעמד איז מיר חניפה! וואָס ס'איז באַשאַפן, דאָס איז מיין!
אָבער די, וואָס דינען מיך מיט ליבע, האָב איך ליב;
די זענען, אָ, אין מיר און איך — אין זיי!

יאָ, פרינץ!
אויב ס'קערט אַ רשע זיין געדאַנק צו מיר,
פאַררעכן אים דאַן צו די גוטע לייט;
ער האָט דעם גלייכן וועג זיך אויסגעקליבן;
אין רעכטפאַרטיקייט זאָל ער געדייען; ער זאָל
דערגרייכן יענע רו, וואָס בייט זיך נישט.
דו פרינץ פון אינדיע!

זיי זיכער, נישט אונטערגיין קאָן דער,
וואָס טרויט אָן מיר זיך אָן!
אָ, פריטהאַס זון! ווער נאָר עס קערט צו מיר,
כאָטש ער מעג זיין געבוירן פון דער סאַמע
טראַכט פון זינד,
מאַנסביל אָדער ווייב; אַ שפּראָצונג פון דער ווייסיאַ-קאַסטע*)
אָדער פון דער נידעריקער, פאַראַכטער סודראַ-קאַסטע**)
אַלע ריכטן זייער טריט אויף העכסטן וועג;
ווי די הייליקע בראַהמינען און מיינע קיניגלעכע צדיקים.
אָ, איר, וואָס איר זענט אויף אָט דער שלעכטער וועלט געקומען,
די פליענדיקע און די פאַלשע —
קערט אייער גלויבן שטאַרק צו מיר!
ריכט צו מיר דאָס האַרץ און די מחשבה! ערט מיך!

---

*) ווייסיאַ — האַנדלס-קאַסטע

**) סודראַ — קאַסטע פון לייב-אייגענע, דינער, קנעכט.

ברענגט צו מיר קרבנות!
פאַלט פאַר מיר כורעים!
מאַכט מיך פאַר אייער העכסטער פרייד!
און נישט-צושיידיק, וועלן אייערע גייסטער
געפירט ווערן צו מיין רו.

אַ. אַלמי

פון דער מאַהאַ־בהאַראַטאַ

די באַגערן

בראַהמאַ זאָגט: „זע ווי די באַשעפענישן פון די העכסטע, מיטעלע און נידעריקסטע מדרגות זענען אומעטום צוגלייך מיט קומער צוליב זייער מי. אפילו מיין נשמה דאָ איז נישט מיינע. אָדער בעסער: די גאַנצע ערד איז מיינע און אַזוי ווי זי איז מיינע, אַזוי געהער זי צוגלייך צו אַנדערע; אַזוי טראַכט איך און איך פאַרבלייב אומגעשטערט. האָבנדיק דערגרייכט אַזאַ קוק, פריי איך זיך נישט און קימער זיך נישט. ווי אין דעם גרויסן אוקינוס באַגעגנט איין שטיק האָלץ דאָס אַנדערע און זיי צושיידן זיך באַלד איינס פון אַנדערן, אַזוי באַגעגענען זיך די באַשעפענישן.

ערדישע ליידנשאַפט

אַזוי איז עס מיט די קינדער און קינדס־קינדער, מיט פריינט און קרובים; עס איז נישט גוט זיי ליב צו האָבן, וואָ־

רים דאָס שיידן זיך פֿון זיי איז אומפֿאַרמיידלעך. קומסט אַהער פֿון דער פֿינצטערניש און גייסט צוריק צו דער פֿינצטערניש, און דער אַנדערער ווייס נישט דיך און דו ווייסט נישט אים. און ווער ביסטו דען אַזוינס און וואָס איז דען יעדע זאַך, וואָס דו קלאָגסט איבער דעם? פֿון דער מאַכט פֿון באַגער וואַקסט אַרויס שמאַרץ; פֿון דער מאַכט פֿון שמאַרץ וואַקסט אַרויס פֿאַרגעניגן און פֿון פֿאַרגעניגן, קומט ווידער שמאַרץ און נאָכאַמאָל שמאַרץ. דער באַלדיקער נאָכקום פֿון פֿאַרגעניגן איז שמאַרץ; דער באַלדיקער נאָכקום פֿון שמאַרץ איז פֿאַרגעניגן; פֿאַרגעניגן און שמאַרץ צווישן מענטשן דרייען זיך אַרום ווי אַ ראָד. ווען דו גייסט איבער פֿון פֿאַרגעניגן צו שמאַרץ, וועסט פֿון דאַנען איבערגיין נאָכאַמאָל צו פֿאַרגעניגן; דער מענטש קאָן נישט אייביק האָבן שמאַרץ, אויך קאָן ער נישט אייביק האָבן פֿאַרגעניגן.

דער קערפּער איז דאָס וואוינאָרט צוגלייך פֿון שמאַרץ און פֿאַרגעניגן. דאָס לעבן גייט אויך אויף צוגלייך מיט דעם־דאָזיקן גוף; ביידע וואַקסן צונויף און ביידע באַנאַנד צופֿאַלן. די מענטשן זענען פֿאַרפּלאָנטערט אין די פּילפּאַכע נעצן פֿון באַגערן, אין דער וועלט פֿון חושים און זיי צושיטן זיך צום סוף, ווי זאַמד־ווענט אין וואַסער.

נישט גענוג

פֿריינט זענען נישט גענוג צו מאַכן עמיצן גליקלעך, אויך קענען קיין פֿריינט נישט מאַכן אומגליקלעך; געלערטזאַמ־קייט איז נישט גענוג עמיצן צו מאַכן רייך, רייכטום איז נישט גענוג צו מאַכן גליקלעך. קלוגשאַפֿט איז נישט גענוג צו דער־לאַנגען רייכטום, נאַרישקייט פֿאַרהינדערט נישט קיין הצלחה; דער קלוגער מענטש, נישט דער נאַר, פֿאַרשטייט אָט דעם גאַנג פֿון דער וועלט. עשירות פֿאָלגט־נאָך וועמען נאָר עס געגנט־אָן,

דעם פאַרשטענדיקן און דעם פּראָסטן, דעם שוטה און דעם פּחדן, דעם צודרייטן און דעם חכם, דעם שוואַכן און דעם שטאַרקן. די קו געהער צו דער קאַלב, צום פּאַסטוך, צום באַלעבאָס און צום עלצטן; צו דעם, וואָס טרינקט איר מילך, געהער אין אמתן די קו. דער גרעסטער נאַר פון דער וועלט און דער גרעס-טער חכם געווינען זייער לייכט הצלחה; אָבער דער, וואָס שטייט אויפן מיטנוועג צווישן זיי, קוועלט זיך.

דער נצחון איבער צער

קיין שמאַרץ דריקט נישט דעם, וואָס פאַרשטייט, וואָס איז אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס ער זוכט וויסן אין די היי-ליקע שריפטן און ער איז פריי פון קנאה, באַהערשט זיך אַליין און איז דער מייסטער איבער זיינע חושים. דער קלוגער מענטש דאַרף זיך פעסט האַלטן אָן דעם אויפקלער און האַלטן וואַכט איבער זיינע מחשבות; דאַמאָלט וויים ער ווי די וועלט גייט-אויף און לייזט זיך אויף און קיין צער קאָן אים נישט אָנרירן. וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה, פון וואַנען עס קומען שמאַרץ אָדער פּיין, אָדער טרויער, אָדער אַ שווערקייט פון גייסט, זאָל דער מענטש אַוועקטון דאָס, פון וואַנען עס קומט, אַפילו ווען דאָס איז אַ גליד פון זיין אייגענעם גוף. וואו-נאָר אַן אַרבעט ווערט געטון מיטן גייסט פון אייגנליבע, ווערט דאָס אַ קוואַל פון שמאַרץ. וואו-נאָר באַגערן ווערן אויסגעוואָרצלט, ווערט דאָס אָרט אָנגעפילט מיט גליקזעליקייט; אָבער דער מענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך באַגערן, ווערט פאַרטיליקט.

גליק

אַלע גליקן, וואָס קענען אַרויסקומען דורך דער דערפ-

לונג פון די וואונטשן אויף דער וועלט, און אלע נאכגייענדי-
קע גליקזעליקייטן, וואס זענען פאראן אויפן הימל, וועגן נישט
באנאנד קיין זעכצנטל טייל פון דעם גליק, וואס באשטייט אין
צושטערן די באגערן. אויפן קאפ פון איטלעכן מענטש, מיט
ער זיין קלוג, אדער נאריש העלדיש, פאלט יעדע גוטע און
שלעכטע ארבעט, וואס ער האט געטון בעת פריערדיקע לעבנס,
ווערדליק דעם אופן פון זיינע מעשים. אזוי וואר דרייען זיך
אלע דידאזיקע זיסקייטן און ביטערנישן, קומערס און פריידן
ארום און ארום אין די נשמות.

זוכנדיק אמתע ווערטן

די וועלט ווערט געפייניקט פון טויט; די יארן צאמען
און די נעכט פארפעלן נישט כסדר צו קומען און גיין. ווען
איך ווייס, אז דעם טויט קאן מען נישט אפהאלטן, וואס קאן
איך דערווארטן פון קענטניש? אויב דאס לעבן ווערט כסדר
קירצער, נאכט נאך נאכט, קאן דער פארשטענדיקער מענטש
דאך אויך איינזען, אז זיינע טעג זענען נאריש. ווער קאן פילן
פרייד, ווען ער איז ווי א פיש אין א פלאך וואסער? איידער
ער זעט זיינע וואונטשן דערפילט, פאלט דער טויט אויפן מענטש.
דער טויט וועט זיך ווארפן אויף אים, בשעת ער קלייבט בלו-
מען און זיינע מחשבות זענען געקערט ערגעץ אנדערש. אזוי
ווי א וועלפין ווארפט זיך אויף א לעמעלע און איילט אוועק
מיט איר רויב.

שוין היינטיקן טאג טו דאס, וואס ברענגט דעם גרעסטן
ריוח; זאל נישט די איצטיקע שעה פארגיין איבער דיין קאפ;
ווארים דער טויט טראגט אוועק דעם מענטש, איידער זיינע
צילן זענען דערגרייכט. ליבערשט זאל מען היינט טון די אר-

בעט פון מאָרגן; ליבערשט זאָל מען טון פאַרמיטאָג די אַרבעט פון נאָכמיטאָג, וואָרים דער טויט וואַרט נישט, גאַנץ גלייך צי איינער האָט געענדיקט זיין אַרבעט, אָדער נישט. יאָ, ווער ווייס ווענס שעה פון טויט וועט היינט זיין? זאָל אפילו דאָס יונגוואַרג אַזוי זיך צוגעוויינען, וואָרים דאָס לעבן איז שוואַך. אַ דערפילטער חוב ברענגט כבוד אויף דער ערד און גליקזעליקייט אויף יענער וועלט.

באַוועלטיקט פון איינבילדעניש, אַרבעט דער מאַן פאַר זיין פרוי און קינד; אָבער אַלצאיינס צי ער האָט דערגרייכט זיין ציל, אָדער נישט, מוז ער אונטערגעבן די פרייד דערפון. ווען איינער איז געבענטשט מיט קינדער און שאָף און זיין האַרץ איז געבונדן צו זיי, טראָגט דער טויט אים אַוועק, ווי אַ טיגער אַ שלאָפנדיקן הירש. בשעת ער זאַמלט און בשעת זיינע פאַרלאַנגען זענען נישט פאַרפולט, טראָגט דער טויט אים אַוועק, ווי אַ טיגער אַן אָקס. בעת איינער איז פאַרנומען מיט מי און לוין, טראַכטנדיק: „דאָס איז אָפגעטון, דאָס דאַרף געטון ווערן און דאָס אַנדערע איז האַלב געטון געוואָרן", קומט דער טויט אים ביי.

מעג ער זיין שוואַך אָדער שטאַרק, אַ העלדישער מענטש אָדער אַ פּחדן, אַ נאַר אָדער אַ קלוגער — דער טויט טראָגט אים אַוועק, איידער ער דערגרייכט דעם ציל פון אַלע זיינע באַגערן. אַז טויט און עלטער און קראַנקהייט און טרויער, וואָס קומען פון פילערליי סיבות, באַפאַלן דעם גוף, ווי קענסטו בלייבן רואיק? טויט און עלטער שטויסן אַלעמען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן, צו זייער פאַרטיליקונג; צו די צוויי זענען אַלע באַשעפענישן, באַוועגלעכע און נישט-באַוועגלעכע, אונטערגעוואָרפן. דעם שטאָט-איינוואוינערס ליבע צו זיין פרוי איז אַ טיר צום טויט, אָבער דער וואַלד איז אַ זאַמל-אָרט פון די געטער, זאָגט אַ הייליקע שריפט. דער שטאָט-מענטשס ליבע צו זיין ווייב, איז

אַ נעץ, וואָס פאַנגט; דער גוטער צוברעכט זי און אַנטלויפט; דער שלעכטער צוברעכט זי נישט. דער, וואָס שעדיקט נישט קיין באַשעפעניש, סיי אין זיין געדאַנק, סיי מיט אַ וואָרט, סיי מיט זיין גוף, ווערט אויך נישט געשעדיקט פון די לעבעדיקע זאַכן, וואָס נעמען אַוועק לעבנס און פאַרמעגנס.

אָן דעם אמת קאָן קיין מענטש נישט מנצח-זיין דעם טויט; דאָס נישט-וואָ־ע מוז פאַרטריבן ווערן, וואָרים אין אמת איז דאָס וואוינאָרט פון אומשטאַרבלעכקייט. דעריבער קאָן בלויז דער, וואָס לעבט אונטערן נדר פון אמת און באַהעפט זיך צום אמת, און באהערשט זיך כסדר, בייקומען דעם טויט. סיי די נייטיקייט נישט צו שטאַרבן און סיי די נייטיקייט צו שטאַרבן האָבן זייער יסוד אין קערפּערלעכן לעבן. די נייטיקייט צו שטאַרבן קומט פון פאַלשקייט; פון אמת קומט די נייטיקייט נישט צו שטאַרבן.

איך, וואָס איך שעדיק נישט קיינעם, וואָס לעבן נאָך אמת, וואָס איך האָב זיך פריי געמאַכט פון באַגער און צאָרן און איך בין מיט גלייכגילט און מיט צופרידנקייט צו פאַרגע־ניגן און יסורים, זאָל אויך פריי ווערן פון טויט, ווי איינער פון די אומשטאַרבלעכע, זיך פרייענדיק אין פרידן, ווי מיין קרבן, אַליין באַהערשט, בלייבנדיק אַ דינער צו בראַהמאַ, אַ היי־ליקער, וואָס ברענגט אַ קרבן פון וואָרט, געדאַנק און טואונג,— זאָל איך אַוועק אויף דער זונס צפונדיקן וועג. ווי אַזוי זאָל אַזאַ איינער ווי איך ברענגען אַ בלוטיקן קרבן פון חיות? דער, וואָס האָט אינגאַנצן אונטערגעדריקט ווערטער און מחשבות אויף שטענדיק, דער, וואָס פּייניקט זיך, וואָס פאַרלייקנט זיך, וואָס לעבט אין אמת — דער, וואָרהאַפטיק, געווינט דעם וועלטאַל.

קיין אויג איז נישט גלייך צו קענטניש; קיין פּייניקונג,

צום אמת; קיין טרויער איז נישט גלייך צו ליידנשאַפט; קיין גליק, צו זעלבסט-פאַרלייקעניש. געבוירן אין מיין „איך", דורך מיין „איך", איינגעריכט אין מיר אַליין, כאָטש אָן אַ שפּראָך, זאָל איך לעבן אין מיין זעלבסט אַליין. שפּראַצונגען קענען מיך אויך נישט באַוואָרן. קיין שום רייכטום איז נישט אַזוי טייער פאַר אַ בראַהמין ווי איינסקייט, גלייכגילט, וואָרהאַפטיקייט, גוטסקייט, שטאַנדהאַפטיקייט, אומשעדלעכקייט, גערעכטפאַרטיקייט און דאָס פאַמעלעכדיקע צוריקציען זיך פון אַרבעט. וואָס פאַר אַ נוץ קענען דיר זיין דיין רייכטום, קרובים, אָדער ווייבער, אָ, בראַהמין, אויב דו מוזט שטאַרבן? זוך דעריבער דעם זעלבסט, וואָס וואוינט אונטער זיין שוץ. וואוהין זענען דיינע אור-עלטערן און דיין פאָטער אַוועק?

סאַוויטריס ליבע

עס איז געווען אַ קיניג אין אינדיע, וואָס זיין נאָמען איז געווען אַסוואַפּאַטי און זיין פֿאָלק האָט אים ליב געהאַט, וואָרים ער האָט געהאַלטן אַלע באַדערפֿטיקע און ער האָט געדינט די לויכטנדיקע געטער מיט תּפֿלות און קרבנות.

אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין זון אָדער אַ טאָכטער, אין וועמען זיין נאָמען און זיין יחוס זאָל ווייטער לעבן, ווען די צייט קומט פֿאַר אים צו שטאַרבן. און זיין האַרץ איז באַשווערט געווען און ער האָט אָפּט געפֿאַסט און ער האָט געזאָגט מזמורים צו די שטראַלנדיקע געטער און ער האָט געברענט אָפּפֿער אויפֿן הייליקן מזבח און ער האָט געהאָפֿט, אַז זיי וועלן אים שענקען די מתּנה, וואָס ער האָט געבעטן. ווען זעכצן יאָר זענען אַזוי אַריבער, איז זיין תּפֿלה דערהערט געוואָרן. אין רויטן פֿייער פֿון מזבח האָט ער דערזען אַ דאַמע פֿון העלן געשטאַלט און זי האָט געזאָגט צו אים:

„דיין בטחון איז מיר וואוילגעפֿעלן, אָ, ראַדזשאַ! און אויב דו וועסט זאָגן דיין באַגער, וועט עס דיר ערפֿילט ווערן".

„געטין, — האָט געזאָגט דער קיניג, — מיין וואונטש איז צו האָבן אַ קינד, וואָס זאָל לעבן נאָך מיר".

„דער גאָט פֿון הימל, — האָט זי געזאָגט, — וועט באַוויליקן דיר דאָס, אויף וואָס דו האָסט מתפּלל געווען".

זי איז אַנטרונען און דער ראַדזשאַ האָט געזען בלויז דעם רויטן פֿלאַם.

אַ קינד איז געבוירן געוואָרן — אַ מיידל, מיט העלע

אויגן, העל ווי די לאָטוס-ליליע, און זי איז געווען די גלאָריע פון איר מוטער און איר פאָטער. זי איז אויסגעוואַקסן אַזאַ זי־סע יונגפרוי, אַז איר פאָטער איז זיכער געווען דאָס מלכים וועלן קומען פון ווייט און נאָענט, כדי זי צו בעטן פאַר אַ ווייב. אָבער קיינער איז נישט געקומען — ווארים זי — די לאָטוס-אויגיקע — האָט געהאַט אַ נשמה, וואָס האָט אויסגעזען צו גרויס אַפילו פאַר הערשער און איר ערנסטקייט האָט גע־האַלטן מאַנסבילן פונווייטן.

נון, איינמאָל האָט דידאָזיקע פראַכטיקע יונגפרוי, וואָס איר נאָמען איז געווען סאַוויטרי, געקניט פאַרן מזבח פון אַגני, דער גאָט פון רויטן פלאַם, און דאָרט אַוועקגעלייגט קרבנות פון קוכן און געטראַנק. דאַן האָט זי גענומען אַ בינטל בלומען און עס געגעבן צו איר פאָטער אַסוואַפּאַטי. ער האָט זי באַ־טראַכט מיט צאַרטלעכע אויגן און געזאָגט:

„טאָכטער מיינע, עס איז צייט, אַז דו זאָלסט דתונה האָבן, ווערדליק דעם שטייגער פון הויכגעבוירענע דאַמען. אַנדערש וועלן לייט טראַכטן, אַז מיינס איז די שולד, וואָס איך קלייב נישט אויס אַ מאַן פאַר דיר. און אַזוי ווי קיין מאַן קומט נישט אַהער, בעט איך דיך, גיי וואו דיר געפעלט און קלייב זיך אליין".

האָט זי זיך געבוקט צו איר פאָטער און זיך געזעגנט און זי איז געפאָרן אין אַ הערלעכער קאַרעט, באַגלייט פון הויפלייט און חכמים, וואָס דער קיניג האָט זיי געהייסן גיין מיט איר. די קאַרעט איז אַדורכגעפאָרן וועלדער און גאַסן פון גרויסע שטעט און צווישן דערפער אין די בערג, און וואו נאָר זי איז געקומען, האָט זי געטיילט נדבות צו די אָרימע און גע־גריסט די דערהויבענע און די געמיינע — און אַלע לייט האָבן זי געבענטשט

צום סוף איז זי צוריק אַ היים געקומען און דער ראַדזשאַ איז געזעסן אויף זיין טראָן און דער חכם נאַראַד איז געזעסן ביי זיין זייט.

„פאָטער, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב געטון ווי דו האָסט געבאָטן — און איך האָב געפונען מיין באַשערטן. דאָס איז דער פּרינץ סאַטיאַוואַן. אַ פּרינץ איז ער, דאָך וואוינט ער נישט אין קיין קיניגלעכן פּאַלאַץ".

„וואו דען?" האָט געפרעגט דער ראַדזשאַ.

„ער האָט נישט קיין קיניגרייך און ער וואוינט אין אַ שטיבל אין וואַלד, מיט זיין פאָטער און מוטער. אַן איידל פּאָר זענען זיי, אָבער טרויעריק איז זיי. דער אַלטער מאַן איז בלינד און ער און זיין קיניגין האָבן זייער היים שוין אַ סך, אַ סך יאָרן אין וואַלד, וואָרים שונאים האָבן אים פאַרטריבן פון זיין קיניגרייך און פון אים צוגענומען זיין טראָן. מיין פּרינץ איז דערהויבן און זיין נאָמען ווייזט וואָס ער איז, וואָרים ביי זיין געבוירן ווערן האָבן אים די בראַהמינען אַ נאָמען געגעבן „אמת-ליבהאָבער". פריילעך און שטאַרק איז ער און אַ פערד-רייטער און זיין האַנט איז געבענטשט. ער מאָלט בילדער פון פערד און עס איז וואונדערלעך שיין צו זיי צו זען".

„וואָס האָסטו צו זאָגן?" — האָט געפרעגט דער קיניג ביי נאַראַד, דעם חכם.

„ווי! — האָט געענטפערט נאַראַד, — שלעכט האָט זי אויסגעקליבן. וואָרהאַפטיק, דער אַלטער קיניג איז אַ גערעכט-פאַרטיקער מענטש און דער פּרינץ סאַטיאַוואַן איז אַן איידע-לער יונג. אָבער אַ פינצטער גורל וואַרט אויף אים, וואָרים די שטראַלנדיקע געטער האָבן געוויזן צו מיר אַ צייכן, אַז אין אַ יאָר אַרום פון דעם היינטיקן טאָג וועט ער שטאַרבן".

„הער דאָס צו, מיין טאָכטער! — האָט גערופן דער קיניג, — אָ, קלייב אויס אַן אַנדערן! קלייב אויס אַן אַנדערן, וואָרים דער האַר פון טויט, יאַמאַ, וועט קומען אין אַ יאָר אַרום און פאַרלאַנגען דיין מאַן פאַר זיך. קלייב אויס אַן אַנדערן".

„איך קאָן נישט קלייבן קיין אַנדערן, פאָטער טייערער! — האָט געזאָגט די יונגפרוי, — צו סאַטיאַוואַן אַליין איז מיין האַרץ געגעבן און אַז אפילו דער טויט וועט אים צונעמען אין אַ יאָר אַרום, וועל איך דאָך מיט אים חתונה האָבן".

„זאָל געשען דיין וואונטש! — האָט געזיפצט דער ראַדזשאַ, — מאָדנע וועט דיין חתונה זיין. דו וועסט האָבן דיין היים אין דער ווילדערניש און אין צוועלף חדשים אַרום וועסטו זיין אין טרויער".

דער קיניג און זיינע הויפלייט און די פריסטער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וואַלד אַריין, מיטטראָגנדיק מיט זיך גרויסע אוצרות און זיי האָבן געפונען דעם בלינדן אַלטן קיניג זיצן אויפן גראָז-געפלעכט לעבן אַ בוים.

„זעץ זיך, מיין האַר!" — האָט געזאָגט דער בלינדער קיניג, ווייסנדיק אַז אַ קיניג איז געקומען צו אים.

האָט זיך אַסוואַפּאַטי געזעצט אויפן גראָז-געפלעכט און דער בלינדער קיניג האָט אים געגעבן וואַסער פון אַ קרוג, וואָרים ער איז געווען אָרעם און נישט געהאַט נישט קיין וויין און נישט קיין זילבער-געשיר, און די צוויי ראַדזשאַס האָבן מסכים געווען צו דער חתונה און באַלד איז פאָרגעקומען די חתונה-פייערונג פון פרינץ מיט דער יונגפרוי. און ווען זי איז געוואָרן די האַרינטע פון קליינעם שטיבל צווישן די ביימער אין וואַלד, האָט איר פאָטער זי געקושט מיט אַ סך טרערן און אירע פריינט האָבן זיך מיט איר געזעגנט. אַזוי שנעל ווי זי

זענען אוועק, האָט זי אַראָפּגענומען פון זיך איר צירונג און פינקלדיק קלייד און זי האָט אויף זיך אָנגעצויגן אַ פּשוט קלייד, געמאַכט פון בוים־בלעטער און אַ מאַנטל פון אַ געל געוואַנט. איר מלכותדיקייט איז נישט געווען אין אירע איידלשטיינער און קלייד, נייערט אין איר ליבער נשמה און איר זיסער מי, וואָס זי האָט זיך געמיט פאַרן בלינדן אַלטן קיניג און זיין ווייב, און איר ליבע צום פּרינץ, וואָס זי האָט אויסגעקליבן.

אַזוי איז אַריבער דאָס גליקלעכע יאָר, און אין פיר טעג אַרום וועט דער שאָטן פון טויט זיך ווייזן אין דעם וואַלד־קי־ביגרייך פון איר האַר און אים אַרויסנעמען פון אירע אָרעמס. דריי טעג האָט זי געפאַסט און דער שלאָף האָט זיך פון איר אָפּגעטון און איר האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים צו־ליב דעם, וואָס דאַרף באַלד צו טרעפן. אָבער סאַטיאַוואַן, דער איידעלער פּרינץ, האָט גאָרנישט געוואוסט פון דעם גורל, וואָס וואַרט אויף אים.

אין פרימאָרגן פון לעצטן טאָג האָט סאַטיאַוואַן אויפגע־וואַכט אַ מונטערער און ער האָט גענומען זיין האַק, אונטער־צוהאַקןביימער, און ער האָט געזאָגט שמייכלדיק:

„טייער ווייב מיינס, איך גיי אונטערהאַקן ביימער און ביים זונפאַרגאַנג וועל איך זיין אינדערהיים“.

איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט ביי דידאָזיקע רייד זיינע, וואָרים זי האָט געוואוסט, אַז דער שוואַרץ־באַמאַנטלטער יאַמאַ וועט אַרויפלייגן זיין דינע האַנט אויף איר ליבן און אים צונעמען פון דאַנען.

„איך וועל היינט מיט דיר מיטגיין“ — האָט זי געזאָגט.

„גיין, — האָט ער אויסגערופן, — דער באָדן איז האַרט פאַר דיינע פיס און דער וועג וועט זיין ווייט, און דו וועסט זיין שוואַך.“

„לאָז מיך מיטגיין, סאַטיאַוואַן, — האָט געבעטן די פּרינ־צעסין.

ער האָט מער נישט געזאָגט „ניין" און זיי זענען גע־גאַנגען צו דעם ווייטן אָרט, וואו עס זענען געוואַקסן די ביי־מער, וואָס ער האָט געוואָלט אונטערהאַקן און די ווילדע פּירות, וואָס זי וועט קלייבן אין איר קאָרב.

די נאָכמיטאָג־שעה איז אַריבער און די טונקלקייט איז געקראָכן אויפן גרויסן וואַלד. דער קלאַנג פון דער האַק האָט אָפּגעקלונגען אין טאָל. מיטן קאָרב אין האַנט האָט סאַוויטרי געקליבן צייטיקע יאַגדעס און אָבער און ווידער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן האָלץ־העקער; און זי האָט נאָכ־אַמאָל אַ קוק געטון — — — — — — — — — — — — — —

„אָ, ווייב!" — האָט ער געררופן.

זי איז צוגעלאָפן צו אים און אַוועקגעשטעלט דעם קאָרב.

„מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! אַ שאַרפער שמאַרץ שטעכט־דורך מיין מח. הייס איז מיין בלוט און איך מוז זיך אַנידערלייגן".

זי האָט זיך געזעצט אונטער אַ בוים און זי האָט געלייגט זיין קאָפּ אין איר שויס און זי האָט געגלעט זיין פּנים. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. זיין דופק איז געווען פּאַמעלעך און אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס יאָר איז געווען אַריבער.

פאַר איר איז געשטאַנען אַ הויכער שאָטן אין געשטאַלט פון אַ מענטש און זיין מאַנטל איז געווען שוואַרץ און אַ רוי־טע שיין איז געווען אין זיינע אויגן און אַ קרוין איז געווען אויף זיין קאָפּ.

„ביסטו איינער פון די הייליקע געטער?" האָט זי גע־פרעגט מיט אַ שטיל קול.

„פרוי, — איז געקומען אַן ענטפער, — איך בין יאַמאַ.

דער האַר פון טויט, און איך בין געקומען נאָכן פרינץ, וואָס דו האָסט ליב".

ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און אין איר איז געווען אַ שנירל און ער האָט אַ שליידער געטון דאָס שנירל, און — וויי! עס האָט פאַרטשעפּעט דאָס לעבן פון דעם פרינץ און עס אַרויסגעצויגן פון זיין ברוסט. סאַטיאַוואַן איז געווען טויט. און דער טויט האָט געקערט זיין פּנים צו דרום, וואָרים אין דרום איז זיין קיניגרייך.

פינצטער איז געווען דער וואַלד.

שטאַרק איז געווען דער טויט.

אָבער די פרוי איז געווען בראַוו.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און נאָכגעגאַנגען די טריט פון טויט.

דער שוואַרצער גאָט, הערנדיק אירע פיס-טריט, האָט זיך אומגעקוקט און גערעדט:

„גיי צוריק, דו ביסט ווייט פון דערהיים. גיי צוריק און ריכט-אָפּ די פייערלעכקייטן, וואָס אבלים ווייזן אין זיי זייער טרויער אויפן טויט".

„איך וועל גיין, — האָט זי געענטפערט, וואו מיין מאַן גייט. דאָס איז מיין חוב. די חכמים זאָגן, אַז ווען מ'גייט זיבן שריט מיט עמיצן, ווערן זיי פריינט. לאָז מיך אַזוי גיין זיבן שריט מיט דיר. און די חכמים זאָגן אויך, אַז דער בעסטער וועג צו גיין — איז דער רעכטער".

„וואויל האָסטו גערעדט, — האָט געזאָגט דער האַר פון טויט, — און ווי אַ שכר פאַר די גוטע רייד, בין איך דיר מבטיח — אַ חוץ די נשמה פון סאַטיאַוואַן — אַלצדינג, וואָס דו וועסט ווערן".

„אויב אזוי גיב מיר אַ מתנה פאַר מיין פרינצס פאָטער—

און זאָלן די אויגן פון אַלטן קיניג ווידער זען דאָס ליכט פון טאָג און זאָל זיין כּח זיין ווי דער כּח פון דער זון".

„דאָס זאָל געשען!" — האָט געזאָגט דער טויט, — אָבער אַצונד מוזטו זיך צוריקקערן. וואָרים דו האָסט ווייט צו גיין; און מיין וועג פירט צו אומגליק".

„איך וועל קיינמאָל נישט מיד ווערן פון וועג, וואָס מיין מאַן גייט מיט אים. נישטאָ קיין זיסערע פּרי אויף דער וועלט ווי די חברותא פון די, וואָס מיר האָבן ליב".

דער שוואַרצער גאָט האָט געשמייכלט, וואָרים די ווערטער זענען געווען גוט און הערליך.

„איך וועל דיר געבן נאָך אַ מתּנה — אַ חוץ די נשמה פון סאַטיאַוואַן".

„איך דאַנק דיר, אָ, טויט, און אַצונד וועל איך דיך בעטן, אַז דאָס קיניגרייך פון דעם אַלטן ראַדזשאַ זאָל אומגעקערט ווערן צו אים, אַזוי אַז ער זאָל האָבן זיין לאַנד, אַזוי ווי זיינע אויגן".

„פרוי, עס זאָל געשען ווי דו ווינטשסט! און אַצונד גיי צוריק. דער וואַלד איז גרויס און דיין היים איז ווייט":

„האַר פון טויט, הער מיך נאָך איינמאָל. וואָס איז דאָס גרויסקייט פון אַ גוטן מענטש? איז עס פריינטלעכקייט צו אַלע זאַכן אויף דער ערד, אין דער לופט און אין ים? עס איז אַזוי. און אַפילו, אַז דער שונא דאַרף הילף, דאַרף דער גוטער מענטש זיין גרייט אים צו העלפן".

„לויטער זענען דיינע רייד, פּרינצעסין, און פאַר דידאָזיקע געבענטשטע ווערטער בין איך דיר מבטיח נאָך אַ מתּנה. רעד".

„אָ, טויט, איך וועל זיין אַ מוטער פון איידעלע קינדער און איך וועל זיי לערנען צו גיין אין דעם וועג פון זייער

טייערן פאָטער, סאַטיאַוואַן. גיב מיר מיין פרינץ".

דאַמאָלט האָט יאַמאַ, דער קיניג פון טויט, אַ פּאַך גע-טון מיטן שנירל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט:

„פרוי, דיין מאַן זאָל רעגירן לאַנגע יאָר מיט דיר און דיינע זין זאָלן רעגירן נאָך אייך".

דער טונקעלער שאָטן, וואָס האָט געטראָגן די קרוין, איז צושוואומען אין דער פינצטערניש פון וואַלד.

מיט פלינקע פיס איז זי געלאָפן. אָן אָטעם איז זי געפלויגן. און ווען זי איז געקומען צום בוים, וואָס אונטער אים איז גע-לעגן סאַטיאַוואַנס גוף, האָט זי אַנידערגעקניט; זי האָט זיין קאָפּ געלייגט אין איר שויס. זי האָט געוואַרט. און זיינע אויגן האָבן זיך אויפגעמאַכט און זיינע ליפן האָבן געזאָגט:

„איך בין לאַנג געשלאָפן. בשעת איך האָב אָנגעהויבן צו דרימלען, האָב איך געזען אַ שאָטן-געשטאַלט, וואָס האָט מיט אַ כשוף-נעץ פון מיר אַרויסגעצויגן דאָס סאַמע לעבן און עס אַוועק-געטראָגן. איך ווייס נישט וואוהין".

„עס איז געווען יאַמאַ, דער האַר פון טויט. אָבער ער איז שוין נישטאָ. הויב זיך אויף, סאַטיאַוואַן, וואָרים עס איז נאַכט און מיר מוזן אַהיים גיין".

„אָ, — האָט ער אויסגערופן, — אַצונד דערמאָן איך זיך, אַז אַ שאַרפער ווייטיק האָט אַדורכגעשניטן מיין מח".

„מאָרגן וועלן מיר שמועסן פון דעם, וואָס עס האָט היינט געטראָפן. איצט לאָמיר גיין."

„די נאַכט איז פינצטער. מיר וועלן נישט קענען געפינען דעם וועג".

„קוק — האָט זי געזאָגט — אַ פייער האָט היינט גע-ברענט אין וואַלד, פון דער גליענדיקער זון מסתמא. איך וועל נעמען אַ שטורקאַץ און וועל מיט אים פאָכן, בעת מיר וועלן

גיין, און דערמיט פאַריאָגן די ווילדע חיות פון וואַלד. אָדער, אויב דו ווילסט, לאָמיר דאָ איבערוואַרטן, ביז דיין ווייטיק וועט פאַרביי.

„עס איז שוין פאַרביי, סאַוויטרי, איך בין ווידער שטאַרק. מיין פאָטער און מוטער וועלן האָבן צער, אויב מיר וועלן נישט קומען".

ווען ער האָט געטראַכט פון זיין בלינדן פאָטער (אַך, איז ער דען נאָך בלינד געווען?), האָבן דער פרינצעסינס אויגן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעטרייסלט פון זיך די טרוקענע בלעטער, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו זיינע קליידער.

„אָט איז דיין קאָרב מיט פרוכט," — האָט ער געזאָגט.

„ברענג עס מאָרגן, סאַטיאַוואַן, מיר האָבן היינט גענוג צו טון, ביז מיר וועלן געפינען אונזער וועג אין פינצטערניש. אָבער איך וועל טראָגן די האַק".

זי האָט געטראָגן די האַק מיט איר לינקער האַנט און איר רעכטע האַנט האָט זי פאַרלייגט אַרום אים; און זיין רעכ־טער אָרעם איז געווען אַרום איר האַלז, און אַזוי האָבן זיי גע־וואַנדערט דורכן וואַלד — נישט קיין בער און נישט קיין טי־גער איז זיי באַפאַלן.

דער הימל איז שוין געוואָרן גראָ, ווען זיי האָבן געגרייכט דאָס דערפל, וואו דער אַלטער קיניג און קיניגן האָבן געוואוינט. זיי האָבן געהערט קולות. אַ געשריי האָט זיך אויפגעהויבן, ווען דער פרינץ און די פרינצעסין האָבן זיך באַוויזן.

„מיינע קינדער!" — האָט געשריגן דער קיניג.

„פאָטער!" — האָט געענטפערט סאַטיאַוואַן, — „ווי אַזוי האָסטו מיך געקענט זען?"

„מיין זון, מיינע אויגן קענען ווידער זען. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס נס האָט געטראָפֿן, אָבער איך ווייס, אַז איך קאָן זען מיין זון. און דיך, ליבע טאָכטער — צום ערשטן מאָל קאָן איך זען מיין געטרייע טאָכטער!"

נאָכדעם ווי ער האָט מינוטן־לאַנג געקוקט אויף זיי און זיי באַטראַכט מיט פֿרייד, האָט ער געפֿרעגט:

„און וואו זענט איר געווען די גאַנצע נאַכט? דערציילט מיר, סאַטיאַוואַן, וואָס האָט דיך אַזוי לאַנג אויפֿגעהאַלטן?"

„פֿאָטער," — האָט געזאָגט סאַוויטרי, —„ער ווייסט נישט וואָס עס האָט געטראָפֿן אין דערדאָזיקער נאַכט. לאָזט מיך דערציילן".

זיי האָבן זיך אַלע געזעצט — קיניג, קיניגין, פּרינץ, פּרינצעסין און זייערע חברים און קיניגלעכע פֿריינט, און די ווייכע שטים פֿון סאַוויטרי האָט דערציילט:

ווי זיי האָבן געוואַנדערט אין וואַלד.

ווי נאַראַד, דער חכם, האָט פֿאָרגעזאָגט סאַטיאַוואַנס גורל און ווי דאָס איז מקוים געוואָרן, — צום יאָר.

ווי סאַטיאַוואַן איז געשטאָרבן.

ווי דער טויט איז געקומען.

און ווי זי איז נאָכגעגאַנגען דעם טויט און וואָס זי האָט אים געזאָגט.

און אַצונד, בעת דער קיניג און זיינע פֿריינט האָבן זיך צוגעהערט און זייערע הערצער זענען דערפֿון גערירט געוואָרן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסער רעש אין וואַלד. אויפֿן וואַלד־וועג האָבן זיי געזען אַ המון, זעלנער, הויפֿטלייט און ציוויל־לייט.

„נייס, גוטע נייס!" — האָט דער המון געשריגן, — „דער

זיראָן, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם טראָן אויף אַן אומגערעכטן אופן און מיט אַ בייזער מאַכט, איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. קום צוריק צו אונז, ליבער קיניג. בלינד ביסטו, זאָלסטו כאָטש וויסן, אַז מיר קלייבן זיך אַרום דיר, אין געטרייער איבערגעגעבנקייט.״

„איך דאַנק די שטראַלנדיקע געטער, מיין פאָלק!״ — האָט דער קיניג געזאָגט, — איך קאָן אייך אַלעמען זען; און איך וועל גיין מיט אייך און ווידער זען מיין קיניגרייך.״

די פינף פרינצן

פינף פרינצן, ברידער, האָבן געוואַנדערט אין אַ וואַלד. זיי זענען געווען די זין פון אַן אינדישן קיניג. דערדאָזיקער קיניג האָט געהאַט צוויי ווייבער, קונטי און מאַדרי, און די יונגעלייט זענען געווען זין פון די ביידע קיניגינס. די צוויי זין פון מאַדרי זענען געווען האַלבע ברידער צו די דריי זין פון קונטי.

אַ ביין מזל האָט זיי פאַרטריבן פון זייער היימלאַנד. דרייצן יאָר האָבן זיי נישט געטאָרט זען זייער לאַנד. דרייצן יאָר האָבן זיי געדאַרפט זיין פאַרטריבענע. זיי האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן פון זייערע שונאים.

אַ מוראדיק אָרט איז געווען דער וואַלד, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן. הויכע ביימער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע גרויסע אָרעמס און געוואָרפן שוואַרצע שאָטנס. דער דין-פיסיקער הירש איז געלאָפן אַהין און צוריק אויפן שליאַך. בערן האָבן

זיך אריין־און־ארויסגעגנבעט צווישן די קוסטעס. שלאנגען האבן געגליווערט אין די ווינקלען. ווילדע חיות האבן געברומט. אויס־טערלישע פייגל זענען געפליגן פון בוים צו בוים.

די פינף פרינצן, צוויי זין פון מאדרי און דריי זין פון קונטי, האבן געפילט א שטארקן דארשט און אינערגעץ האט זיך נישט געזען דער זיסער גלאנץ פון וואסער.

דאמאלט האט יודהיסטהירא, וואס ער איז געווען מער ווי א פרינץ — ער איז געווען א קיניג — געזאגט צו זיין האלב־ברודער נאקולא:

„א, נאקולא, זון פון מאדרי, קריך ארויף אויף יענעם בוים און קוק זיך ארום אין אלע זייטן און זע, אויב וואסער איז נאענט; זע, אויב וועלכע ס'איז פלאנצן, וואס וואקסן אויף פייכטער ערד, זענען פאראן אין דעם וואלד, ווארים זיי זענען א צייכן פון וואסער".

דאמאלט איז נאקולא, וואס ער איז געווען דער צווילינג־ברודער פון סאהאדעוו, ארויפגעקלעטערט אויפן בוים, ווי מען האט אים געבעטן, און ער האט געקוקט אהין און אהער און ער האט א געשריי געטון:

„יא, איך זע פלאנצן און בלעטער, וואס לעבן אין פייכט־קייט. און הארכט! איך קאן אפילו הערן דאס שארפע קול פון דעם וואסער־פויגל."

„אייל, נאקולא, נעם דיין פיילן־שיידל מיט זיך און פיל עס אן מיט וואסער ביים טייך, אדער קוואל, וואו דער וואַ־סער־פויגל איז, און ברענג דיינע ברידער א גוטע דערקוויקעניש."

האט נאקולא געאיילט און ער איז געלאפן מיטן שיידל אין האנט צום ארט, וואו ער האט געזען די גרינע פלאנצן. א גלאט, קלאר טייכל איז דארט געווען און ביים ברעג האט ער געזען די וואסער־פייגל מיט זייערע לאנגע פיס, לאנגע

העלזער, באַפּעדערטע עקן און זייערע אויגן גיריק און שפּיריק. און אַ רויטער טשוב איז געווען אויף יעדן קאָפּ. די וואַסער־פייגל האָבן געשנאַפּט ווערים און קליינע שלאַנגען, זשאַבעס, פיש און פון מאָל צו מאָל אויסגעריסן אַ געוויקס פון טייכל.

אָבער דעם פּרינץ האָבן נישט געאַרט די וואַסער־פייגל. ער איז געווען ווי משוגע פון דאָרשט. ער האָט זיך געוואָרפן אויף די קני. ער האָט צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ צום קילן וואַסער.

„האַלט! — האָט זיך דערהערט אַ קול, — האַלט, יונגערמאַן! טרינק גאָרנישט ביז דו וועסט טון דאָס, וואָס דאָס געזעץ פון דעמדאָזיקן טייכל געבויט. קיינער טאָר דאָ נישט טרינקען, איידער ער האָט געענטפערט אויף די קשיות, וואָס איך פרעג. ענטפער פריער און דערנאָך פיל־אָן דיין שיידל".

נאַקולאַ האָט גאָרנישט געלייגט קיין אַכט. ער האָט געטרונקען. אין אַן אויגנבליק איז ער געפאַלן טויט צווישן דעם ראָר, וואָס איז דאָרט געוואַקסן, בשעת ער האָט געטרונקען פון וואַסער.

די וואַסער־פייגל האָבן זיך געטוקט אין טייכל. ווילדע חיות האָבן געברומט. הירשן זענען געלאָפן איבערן וואַלד. דער טויטער פּרינץ האָט געהאַלטן דאָס שיידל אין זיין האַנט; און זיינע פיר ברידער האָבן געוואַרט.

אַז ער האָט זיך נישט צוריקגעקערט, האָט דער קיניג געזאָגט:

„סאַהאַדעוו, מיר ווערן לענגער נישט וואַרטן. איך ווייס נישט פאַרוואָס אונזער ברודער זאַמט. גיי און קריג וואַסער פאַר אונז, וואָרים מיר זענען שלאַף און קענען קוים זיך רירן. גיי מיטן וועג פון דיין ברודער".

ווען סאַהאַדעוו האָט געגרייכט דאָס וואַסער, האָט ער געזען דעם טויטן יונג און זיין האַרץ איז מיט צער באַשווערט

געוואָרן; דאָך איז זיין דאָרשט אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט נישט געקענט שטיין און וויינען און ער האָט געקניט צום טרינקען.

„האַלט! — האָט זיך געהערט אַ הויך קול, — נעם נישט קיין טראָפּן וואַסער, איידער דו ענטפערסט אויף מיינע קשיות. אַנדערש וועסט עס מיינען — טויט!"

דער פּרינץ האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טייכל און איז באַלד געפאַלן טויט צו דר'ערד.

איינער לעבן אַנדערן זענען געלעגן די ברידער — די צווילינג-זין פון דער קיניגין מאַדרי. און דער בער פון די וועלדער איז געקראָכן צווישן די בושעס, זוכנדיק יאַגדעס, און דער גלאַנץ פון טיגערס אויגן האָט געפינקלט אין דער ווילדערניש.

צוויי ברידער טויט; דריי ברידער לעבעדיק; און טרוקן זענען געווען די מיילער פון די דריי.

האָט געזאָגט דער קיניג:

„קענסטו זיך אָננעמען מיט כח, אַרדזשונאַ, ברודער מיין, און גיין צום טייכל נאָך וואַסער? דיין ברודער און איך זענען אָפּגעשוואַכט פון דאָרשט. אָ, אייל, אַרדזשונאַ, אייל!"

ווען אַרדזשונאַ האָט געזען זיינע צוויי טויטע ברידער, האָט ער צוגעשטעלט די פייל צום בויגן און געזוכט דעם שונא, וואָס האָט זיי געטייט, כדי צו טייטן דעם טייטער. אָבער ער האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. דאַן האָט דער דאָרשט אַזוי שטאַרק אים באַוועלטיקט, אַז ער האָט געמוזט טרינקען. נון, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן.

„היט זיך! — האָט גערופן אַ קול, — טרינק נישט, איי-

דער דו האָסט געענטפֿערט אויף מײַנע קשיות. צו טרינקען אַצונד, וועט מײַנען דײַן סוף!"

„וועמער ביסטו, בייזער מענטש?" — האָט געשריגן אַרדזשוּ-נאַ, — און ער האָט געשאָסן איין פֿײַל נאָך דער אַנדערער צווישן די ראָר-פֿלאַנצן און צווישן די ביימער; און ער האָט אַרויסגענומען די שפּיזן און זיי געשלײַדערט צו צפֿון, צו דרום, צו מזרח און צו מערב. אָבער ער האָט נישט געזען קיין מענטש.

„כאַ-כאַ-כאַ! — האָט געלאַכט דאָס קול, — דו קענסט מיר נישט טרעפֿן, פּרינץ. ענטפֿער, אויב דו ווילסט לעבן."

אַרדזשונאַ האָט אַנידערגעקניט און געוואָלט טרינקען. אויך ער איז געפֿאַלן טויט.

„ווײ, — האָט געזיפֿצט דער קיניג, — זיי קומען נישט צוריק. וואָס האָט אַזוינס געקענט טרעפֿן? אפֿשר זענען זיי צו שוואַך צו גיין? וועסטו ליבער ב ה י מ אַ, גיין נאָך אַ טרונק?"

דאַמאָלט האָט בהימאַ פֿאַמעלעך זיך גערירט און געקראָכן צום טײַכל. און ער איז געווען אין גרויס טרויער, בשעת ער האָט דערזען די דרײַ טויטע יונגען; אָבער ער איז געווען אַזוי אויסגעטרוקנט, אַז ער האָט נישט געקענט שטיין און טרויערן.

„טרינק נישט! — האָט געזאָגט דאָס קול, — זאָל קיין וואַסער נישט באַנעצן דײַנע ליפּן, איידער דו האָסט געענטפֿערט אויף מײַנע קשיות. אַנדערש וועסטו אַרויסלאָזן דײַן לעצטן אָטעם."

און אויך בהימאַ איז געשטאָרבן.

שטיל איז געווען דער וואַלד, אַ חוץ דאָס זשומען פֿון בינען און די קולות פֿון פֿייגל און חיות; און דער קיניג איז געזעסן מיט יסורים פֿון דאָרשט. צום סוף האָט ער זיך אויפֿ-

געשטעלט און מיט פאמעלעכע טריט האָט ער זיך געלאָזט צום טייכל.

גרויס איז געווען זיין צער, ווען ער האָט דערזען די פיר טויטע מענטשן און ער האָט זיך ארומגעקוקט צו זען ווער עס האָט זיי דערשלאָגן, אָבער ער האָט נישט געזען קיין שונא. און דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעבויגן צום וואַסער, וואו די ליליען זענען געוואַקסן.

„האַלט! — האָט גערופן דאָס קול, — אויב דו טרינקסט, איידער דו ענטפערסט אויף מיינע קשיות, וועט דער טויט דיך באַפאַלן; אזוי איז דאָס געזעץ פון דעמדאָזיקן אָרט. איך, דער אלטער וואַסער-פויגל מיט דער רויטער קרוין, הערש איבער דעם טייכל און איך פאַרביט דיר צו טרינקען.״

„קיין שום וואַסער-פויגל, — האָט געענטפערט דער קי-ניג, — קאָן נישט האָבן אזא כח. דו מוזט זיין איינער פון די שלעכטע וואַסער-רוחות. ווייז זיך פאַר מיר!״

ער האָט דערזען אַ וואַסער-פויגל צווישן דעם ראָר.

„קיניג, — האָט געזאָגט דער פויגל, — איך בין טאַקע אַ רוח, אָבער האָרך מיין וואָרעניש. טרינק נישט אַצונד״.

„פרעג דיינע קשיות״.

— ווי אזוי קאָן אַ מענטש קלוג ווערן?

— דורך לערנען די הייליקע בלעטער פון די הימנעס — די געבענטשטע ווערדאַס.

— ווער איז דער, וואָס איז נישט רייך, כאָטש ער זעט אויס גוט און שיין?

— דער מענטש, וואָס האָט אַ כח און גיט גאָרנישט.

— וואָס איז שווערער פון דער וועלט און העכער פון די וואָלקנס?

— די ליבע פון טאַטע-מאַמע.

— ווען עמעצנס אויגן פֿאַרמאַכן זיך קיינמאָל נישט?

— דעם פֿישס אויגן.

— וואָס איז דער וועג צום גליק?

— צו זאָגן דעם אמת און צו זיין פֿריינטלעך.

— ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיין אַ געטרייער בראַהמין?

— נישט מיט זאָגן פּסוקים פֿון די הייליקע ביכער; נישט מיט זאָגן אַ סך תּפֿלות; נייערט דורך גוטע מעשים און אַן ערלעך לעבן.

דידאַזיקע און אַנדערע קשיות האָט דער קיניג געענטפֿערט. דאַמאָלט האָט דער רוח פֿון טייכל געזאָגט:

„וואויל האָסטו געערעדט. טרינק!"

דערנאָך האָט דער רוח פֿון טייכל ווידער געזאָגט:

„וואוילגעפֿעלן זענען מיר דיינע רייד און אַצונד וועל איך דיר געבן אַ מתּנה. דו קענסט אָנרופֿן ווען דו ווילסט פֿון דידאָזיקע טויטע מענטשן און דער, וואָס דו קלייבסט אים אויס, וועט לעבן".

עס איז געוועזן שטיל. דער קיניג האָט געזאָגט:

„איך קלייב אויס נאַקולאַ, דעם זון פֿון מאַדרי."

„אָבער ער איז דיינס בלויז אַ האַלבער ברודער. ווערסטו נישט אויסקלייבן דיין אייגענעם ברודער בהימאַ, אָדער דיין אייגענעם ברודער אַרדזשונאַ? האָסטו זיי נישט ליב געהאַט?"

„יאָ, איך האָב זיי ליב געהאַט, — האָט געזאָגט דער קיניג, — אָבער איך וויל, אַז נאַקולאַ זאָל צוריק לעבעדיק ווערן".

„פֿאַרוואָס?

„וואָרים ער איז דער זון פֿון מאַדרי און איך בין דער זון פֿון קונטי. נאָך די דרייצן יאָר וואַגלעניש וועלן מיר זיך אומקערן אַ היים און די צוויי קיניגינס וועלן אונז אַנטקעגנ-

קומען. און אויב מאַדרי וועט זען, אַזביידע זענען די זין פון קונטי און אַז אירע צווילינג-זין זענען טויט, דאַמאָלט וועט איר האַרץ צובראָכן ווערן; דעריבער, אָ, גייסט, לאָמיר גערעכט זיין צו דער מוטערס האַרץ און זאָל איין זון פון יעדער מוטער ברענגען דערפרייאונג פאַר אירע אויגן."

דעם וואַסער-פויגל האָט מען מער נישט געזען. אָבער בשעת ער איז אַוועקגעפלויגן, האָט זיך זיין קול געהערט, זאָגנדיק ווייך:

„גוטהאַרציקער פרינץ! דו האָסט אויסגעקליבן נאָקולאַן, ליבערשט ווי דיינע אייגענע ברידער, וואָס זענען דיר טייער, און דו האָסט בעסער געוואָלט זיין גערעכט, איידער נעמען דאָס, וואָס וועט צום בעסטן פרייען דיין אייגענע נשמה. דעריבער זאָלן די אַלע לעבן".

און די פיר ברידער זענען אויפגעשטאַנען.

פון די אופּאַנישאַדן

דער אומענדלעכער „איך".

ראַרהאַפּטיק: דאָס אַלץ איז בראַהמאַ. עס איז דערין געבוירט, סוף, אָטעם. ווי אַזוינס זאָלסטו עס דינען אין שטילקייט.

וואָרהאַפּטיק: דער מענטש איז געמאַכט פון ווילן. ווי עס איז דעם מענטשנס ווילן אויף דערדאָזיקער וועלט, אַזוי ווערט ער ווען ער גייט אַוועק פון דאַנען. טאָ זאָל ער ריכטן זיין ווילן.

געמאַכט פון גייסט, געקערפּערט פון אָטעם, געפאָרעמט פון ליכט, אמת איז די כוונה, אייביק איז די נשמה, לויטער אַרבעט, אַלץ-וועלנדיק, אַלץ שמעקנדיק, אַלץ-פאַרזוכנדיק, אַרומ-נעמענדיק דאָס אַלץ, גאָרנישט זאָגנדיק, גאָרנישט זעענדיק — דאָס איז מיין זעלבסט אין מיין האַרץ. קלענער פון אַ רייז-

קאָרן, אָדער אַ גערשטן-קאָרן, אָדער אַ טרויבן-קערנדל, אָדער דאָס האַרץ פון אַ טרויבן-קערנדל — דאָס איז מיין זעלבסט אין מיין האַרץ, גרעסער פון דער ערד, גרעסער פון הימל-געוועלב, גרעסער פון הימל, גרעסער פון די וועלטן, לויטער אַרבעט, אַלץ-ווערנדיק. אַלץ-שמעקנדיק, אַלץ-פאַרזוכנדיק, אַרום-נעמענדיק דאָס אַלץ, גאַרנישט זאָגנדיק, גאַרנישט זעענדיק — דאָס איז מיין זעלבסט אין מיין האַרץ — דאָס איז בראַהמאַ. צו אים וועל איך זיך באַהעפטן, ווען איך וועל אַוועק פון דאַנען. אזוי האָט געזאָגט סאַנדילאַ.

אַ משל

— ברענג מיר פון דאָרטן אַ פייג.
— אָט איז זי, מיין האַר
— ברעך זי איבער.
— איבערגעבראָכן, מיין האַר.
— אצונד ברעך-איבער איינס פון די צוויי /חלקים/.
— איבערגעבראָכן, מיין האַר.
— וואָס זעסטו אינווייניק?
— גאָרנישט, מיין האַר.

און ער האָט געזאָגט צו אים: פון אָט דאָס פיינע, וואָס דו קענסט נישט באַמערקן, מיין באַליבטער, איז דערדאָזיקער פייגנבוים אַרויסגעקומען. האָב אמונה, באַליבטער. אין דערדאָזי-קער נישט-אָנזעעוודיקער פיינקייט איז דער שורש פון אַלצדינג; עס איז דאָס וואָרע; עס איז דער זעלבסט; דו ביסט עס, סוועטאַקעטו.

זאָל מיין האַר מיך ווייטער לערנען.
זאָל זיין, ווי דו ווילסט, באַליבטער.

— לייג־אַריין אָט דאָס זעלץ אין וואַסער און מאָרגן פֿרי ברענג עס צו מיר.

און ער האָט אַזוי געטון. דעמאָלט האָט ער געזאָגט צו אים:

— ברענג מיר דאָס זעלץ, וואָס דו האָסט נעכטן אָוונט אַריינגעלייגט אין וואַסער.

ער האָט עס נישט געפֿונען. עס איז געווען צוגאַנגען.

— טרינק פֿון אָט דער זייט. ווי איז עס?

— עס איז געזאַלצן.

— טרינק פֿון מיטן. ווי איז עס?

— עס איז געזאַלצן.

— טרינק פֿון דער אַנדערער זייט. ווי איז עס?

— עס איז געזאַלצן.

— שטעל אַוועק און גענען צו מי;

און ער האָט אַזוי געטון.

— דאָס זאַלץ איז נאָך דאָ, — האָט ער צו אים געזאָגט, — דו קענסט עס גאָר נישט זען, אָבער אין אמתן איז עס דערריין. אין דערדאָזיקער פֿיינקייט איז דער שורש פֿון אַלצדינג: עס איז דאָס וואָרע. עס איז דער זעלבסט; דו ביסט עס, סוועטאַקעטו.

נשמה

די נשמה איז נישט אונטערגעוואָרפֿן געבורט און טויט; אויך ציט זי נישט איר יניקה פֿון עפּעס אַנדערש, אַ חוץ פֿון זיך אַליין; דעריבער איז זי נישט געבוירן, אייביק אָן פֿאַר־מינערונג און נישט־פֿאַרענדערלעך. דעריבער ווערט די נשמה נישט אָנגערירט פֿון וועלכער־ס׳איז באַשעדיקונג, וואָס דער קערפּער זאָל נישט קריגן. אויב עמיצער, וואָס גרייט זיך צו טייטן

אן אנדערן, שטעלט זיך פאָר, אַז ער וועט צושטערן יענעמס נשמה און יענער מיינט, אַז זיין נשמה וועט פאַרטיליקט ווערן — ווייסן זיי ביידע גאָרנישט, וואָרים נישט יענער טייט און נישט די נשמה קאָן געטייט ווערן.

די נשמה איז דאָס קלענסטע פון קלענסטן און דאָס גרעסטע פון גרעסטן. זי וואוינט אין הארץ פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. די נשמה, כאָטש נישט-באַוועגלעך, וואַנדערט דאָך, ווייזט אויס, דעם ווייטסטן מהלך; און כאָטש זי וואוינט אין גוף, רוענדיק, דאָך — זעט אויס — איז זי אומעטום.

קיין מענטש קאָן נישט דערגרייכן די קענטניש פון דער נשמה, סיידן ער נייגט-אָפּ פון שלעכטע מעשים; סיידן ער באַהערשט זיינע חושים און דעם שכל; אָבער אַ מענטש קאָן דערגרייכן די קענטניש פון זיין נשמה דורך זיין דערקענטניש פון גאָט.

דאָס קינפטיקע לעבן

נוטשיקעטאַ האָט געזאָגט: טייל זענען מיט דעה, אַז נאָך דעם מענטשנס טויט גייט ווייטער אָן זיין לעבן, און אַנדערע זאָגן, אַז עס הערט-אויף. צוליב דעם דערוועקט זיך אַ ספק בנוגע דער טבע פון דער נשמה; איך וויל דערפאַר פון דיר לערנען וועגן דעמדאָזיקן ענין.

יומאַ האָט געענטפערט: אפילו געטער זענען מסופק געווען און דיספוטירט מכח אָט דעם ענין. פרעג דערפאַר נישט מער וועגן דעם.

נוטשיקעטאַ האָט געענטפערט: איך ווייס עס וואויל, אַז געטער האָבן ספקות וועגן דעם, און אפילו דו, — אָ, יומאַ! — האַלטסט, אַז עס איז שווער עס משיג צו זיין. אָבער קיין אַנ-

דער לערער, וואָס זאָל דערריין זיין גלייך צו דיר, איז נישטאָ און קיין אנדער ענין איז נישט אזוי לאָקנדיק ווי דערדאָזיקער.

יומאַ האָט געזאָגט: בעט מיך ליבערשט, אז איך זאָל דיך בענטשן מיט זין און אייניקלעך, וואָס יעדער פון זיי זאָל לעבן א הונדערט יאָר; מיט פי, העלפאנטן, גאָלד און פערד; אויך אַן אויסגעשפרייטע אימפעריע אויף דער ערד, וואו דו זאָלסט לעבן אזוי פיל יאָר, וויפיל דו ווינטשסט זיך. אויב דו ווייסט אַן אנדער ענין, וואָס איז גלייך אזוי לאָקנדיק, ווי דער, — פרעג. באנאנד מיט רייכטום און לאנג לעבן — זאָלסטו רעגירן, אָ, נוטשיקעטא, איבער א גרויס קיניגרייך. איך וועל דיר געבן די יכולת הנאה צו האָבן פון אלץ, וואָס דו ווינטשסט. פרעג, וועדליק דיין פארלאנג, אלע זאכן, וואָס זענען שווער צו דעראָבערן אין דער שטארבלעכער וועלט, אָבער שטעל מיר נישט, נוטשיקעטא, די קשיא מכח א לעבן נאָכן טויט.

נוטשיקעטא האָט דאַמאָלט געענטפערט: מכח דער דעראָבערונג פון תענוגים, וואָס דו לייגסט מיר פאָר, אָ, יומאַ, בין איך קודם מסופק, און זאָלן זיי יאָ דערגרייכט ווערן, צושטערן זיי דעם כח פון אלע חושים; דעריבער לאָז אָט דעם פראכט און די טענץ און מוזיק ביי דיר. א שטארבלעך וועזן, וואָס זיין אָרט איז די נידעריקע וואוינונג פון דער ערד און וואָס איז אונטערגעוואָרפן פלוצימדיקן אונטערגאנג און בשעת ער דערנענטערט זיך צו די געטער, וואָס זיי זענען פריי פון טויט און שלאפקייט, און ער פארשטייט פון זיי, אז עס איז דאָ א קענטניש פון א לעבן נאָכן טויט, — זאָל ער זיי נישט בעטן קיין קליינע זאכן; און וויסנדיק דאָס שנעלע פארפליען פון מוזיק, געשלעכטלעכע תענוגים און דעם בארויש פון די חושים — ווער קאָן הנאה האָבן פון א לאנג לעבן אויף דער ערד? לערן דו

אונז דאָס ווייסן, וואָס באַפרייט פון ספקות בנוגע אַ לעבן נאָכן טויט און וואָס דאָס איז נישט קלאָר און איז פול מיט שווע-ריקייטן. אָך, נוטשיקעטאַ, קאָן נישט בעטן קיין אַנדער טובה, אַ חוץ אַט-די.

געטרייַשאַפט

צוויי פייגל — גאָט און די נשמה — זענען שכנים — און גלייך-וויכטיקע — וואָס וואוינען באַנאַנד אין איין בוים, וואָס דאָס איז דער גוף. די נשמה פאַרצערט די פאַרשיידנאַרטיקסטע פרוכט פון אירע מעשים; אָבער דער אַנדערער — גאָט — נישט נעמענדיק קיין חלק אין דעם — איז אַן עדות פון אַלץ, וואָס גייט-אָן.

די נשמה, אַזוי אַריינגעדריקט אין גוף, איז באַלאָדן מיט אומוויסן, יסורים איבער איר אייגענער הינטערשטעליקייט, אָבער ווען זי דערזעט איר שכן, דעם געאַכפּערטן גאָט פון דער וועלט, איר שורש, איר הערלעכקייט, דערפילט זי זיך פריי פון יסורים און פאַרבלענדעניש. אַ קלוגער מענטש, וואָס ווייס, אַז גאָט וואוינט אין אַלע באַשעפעניש, קערט זיך אָפּ פון יעדן געדאַנק פון צווייאיקייט, מחמת ער איז זיכער, אַז עס איז אײן וואָרע עקסיסטענץ, וואָס דאָס איז גאָט. ער ריכט דאַ-מאָלט אַלע זיינע חושים צו גאָט אַליין, דעם מקור פון זעלבסטבאַוואוסטזיין און צו אים בלויז קערט ער זיין ליבע, זיך אָפּהאַלטנדיק צו גלייכער צייט פון אַלע ערדישע זאַכן דורך די קענטעניש, וואָס מען קריגט פון גייסטיקע לערערס, אַזוי אויך דורך אָפּהאַלטן זיך פון געשלעכטלעכער תאווה, — קאָן דער מענטש זיך באַהעפטן צו גאָט, וואָס — פול מיט הערלעכקייט און שלימות, — וואוינט אין אונזער האַרץ.

דער אלהעכסטער

אין ווייס דעם גרויסן גייסט, זון-באַלויכטן, איבער דער פינצטערניש — קענענדיק אים, אַנטרינט דער מענטש פון טויט; נישטאָ קיין אַנדערער וועג צו גיין.

גאָרנישט איז העכער פון אים, אויך נישט פיינער, אויך נישט מאַכטיקער; מיט דעמדאָזיקן גייסט איז דער וועלטאַל אָנגעפילט.

אָן פאָרם, אָן טרויער איז דער העכסטער; די, וואָס ווייסן עס, זענען פריי פון טויט; אָבער אויף אַנדערע קומט שמאַרץ.

מיטן פנים, קאָפּ, האַלז — אומעטום, וואוינענדיק פאַרבאָרגן אין יעדן באַשעפעניש, אַלץ דורכדרינגט ער דורך, גאָט איז ער; אומעטום איז ער פאַראַן, דער הערלעכער.

אַ גרויסער האַר איז דער גייסט, דער באַוועגער פון שכל, דער הערשער איבער געלייטערטער באַהעפטונג, אַ ליכט, וואָס גייט נישט אויס.

דער גייסט לעבט אייביק, ווי די אינווייניקסטע נשמה פון מענטשנס האַרץ, באַגריפן פון האַרץ, פון דער פאַנטאַזיע, פון געדאַנק; פריי פון טויט זענען די, וואָס ווייסן עס.

ווייזנדיק זיך דורך די מעלות פון די חושים, איז ער לער פון חושים — ער איז דער האַר, דער הערשער פון אַלץ, אַ מקום-מקלט פאַר אַלץ.

אָן הענט, אָן פיס — איילט ער און גרייכט; אָן אויגן זעט ער; אָן אויער הערט ער; ער ווייס וואָס עס איז צו וויסן, אָבער עס איז נישטאָ קיינער א י ם צו וויסן. מענטשן רופן אים דער מקור", „דער גרויסער גייסט."

פיינער פון פיינקייט איז ער, גרעסער פון דאָס גרויסע

ש. אלמי

—די נשמה, וואָס איז פאַרבאָרגן אין לעבעדיקע וועזנס. באַפרייט פון שמאַרץ, זעט דער מענטש דורך דעם אַלמאַכטיקנס שיינקייט אים, דעם רעגירנדיקן כח.

איך ווייס אים, דעם צייטלאָזן, פאַרצייטישן, דורכאויס נשמה, וואוינענדיק אומעטום, וואו וועלט איז, וואָס די בראַהמאַ־לערערס לייקענען זיין געבורט און זיי רופן אים „אייביקער."

בוך III

אויף די יאַפּאַנישע אינזלען

וואָרהאַפֿטיקייט איז דער שטייגער פֿון הימל.
צו מאַכן וואָרהאַפֿטיק דאָס לעבן איז דער חוב
פֿון מענטשן — — טשויאַ.

יאַפּאַן (אריינפיר)

1. דאָס לאַנד יאַמי
2. סוסאַ דער שטורמישער
3. דער גוטער דונער
4. דער ווינט אין די סאָסנע-צווייגן
5. די הימלישע ליבהאָבערס
6. די קיניגין פון די פייערפליגן
7. אוראַשימאַ
8. דער זינג-פויגל פון הימל
9. דאָס לבנה-מיידל

יאַפּאַן

די יאַפּאַנישע טראַדיציע דערציילט גאָרנישט וועגן דעם אָפּ־שטאַם פון יאַפּאַנישן פאָלק. אָבער וויסנשאַפטלעכע פאָר־שונגען פירן אַרויף אויפן שפור, אז די יאַפּאַנער שטאַמען פון צפון-אַזיע, פון וואַנען זיי זענען אַריינגעדרונגען אין קאָרעאַ און פון דאָרט האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער גרופּע אינזלען, וואו ס׳איז געוואָרן זייער שטענדיקע היים און וואו ס׳האָט זיך פאָרמירט זייער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער. ווען מאָדערנע פאָר־שער רעדן וועגן צפון-אַזיע, ווי דאָס געבוירן אָרט פון די יאַ־פּאַנער, שליסן זיי אויס כינע, אין היפּוך צו דער פאַרשפּריי־טער מיינונג וועגן דעם נאָענטן ראַסן-שייכות צווישן די יאַפּאַ־נער און כינעזער. דער ראַסן-שייכות צווישן אָט די צוויי פעל־קער — זאָגט אַזאַ געלערנטער ווי וו. ג. אַסטאָן — „איז נישט קיין גענטערער ווי דער, וואָס פאַרבינדט די ווייטסטע קרובים פון דער אינדאָ-אייראָפּייאישער פעלקער פאַמיליע.״ אויך די ענלעכקייט, וואָס מ׳האָט געהאַט געזען, צווישן דער שינטאָ־

רעליגיע פון יאפאן און דער פארצייטישער שטאט-רעליגיע פון כינע, איז בלויז אן אויסדאכטעניש. די יאפאנער, צום ביישפיל, אנדערקענען נישט טיען /הימל/, דעם וויכטיקסטן נאטור-גאט פון די כינעזער; אויך איז ביי די ערשטע נישטא אזא געטיעך וועזן ווי דער כינעזישער שאנג-טי, א כמעט פערזענלעכער הערשער פון אוניווערס. די זון איז מאנלעך אין כינע און ווייבלעך אין יאפאן — און אזוי כסדר. א קאָרעאנישער עלעמענט איז אין שינטאָ*) יאָ פאראן, אָבער אין אלגעמיין איז דער שינטאָאיזם א ריין יאפאניש-נאציאָנאלער, אומאָפהענגיקער באשאף.

דער איינפלוס פון כינע אויף יאפאן הויבט זיך אָן א סך שפעטער, ווען די יאפאנער זענען שוין אן אלט-געזעסן פאָלק, נאָר זייער פרימיטיוו. אין אָנהייב פינפטן יאָרהונדערט פון אונזער ערא דרינגט-אריין קיין יאפאן, דורך קאָרעא, כינעזישע חכמה, צוזאמען מיט דער כינעזישער שריפט. די ערשטע יאפאנישע ביכער שטאמען פון אָנהייב אכטן יאָרהונדערט — און אלע געשריבן מיט כינעזישע אותיות. דאָס וויכטיקסטע פון די ביכער איז די קאָ-דזשי-קי**), וואָס אנטהאלט מיטאָלאָגישע געשיכטן און שיינע פאָלקס-מעשיות. די טראַדיציע דערציילט, אז אט די אלע מעשהלעך און לעגענדן, וועלכע זענען דורות-לאנג געגאנגען פון מויל צו מויל, האָט פארשריבן א זקן, וואָס זיין זכרון איז פול געווען מיט „פארצייטישע רייד“.

מיט איבער 1,200 יאָר צוריק האָט פון כינע און קאָרעא זיך אָנגעהויבן צו פארשפרייטן דער בודיזם אין יאפאן. אָבער

---

*) שינטאָ איז א כינעזיש וואָרט און מיינט „געטער-וועג“.

**) „דער פנקס פון פארצייטישע זאכן“

אויף די יאפּאַנישע אינזלען האָט דער בודיזם באַקומען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער; צווישן דעם בודיזם פון יאפּאַן און דעם בודיזם פון טיבעט, למשל, איז אַזאַ אונטערשייד ווי צווישן יידנטום און קריסטנטום. דער בודיזם האָט אין יאפּאַן אָנגענו־מען געצנדינערישע פאָרמען און ריטואַלן. טייל שינטאָ־געטער זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר מאַניפעסטירונגען, אָדער רע־אינקאַרנאַציעס, פון גאָוטאַמאַ בודאַ. ערשט אין צוועלפטן יאָרהונדערט (אונזער ערא) האָט דער יאפּאַנישער חכם שינראַן שאָנין געמאַכט אַ פּראָבע איינצופירן דעם ריינעם בודיזם, באַפרייענדיק אים פון שינטאָאיזם, אָבער דאָס איז אים געלונ־גען בלויז אויף אַ באַגרענעצטן מאַסשטאַב. שאָנינס „דזשודאָ שינסו" (בודיסטישע פּסאַלמען) ווערן פאַרבלייבן אַ מייסטערווערק פון שיינקייט און טיפקייט אין דער בודיסטישער ליטעראַטור.

אַזאַ מזל האָט אויך געהאַט דער קאָנפוציאַניזם, וואָס איז קיין יאפּאַן איבערגעבראַכט געוואָרן פון כינע. קאָנפוציוסעס לערע האָט זיך נאָך מער צוגעפּאַסט צום שינטאָאיזם, שוין צוליב דעם, וואָס אין שינטאָ זענען אויך טייער אַזעלכע פּרינ־ציפּן, וואָס קאָנפוציוס פּרעדיקט, ווי די געטריישאַפט צום הער־שער, איבערגעגעבנקייט צו די עלטערן און די פאַרהייליקונג פון די אבות. אַזוי שפּעט ווי אין אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונ־דערט פון אונזער ערא האָט דער יאפּאַנישער דיכטער און רע־פאָרמאַטאָר קייבאַראַ אַטסונאָבי, בעסער באַקאַנט מיט זיין פּסעוודאָנים עקקען, אויפגעהויבן אַ קאַמף אַנטקעגן בודיזם אין יאפּאַן און פאַר קאָנפוציאַניזם. אין איינס פון זיינע ווערק שרייבט ער: „דער, וואָס גייט אויף בודאָס וועג, איז נישט נאָר אומטריי זיינע אבות, נייערט אויך אַ זינדיקער אַנטקעגן הימל און די געטער".

אָבער זיין גרויסער אויפטו, וואָס האָט געשפּילט אַן אַנט־

שיידנדיקע ראָל אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יאַפּאַן, איז, אָן ספק, דאָס, וואָס עקקען האָט זיינע ווערק געשריבן מיט יאַפּאַנישע אותיות, אַנשטאָט מיט די קלאַסיש-כינעזישע. די יאַפּאַנישע שריפט איז ביז אים באַטראַכט געוואָרן פאַר „ווייבערישע אותיות" און אַ געלערנטער מענטש האָט זיך געשעמט דערמיט. אויך ער אַליין איז אין אָנהייב זיכער געווען, אַז אי-בערגעבן די רייד פון די חכמים מיט „ווייבערישע אותיות" איז „ווי קוקן אויפן הימל דורך אַ קליין רערל"; דאָך האָט ער עס געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נייטיק, כדי צו גרייכן אַלע שיכטן פון פאָלק, אפילו די נידעריקסטע. זיין ביישפּיל האָבן באַלד נאָכגעטון אַנדערע דיכטער און געלערנטע — און דאָס יאַפּאַנישע לאַטיין — די אַלט-כינעזישע שריפט — איז אַרויס-געשטופּט געוואָרן פון יאַפּאַן. זיין שריט ווערט פאַרגליכן מיט דעם אויפטו פון דעם ענגלענדער דזשאָן וויקליף, וועל-כער האָט אין פערצנטן יאָרהונדערט צום ערשטן מאָל איבער-געזעצט די ביבל אויף ענגליש און זי צוגאַנגלעך געמאַכט צום גרויסן עולם, וואָס האָט נישט געקענט לייענען די ביבל אין לאַטיין.

עקקען האָט איבערגעשריבן מיט די „ווייבערישע אותיות" די ווערק פון קאָנפוציוס און מענציוס און פון די יאַפּאַנישע חכמים; חוץ דעם האָט ער אַליין געשאַפן אָריגינעל-וויכטיקע ווערק. פון דעם גרעסטן באַטייט איז זיין „אָנאַ דייגאַקו" (גרוי-סע לערע פאַר ווייבער), וואו אויף דעם פּשוטסטן אופן און מיט „פּשוטע אותיות" ווערן איבערגעגעבן די וויכטיקסטע גע-דאַנקען פון די אַלטע חכמים. די „אָנאַ דייגאַקו" איז אַ מין יאַפּאַניש „טייטש-חומש" און עס איז באַלד געוואָרן דאָס באַ-ליבטסטע בוך ביי די יאַפּאַנישע ווייבער. ביזן היינטיקן טאָג האָבן די פאָלקס-פרויען אין יאַפּאַן די גרעסטע הנאה פון עק-

קענס חיבור און זיי רעדן וועגן מחבר מיט ליבע און דאַנק־באַרקייט.

דאָס זענען אין קורצע שטריכן די דאַטן פֿון יאַפּאַנס קולטור־אַנטוויקלונג. אין דעם פֿאָרליגנדיקן בוך וועלן מיר די לייענער באַקענען בלויז מיט די מיטאָלאָגישע געשיכטן פֿון פֿרין שינטאָאיזם, פֿון דעם שינטאָאיזם, וואָס איז נישט געמישט מיט בודיזם אָדער קאָנפֿוציאַניזם — גאַנץ באַזונדערע געביטן; — בקצור, מיט דעם, וואָס איז די ריינע און אָריגינעלע שאַפֿונג פֿון יאַפּאַנישן גייסט. די מערסטע מיטאָלאָגישע געשיכטן נעמ... איך פֿון דעם פֿריער־דערמאָנטן בוך קאָ־דזשי־קי, צווישן זיי אויך מעשהלעך, וואָס האָבן גאָרנישט צו טון מיט די געטער, ווי, אַ שטייגער, דאָס פּראַכטיקע מעשהלע „די קיניגין פֿון די פֿייערפֿליגן", אָבער זענען דאָך געקניפּט און געבונדן מיט דער שינטאָ־רעליגיע.

די שינטאָ־מיטאָלאָגיע איז אין די מערסטע פּרטים ענלעך צו די מיטאָלאָגיעס פֿון די אַנדערע פּאַגאַניסטישע פֿעלקער; אויך דאָ זעען מיר אַן איבערגאַנג פֿון די פּרימיטיווסטע נאַטור־געטער צו פּאַרמענטשלעכטע — פּערזאָניפֿיצירטע — געטער; אויך דאָ איז אַ צייט דער זון־גאָט (אין יאַפּאַן — אַ געטין) דער וויכטיקסטער גאָט. יאַפּאַן פּאַלט זיך צונויף מיט מצרים אין דער פֿאַרגעטערונג פֿון זייערע הערשער. פּונקט ווי די פּרעהס האָבן אָפּגעשטאַמט פֿון די געטער, אַזוי אויך שטאַמען די מי־קאַדאָס פֿון אַ געטלעכן מקור — פֿון דער זון־געטין... דער מי־קאַדאָ איז קאַמי (דאָס יאַפּאַנישע וואָרט פֿאַר גאָט), אָבער קאַ־מי זענען אויך געוויסע נאַטור־דערשיינונגען, דער ים, דער דו־נער און הויכע ערטער.

אָבער בעת ביי די עגיפּטער האָט אַ גרויסע — די גרעסטע — ראָל געשפּילט דאָס לעבן נאָכן טויט, איז

אין דער שינטאָ-מיטאָלאָגיע גאָרנישט געדאַכט וועגן אַ „יענער וועלט“, וועגן אַ לעבעדיקן גייסט, וואָס בלייבט נאָכן טויט פון גוף, ווי דאָס איז נישט דערמאָנט אין תנ״ך (וואָס דאָס איז נאָך אַ גרעסער חידוש, מחמת דאָס יידישע פאָלק איז דאָן פאַקטיש געבוירן געוואָרן אין מצרים). אין שינטאָ ווערט יאָ דערמאָנט דאָס ל אַ נ ד י אָ מ י — דאָס קיניגרייך פון טויט, אָבער דאָרט, זעט אויס, געפינען זיך בלויז געשטאָרבענע געטער. פון קיין מענטשן אין לאַנד יאָמי *) איז קיין סימן נישטאָ. דער מענטש, ווי ער דערשיינט אין שינטאָאיזם, איז לויטער חומר, לויטער גוף — און אַזוי זענען אויך די יאַפּאַנישע געטער **). ה ע ר ב ע ר ט ס פ ע נ ס ע ר ס גייסט-טעאָריע בנוגע דעם אנטשטיי פון רעליגיע האַלט נישט אויס אין יאַפּאַן און הינקט שטאַרק אונטער אויך אין אַנדערע פּאַגאַניסטישע לענדער. אויך האַלט דאָ נישט אויס די באַהויפּטונג, אַז „שרעק האָט באַשאַפן די ערשטע געטער“. עס איז גיכער, ווי ש י ל ע ר כאַראַקטעריזירט דעם פּאַגאַניזם פון גריכנלאַנד, אַ רעליגיע, וואָס איז אינספּירירט פון ליבע און דאַנקבאַרקייט.

אין דער שינטאָ-מיטאָלאָגיע איז אויך נישט צו מערקן

---

*) מערקווירדיק איז די ענלעכקייט צווישן י אָ מ י און דאָס אינדישע וואָרט י אַ מ אַ, וואָס מיינט אויך טויט, אָדער דער גאָט פון טויט.

**) אין טייל יאַפּאַנישע מעשהלעך פילט זיך יאָ אַ מיסטישער הויך, ווי, למשל, אין דעם מעשהלע „דער ווינט אין די סאָסנע-צווייגן“ און עס איז דאָרט אויך פאַראַן אָנצוהערעניש אויף גייסטיקייט, אויף גייסטיקן איבערבלייב נאָכן טויט, אָבער ס'איז אַזוי טונקל און אומבאַשטימט אַז רעדן וועגן השארת הנפש, אָדער וועלכע-ס'איז גייסטיקע עקסיסטענץ, אין דער יאַפּאַנישער מיטאָלאָגיע, איז אוממעגלעך.

קיין דייטלעכע מאָראַליש-עטישע פּרינציפּן. אָבער פון די מעשה-לעך קאָן מען לייכט ציען אַ מאָראַל, אַ מוסר-השכל, אַז גוטס-קייט, פריינדשאַפט, ליבע און זעלבסט-אויפאָפּפערונג זענען שיין פאַר יעדן מענטשן.

א. אלמי

דאָס לאנד יאָמי*)

פון די פּראַכטיקע וואָלקנס פון הויכן הימל, פון זיבּן געטלעכן טער, לעבנס־שטאָף און דאָס גרויסע אויפהאַלט־אָרט פון די אייביקע געטער, איז אַרויסגעקומען דאָס הימלישע פּאָר — איזאַנאַגי, זיין הערלעכקייט, דער גאָט פון איינלאַדונג, און איזאַנאַמי, איר הערלעכקייט, די דאַמע פון איינלאַדונג.

באַנאַנד זענען זיי געשטאַנען אויף דער שווימענדיקער בריק **) פון הויכן הימל און זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אונטן, וואו די נעפּלען האָבן זיך געדרייט אין צומישעניש אונטער זייערע פיס. וואָרים צו זיי איז געגעבן געוואָרן דער כח צו גרונטפעסטיקן און געבערן די לענדער פון תוהו אַרויס. און

*) דאָס לאַנד פון טויט.

**) רעגנבויגן.

צוליב דעם האָבן די הערלעכע כחות זיי געשאָנקען אַ הימלישן שפּיז, באַזעצט מיט איידלשטיינער. און די צווי געטער, שטייענדיק אויף דער שווימענדיקער בריק פון הימל, האָבן אַריינגעלאָזט די שפּיז אין כאַאָס, אַזוי אַז די טראָפּן זענען פאַרבאַנדערגעשיידט געוואָרן. און בשעת זיי האָבן געוואַרט, האָט דער ליאַק אַראָפּגעטריפט פון די איידלשטיינער אויפן שפּיזהענטל און דערפון איז געוואָרן אַן אינזל. דאָס איז דער אינזל אָנאָגאָראָ.

און זיין הערלעכקייט, דער גאָט איזאַנאַגי, האָט אָנגענומען ביי דער האַנט איר הערלעכקייט, די דאַמע פון איינלאַדונג, זיין ליבלעכע יונגערע שוועסטער און באַנאַנד האָבן זיי גענידערט צום אינזל, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, און זיי האָבן געמאַכט די אינזלען פון יאַפּאַן; דאָס לאַנד איאָ, וואָס ווערט גערופן די־ליבלעכע־פּרינצעסין; דאָס לאַנד טאָיאָ, וואָס ווערט גערופן גרויסאַרטיקע־זון־יוגנט; דאָס לאַנד סאַנוקי, וואָס ווערט גערופן גוטער־פּרינץ־געקאָכטע־רייז; און דאָס גרויסע לאַנד יאַמאַטאָ, דער וואונדערלעכער אינזל פון דער דראַגאָן־פליג; און נאָך אַ סך לענדער, וואָס זיי אויסצורעכענען איז נישט מעגלעך.

נאָך מער: זיי האָבן געבערן פיל מיריאַרדן געטלעכע וועזנס צו הערשן איבער דער ערד און דער לופט און דעם טיפן ים; און פאַר יעדן זמן זענען באַשאַפן געוואָרן געטער, און יעדעס אָרט איז הייליק געוועזן, וואָרים די געטער זענען געווען אין צאָל ווי די נאָדלען פון סאָסנע־ביימער.

נון, ווען די צייט איז געקומען פאַרן פייער־גאָט קאַגוטסוכי געבוירן צו ווערן, איז זיין מוטער, די געטלעכע דאַמע איזאַנאַמי, פאַרפלאַמט געוואָרן און געליטן. און זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן באָדן. דאַמאָלט האָט איזאַנאַגי געפרעגט:

„וואָס האָט געטראָפן, מיין ליבע יונגערע שוועסטער?"

און זי האָט געענטפערט, וויינענדיק: „די צייט פון מיין אָפשייד געגענט נאָענט... איך גיי אוועק צום לאַנד יאָמי".

און זיין הערלעכקייט איזאַנאַגי האָט אויפן קול געקלאָגט, גיסנדיק זיינע טרערן אויף אירע פיס און אויף איר קישן. און אלע זיינע טרערן זענען אראָפּגעפאַלן און געוואָרן געטער, די דאַמע איזאַנאַמי איז אָפּגעשיידט געוואָרן.

דאַמאָלט האָט זיין הערלעכקייט איזאַנאַגי געצאָרנט און הייבנדיק זיין פּנים צום הויכן הימל, האָט ער געשריגן: „אָ, דיין הערלעכקייט, מיין ליבע יונגערע שוועסטער, איך וואָלט ליבערשט געהאַט דיך, אַנשטאָט דאָסדאָזיקע קינד!"

און ציענדיק זיין צענפאַכיקע שווערד, וואָס איז געווען צוגעגאַרטלט צו אים, האָט ער געשאָכטן דעם פייער-גאָט, זיין קינד; און פאַרבינדנדיק זיינע לאַנגע האָר, איז ער נאָכגעגאַנגען דער דאַמע איזאַנאַמי צום טויער פון יאָמי, די וועלט פון די טויטע. און זי, וואָס זי האָט אויסגעזען אזוי ליב ווי ביים לעבן, איז ארויסגעקומען צו באַגריסן אים און זי האָט אויפגעהויבן די פאָרהאַנג פון דער טויטן-וועלט, כּדי זיי זאָלן קענען באַנאַנד שמועסן.

און דער גאָט איזאַנאַגי האָט געזאָגט: „איך בענק נאָך דיר, מיין ליבע יונגערע שוועסטער, און די לענדער, וואָס דו און איך האָבן מיר צוזאַמען באַשאַפן, זענען נאָך נישט פאַרענדיקט, דעריבער קום צוריק".

דאַן האָט די דאַמע געענטפערט, זאָגנדיק: „מיין זיסער האַר און מיין מאַן, עס איז זייער טרויעריק וואָס דו ביסט נישט שנעלער געקומען צו מיר, ווארים איך האָב געגעסן פון דעם געבאַקטן פלייש פון יאָמי. דאָך, אזוי ווי דו האָסט מיך אזוי ליבלעך באַערט מיט דיין קומען אַהער, מיין טייערער על-

טערער ברודער, וועל איך, אויב איך מעג, גיין מיט דיר. איך גיי איבערגעבן מיין בקשה צו די געטער פון יאָמי. וואַרט דאָ ביז איך קער זיך צוריק, און אויב דו האָסט מיך ליב, פאַרגעביר נישט צו קוקן אויף מיר, ביז די צייט קומט״. אזוי האָט זי גערעדט און אים פאַרלאָזן.

איזאַנאַגי איז געזעסן אויף אַ שטיין ביים אַריינגאַנג פון דער טויטן-וועלט, ביז די זון איז געזונקען און עס איז אים לאַנגווייליק געווען אין טאָל פון פינצטערניש. און ווייל זי האָט זיך לאַנג פאַרזאַמט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און ער האָט אַרויסגענומען אַ קאַם פון דעם לינקן צאָפּ פון זיינע האָר און דער-פון אַרויסגעבראָכן אַ צאָן און אָנגעצונדן אים פאַר אַ שטורקאַץ. ער האָט אָוועקגעשאַרט די פאָרהאַנג פון דער טויטן-וועלט, אָבער ער האָט געזען זיין באַליבטע ליגן אין פאַרדאַרבעניש און אַרום איר זענען געווען די אַכט געטער פון די דונערן. זיי זענען: דער פייער-דונער און דער שווארצער דונער און דער שפּאַלטנ-דיקער דונער און דער ערד-דונער און דער ברומענדיקער דונער און דער ליגנדיקער דונער און דער יונגער דונער. און ביי איר שרעקלעכן קאָפּ איז געווען דער גרויסער דונער.

און איזאַנאַגי, באַפאַלן פון פחד, האָט זיך געקערט צו אַנטלויפן, אָבער איזאַנאַמי איז אויפגעשפּרונגען און געשריגן: „דו האָסט מיך באַדעקט מיט חרפּה, וואָרים דו האָסט מיך גע-זען אין מיין פאַרדאַרבעניש. אַצונד וועל איך זען דיינע.״

און זי האָט גערופן די מוראדיקע נקבות פון יאָמי און זיי גע-הייסן צו טייטן זיין הערלעכקייט איזאַנאַגי. אָבער ער איז געלאָפן, צו ראַטעווען זיין לעבן, אין דער פינצטערניש איבער די פעלזן פון דעם טאָל פון יאָמי, און רייסנדיק די טרויב-געפלעכטן פון זיי-נע לאַנגע האָר, האָט ער זיי געשליידערט הינטער זיך און זיי זענען געפאַלן צו דער ערד און געוואָרן בינטלעך ווייַנטרויבן,

וואָס די מוראדיקע נקבות האָבן זיך אָפּגעשטעלט זיי צו פאַר־צערן. און ער איז ווייטער געלאָפן, אָבער די נקבות פון יאָמי זענען אַלץ נאָכגעלאָפן; דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ געדיכט־צייניקן קאַם פון זיינע לאָקן, אויף דער רעכטער זייט פון זיי־נע לאַנגע האָר, און אים געוואָרפן הינטער זיך. ווען ער איז געפאַלן אויף דער ערד, איז דערפון געוואָרן אַ וואַלד פון באַמ־בו־שפּראָצן — און ווידער האָבן די נקבות זיך אָפּגעשטעלט, זיי צו פאַרצערן. און איזאַנאַגי איז ווייטער געלאָפן פאַרסאָפּעט.

אָבער, אין גרימצאָרן און פאַרצווייפלונג, האָט זיין יונגע־רע שוועסטער נאָכגעשיקט נאָך אים די אַכט דונערן, באַנאַנד מיט אַ טויזנט און פינף הונדערט קריגסלייט פון דער טויטן־וועלט; אַצונד האָט איזאַנאַגי געצויגן זיין צענפאַכיקע שווערד, וואָס איז געווען צוגעגאַרטלט צו אים, און געפאָכטן הינטער זיך, ביז ער האָט געגרייכט דעם שייד־וועג פון דער טויטן־וועלט, דאָס שוואַרצע מויל פון יאָמי. און ער האָט אָראָפּגעריסן דריי פלוימען, וואָס זענען געוואַקסן אויף אַ בוים און זיי געשליידערט אויף זיינע שונאים, אַזוי אַז זיי זענען אַלע אַנטלאָפן — — און די פלוימען זענען אָנגערופן געוואָרן געטלעכע פרוכט.

צום לעצט איז זיין יונגערע שוועסטער אַליין געקומען זיך נוקם צו זיין. האָט איזאַנאַגי גענומען אַ פעלז, וואָס איי[illegible] וואָלטן אַ טויזנט מענטשן נישט געקענט אויפהייבן, און ער האָט אים געלייגט אויפן וועג. און שטייענדיק הינטערן פעלז, האָט ער צו איר גערופן די רייד פון אָפּשיי. אָבער פון דער אַנדע־רער זייט פעלז האָט זי גערעדט: „מיין ליבער עלטערער ברו־דער; דיין הערלעכקייט, פון קליינעם נוץ זאָל זיין דיין מאַכן לענדער און דיין באַשאַפן געטער, וואָרים מיט מיין כח וועל איך יעדן טאָג דערוואָרגן אַ טויזנט פון דיינע לייט“.

אַזוי האָט זי געשריגן.

אָבער ער האָט געענטפֿערט: „מיין ליבע יונגערע שוועסטער, דיין הערלעכקייט, אויב דו טוסט אַזוי, וועל איך מאַכן, אַז אין איין טאָג זאָל געבוירן ווערן פֿופֿצנהונדערט‟.

אַזוי ווערט איר הערלעכקייט גערופֿן די קיניגין פֿון די טויטע.

אָבער דער גרויסער האַר, זיין הויכקייט, האָט זיך געזעגנט, רופֿנדיק: „שרעקלעך! שרעקלעך! שרעקלעך! איך בין געקומען אין אַן אימהדיק און טומאהדיק לאַנד! איך בין געקומען אין אַן אימהדיק און טומאהדיק לאַנד!‟ און ער האָט זיך שטיל אַנידערגעלייגט ביים טייך־ברעג, וואַרטנדיק צוריקצוקומען צו די כּחות און זיך לייטערן.

א. אלפי

סוסאַ, דער שטורמישער

ווען איזאַנאַגי האָט זיך צוריקגעקערט פון דעם אומרייִנעם אָרט און זיך געזעגנט מיט יאָמי, די וועלט פון די טויטע, האָט ער נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס לאַנד פון פרישע רייז-זאַנגען און ער איז געווען צופרידן. און ער האָט גערוט ביים ברעג פון אַ קלאָרן טייך, כּדי זיך דאָרט צו טובלען.

און איזאַנאַגי האָט זיך געטיבלט אין אויבערשטן וואַסער, אָבער ער האָט געזאָגט: „דאָס וואַסער פון אויבן איז צו האַסטיק". דאַן האָט ער זיך געטובלט ביים נידעריקן ברעג, אָבער ער האָט געזאָגט: „דאָס וואַסער פון נידעריקן ברעג איז צו פּאַמעלעך". איז ער צום דריטן מאָל אַראָפּגעגאַנגען און זיך געטובלט אין מיטן טייך. און בעת דאָס וואַסער איז גערונען פון זיין פּראַכטיק פּנים, זענען דריי הערלעכע גאָט-וועזנס באַשאַפן געוואָרן: אַמאַ-טעראַסו, די גלאָריע פון די הויכע הימלען *); טסוקי-יאָמי-נאָ-קאַמי, דער לבנה נאַכט-הערשער

*) די זון, די זון-געטין.

און סוסאַ, דער שטורמישער, דער גאָט פון ים.

דאַמאָלט האָט איזאַנאַגי זיך געפרייט, זאָגנדיק: „זעט די דריי הערלעכע קינדער, וואָס זענען מיין און וואָס זאָלן אויך הערלעך זיין אויף אייביק". און אַראָפּנעמענדיק די גרויסע שנור מיט איידלשטיינער פון זיין האַלז, האָט ער זי אָנגעטון אויף אַ־אַ־טעראַסו, די שטראַלנדיקע, און צו איר געזאָגט: „דו, הער־לעכע, רעגיר דעם פּליין פון די הויכע הימלען, שיינענדיק מיט דיין שיינקייט בייטאָג". זי האָט גענומען דאָס בלענדיקע צירונג און עס באַהאַלטן אין דעם שאַץ־קאַמער פון די געטער.

און איזאַנאַגי האָט באַפוילן טסוקי־יאָמי־נאָ־קאַמי, זאָגנדיק: „זאָל דיין הערלעכקייט רעגירן דאָס קיניגרייך פון דער נאַכט".

און צום יונגסטן פון די געטלעכע ווערזנס האָט זיין הער־לעכקייט, דער גאָט איזאַנאַגי, געגעבן דעם ים.

אַזוי האָט אַמאַ־טעראַסו געוועלטיקט בייטאָג און טסוקי־יאָ־מי־נאָ־קאַמי האָט געהערשט איבער דער נאַכט. אָבער סוסאַ, דער שטורמישער, האָט זיך געשליידערט אויפן גרונט און מוראדיק געיאָמערט. ער האָט געזאָגט: „אָ, ווי שלעכט עס איז צו וואוינען שטענדיק אין די גרענעצן פון קאַלטן ים!" און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן און ער האָט גענומען די פייכטקייט פון טאָל פאַר זיינע טרערן, אַזוי אַז די גרינע ערטער האָבן פאַר־וועלקט און די טייכן און שטראָמען האָבן אויסגעטרוקנט, שלעכ־טע געטער האָבן זיך געמערט און געדרייעט און בשעת זיי האָבן זיך פאַרקליבן אויף דער ערד, האָבן זיי געמאַכט אַ גערויש, ווי דאָס רוישן פון די פליגן בשעת דער פינפטער לבנה (חודש) און ווייט און ברייט האָבן זיך געזען צייכנס פון אומגליק.

דאַמאָלט איז זיין פאָטער, איזאַנאַגי, אַראָפּגעקומען און געשטאַנען לעבן אים אַ צאָרניקער און געזאָגט: „וואָס איז דאָס,

וואָס איך זע און הער? פאַרוואָס רעגירסטו נישט דאָס קיניגרייך, וואָס איך האָב דיר איבערגעגעבן, נייערט דו ליגסט דאָ, ווי אַ קינד, מיט טרערן און געיאָמער? ענטפער״.

און סוסאַ, דער שטורמישער, האָט געענטפערט: „איך קלאָג, ווייל איך בין אומגליקלעך און האָב נישט ליב אָט דאָס אָרט, אָבער איך וואָלט אַוועק צו מיין מוטער, וואָס זי רעגירט דאָס וויטע נידערלאַנד און וואָס זי ווערט גערופן די קיניגין פון יאָמי, די וועלט פון די טויטע.

האָט איזאַנאַגי געצאָרנט און האָט אים פאַרטריבן מיט אַ געטלעכן שפּרוך און האָט אים באַפוילן זיך אָפּצושיידן און מער נישט צו ווייזן זיין פּנים.

און סוסאַ, דער שטורמישער, האָט געענטפערט: „אַזוי זאָל עס זיין. אָבער פריער וויל איך אַרויפשטייגן צום הימל און נעמען אָפּשייד פון איר הערלעכקייט, מיין שוועסטער, וואָס זי איז דער גלאַנץ פון די הימלען און דערנאָך וועל איך אַוועק״.

אַזוי איז ער געשטיגן צום הימל מיט אַ גערויש און אַ גרויסע פלינקייט, און בעת זיין שטייגן האָבן אַלע בערג זיך געטרייסלט און אַלע לענדער האָבן זיך געשאָקלט. און אַמאַ-טעראַסו, דאָס ליכט פון די הימלען, האָט אויך געציטערט און געזאָגט: „דאָסדאָזיקע קומען פון זיין הערלעכקייט, מיין ברו-דער, איז נישט מיט קיין גוטער כּוונה, נייערט ער וויל פאַר-כאַפּן מיין באַזיץ און נעמען עס מיט כּח. בלויז דערפאַר קומט ער אין הימל אַריין.״

און זי האָט צונומען אירע האָר, וואָס זענען געהאַנגען איבער אירע אַקסלען און זי האָט זיי פאַרפאָכטן אין צוויי פּראַכטיקע צעפּ, לינקס און רעכטס, און זיי באַצירט מיט איידל-שטיינער. זי האָט געמאַכט איר קאָפּ ווי דעם קאָפּ פון אַ יונגן

קריגסמאַן. און זי האָט אויפן פלייצע פאַרוואָרפן אַ גרויסן בויגן און אַ שייד מיט פיילן, טויזנט מיט פינף הונדערט פיילן, און זי האָט גענומען אין האַנט אַ באַמבו-שטעקן און מיט אים גע-טרייסלט און זי האָט מיט אירע באַוואָפנטע פיס געטופּעט אויף דער ערד, אַזוי אַז די ערד איז געפלויגן ווי צושאָטענער שניי. אָט אַזוי איז זי געקומען צום ברעג פון רואיקן הימל-טייך און געשטאַנען אַ בראָווע, ווי אַ מאַכטיקער מאַן און געוואַרט.

און סוסאַ, דער שטורמישער, האָט גערעדט פונדערווייטן: „מיין ליבע שוועסטער, דיין הערלעכקייט, פאַרוואָס קומסטו אַרויס אַזוי באַוואָפנט אַנטקעגן מיר?"

און זי האָט געענטפערט: „נון, פאַרוואָס שטייגסטו העכער?"

און סוסאַ האָט געזאָגט: „עס איז נישטאָ קיין שום בייז אין מיין מח. דערפאַר, וואָס איך האָב געוואונטשן צו וואוינען אין דעם לאַנד פון יאָמי, האָט מיין פאָטער מיך פאַרטריבן מיט אַ געטלעכן שפרוך און איך האָב געוואָלט נעמען אָפּשייד פון דיר. דעריבער בין איך אַרויפגעשטיגן העכער. איך האָב נישט קיין שלעכטע כוונה."

און זי, אָנשטעלנדיק אירע גרויסע אויגן אויף אים, האָט געזאָגט: „שווער".

און ער האָט געשוואוירן ביי דער צענפאַכיקער שווערד, וואָס איז געווען צו אים צוגעגאַרטלט, און דערנאָך האָט ער געשוואוירן ביי די איידלשטיינער אין אירע האָר. דאַמאָלט האָט זי אים דערלויבט אַריבערצוגיין איבער דעם רואיקן הימל-טייך און אויך אַריבערצוגיין איבער דער שווימענדיקער בריק. אַזוי אַרום איז סוסאַ, דער שטורמישער, אַריינגעקומען אין דעם קי-ניגרייך פון זיין שוועסטער, די זון-געטין.

אָבער זיין ווילדער גייסט האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט

צו שטורמען. און ער האָט געפּלינדערט די שיינע לענדער פון אַמאַ-טעראַסו און ער האָט צושטערט די רייז-פעלדער, וואָס זי האָט פאַרזייט אין די גרובנס. נאָך האָט דאָס ליכט פון הימל נישט געבייזערט זיך אויף אים, נייערט געזאָגט: „זיין הערלעכ-קייט, מיין ברודער, גלויבט, אַז רייז דאַרף פאַרזייט ווערן אומעטום, אָן אונטערשייד”. אָבער סוסאָ, דער שטורמישער, נישט גערירט פון אירע רייד, האָט ווייטער געטון זיינע בייזע מעשים און ער איז געוואָרן אַלץ ווילדער און ווילדער.

אַצונד, אַז די גרויסע זון-געטין האָט זיך מיט אירע יונג-פרויען געזעצט אין דעם וועב-קאַמער פון הויכן הימל, און ער האָט געזען ווי מען וועבט די פּראַכטיקע קליידער פון די געטער, האָט דער ברודער געמאַכט אַ ריזיקן שפּאַלט אין דאַך פון וועב-קאַמער און דורך דעם שפּאַלט האָט ער אַריינגעלאָזט אַ הימליש פלעקן-פערד. און דאָס פערד איז געפלויגן העכער און נעענטער מיט אימה און געבראַכט אַ גרויס פאַרוויסטעניש צווישן די וועב-שטולן און די וועבערינס, און סוסאָ אַליין איז נאָכגע-לאָפן, ווי אַ ווירבער-שטורעם, און ווי אַ שטורעם פון וואַסער וואָלט פאַרפלייצט דעם קאַמער, און אומעטום איז געווען צומישעניש און שרעק. און די זון-געטין אַליין איז באַשעדיקט געוואָרן מיטן וועב-שיפל. אַזוי אַז זי איז מיט אַ געשריי אַרויס-געלאָפן פון הויכן הימל און זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייל; און זי האָט מיט אַ שטיין צוגעדעקט דאָס מויל פון דער הייל.

דאַמאָלט איז פינצטער געווען דער פליין פון הויכן הימל און שטאָק-פינצטער איז געווען דאָס הויפּטלאַנד פון די ראָר-פליינען און אייביקע נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט. די קולות פון די געטער, וואָס האָבן געוואַנדערט איבערן פּנים פון דער ערד, זענען געווען ווי פון פליגן בשעת דער פינפטער לבנה, און פון נאָענט און ווייט האָבן זיך געזען די צייכנס פון אומ-

גליק. דעריבער האָבן די אַכט הונדערט מיריאַרדן געטער זיך אויפגעקליבן אויפן טרוקענעם ברעג פון רואיקן הימל־טייך *) כדי צו באַראָטן זיך וואָס צו טון. און זיין הערלעכקייט, דער גאָט פון טיפע מחשבות, האָט געגעבן באַפעלן.

זיי האָבן צונויפגערופן די זינג־פייגל פון דער אייביקער נאַכט און זיי האָבן גערופן אַמאַ־טסו־מאַראַ, דעם געטלעכן שמיד, און אים געהייסן מאַכן אַ שפיגל פון ווייסן שטאָל. און זיי האָבן געהייסן טאַמאַ־נאָיאַ־נאָ־מיקאָטאָ, אַז ער זאָל צו־נויפבינדן אַ סך הונדערטער קאַרבירטע איידלשטיינער. און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט אַ הייליקן בוים מיט פינף הונדערט צווייגן און זיי האָבן צעהאַנגען די איידלשטיינער אויף די צווייגן פון בוים און זיי האָבן אויפגעהאַנגען דעם שפיגל. אַלע נידעריקע צווייגן האָבן זיי באַדעקט מיט מתנות, בענדער ווייסע און בענדער בלאָע, און זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דעם בוים לעבן דעם שטיין, וואָס ער האָט באַדעקט די הייל, וואו די זון־געטין איז געווען. באַלד האָבן די פאַרזאַמלטע פייגל געזונגען. דאַן איז געקומען אַ געטלעכע יונגפרוי פון גרויס רום, וואָס צו דער שיינקייט און געשיקטקייט פון איר טאַנצן האָט זי נישט קיין גלייכן, נישט אין דעם לאַנד פון די רייז־זאַנגען און נישט אויפן פליין פון הויכן הימל, און זי האָט זיך געשטעלט ביי דער הייל־טיר און איר קאָפּ איז באַצירט געווען מיט בלעטער פון דעם שפינדל־בוים און מיט בלומען פון גאָלד און מיט בלומען פון זילבער, און אַ גאַרב פון גרין באַמבו־גראָז איז געווען אין אירע הענט. און זי האָט געטאַנצט פאַר דער הייל־טיר, ווי אַ פאַרכשופטע, וואָרים הימל און ערד האָבן נאָך נישט געזען אַ גלייכן צו איר טאַנצן. עס איז געווען ליבלעכער ווי די סאָסנע־שפיצן, וואָס פלאַטערן אין ווינט, אָדער ווי דאָס שווימען פון דער ים־שוים, און דער

*) מילך־וועג.

וואָלקן, וואָס לויפט איבערן הויכן הימל, קאָן נישט פאַרגליכן ווערן דערצו. און די ערד האָט געציטערט און דער הויכער הימל האָט זיך געטרייסלט, און די אַכט הונדערט מיריאַרדן גע-טער האָבן באַנאַנד געלאַכט.

נון, אַמאַ-טעראַסו, דער גלאַנץ פון הימל, איז געלעגן אין דער פעלזן-הייל און דאָס העלע ליכט האָט געשטראָמט פון איר ליטער לייב אין שטראַלן, אַזוי אַז זי איז געווען ווי אַגרויסער און טייערער איידלשטיין. און קוואַלן וואַסער האָבן געשימערט אין דעם דיל פון דער הייל און דער שליאַם אויף די ווענט האָט געפינקלט מיט אַ סך קאָלירן און די קליינע געוויקסן צווישן די פעלזן האָבן געבליט אין דער היץ און די הימלישע דאַמע איז געלעגן פאַרזונקען אין שלאָף. דאַמאָלט האָט דאָס געזאַנג פון די אייביקע זינג-פייגל זי אויפגעוועקט און זי האָט זיך אויפגעהויבן און זי האָט צוריק פאַרוואָרפן אירע האָר איבער די אַקסלען, זאָגנדיק:

„ווײ, די אָרימע פייגל זינגען אין דער לאַנגער נאַכט!" און דאָ האָט געגרייכט צו איר דער קלאַנג פון טאַנצן און דאָס רוישיקע הוליען און דאָס פרייליכקייט פון די געטער. איז זי שטיל געוואָרן און געהאָרכט. און זי האָט דערפילט ווי דער פליין פון הויכן הימל טרייסלט זיך און זי האָט געהערט ווי די אַכט הונדערט מיריאַרדן געטער לאַכן באַנאַנד. און זי האָט גענענט צו דער טיר פון דער הייל און זי האָט אַביסל אַוועק-גערוקט דעם גרויסן שטיין, איז אַ שטראַל ליכט געפאַלן אויף דער טאַנצנדיקער יונגפרוי, אָבער די אַנדערע געטער זענען נאָך געווען אין פינצטערניש און זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן און שטיל געווען. דאַמאָלט האָט גערעדט דער ליכטי-קער גלאַנץ פון הימל: „איך האָב געמיינט, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך באַהאַלטן, וועט דער פליין פון הויכן הימל

דיין פינצטער און שטאָק־פינצטער דאָס הויפּטלאַנד פון די ראָר פּליינען. איז ווי אַזוי איז די יונגפרוי געקומען, באַצירט מיט באַר־אַנדן? און פאַרוואָס לאַכן באַנאַנד די אַכט הונדערט מיר־יאַרדן געטער?״

דאַמאָלט האָט די טאַנצנדיקע יונגפרוי געענטפערט: „אָ, דיין הערלעכקייט, וואָס דו ביסט אַ זיס דערקוויקעניש צו אַלע גע־טער, זע ווי די געטלעכע יונגפרויען זענען באַדעקט מיט בלו־מען און די געטער זענען פאַרזאַמלט. מיר פרייען זיך און מיר זענען צופרידן, וואָס עס איז דאָ אַ געטין, וואָס זי איז פּראַכ־טיקער פון דיר.״

און אַמאַ־טעראַסו האָט געהערט און געצאָרנט. און זי האָט פאַרדעקט איר פנים מיט אירע לאַנגע אַרבל, כדי די געטער זאָלן נישט זען אירע טרערן; און די טרערן זענען געפאַלן ווי פאַלנדיקע שטערן. דאָס יונגוואַרג פון הימל־הויף איז געשטאַנען ביים בוים, וואָס אויף אים איז געהאַנגען דער שפּיגל, געמאַכט פון אַמאַ־טסו־מאַראַ, דעם געטלעכן שמיד, און דאָס יונגוואַרג האָט גערופן: „דאַמע, זע און באַטראַכט דעם נייעם פּראַכט פון הימל!״

און אַמאַ־טעראַסו האָט געענטפערט: „ניין, איך וועל נישט קוקן.״ יעדאָך האָט זי אַוועקגעשאַרט די אַרבל, וואָס האָבן פאַר־דעקט איר פנים, און געקוקט אין שפּיגל. און זי האָט געקוקט און געקוקט און זי איז פאַרבלענדט געוואָרן פון איר אייגענער שיינקייט, וואָס דערצו איז נישטאָ קיין גלייכן, און פאַמעלעך איז זי אַרויסגעקומען פון דער הייל און דאָס ליכט פון איר פנים האָט פאַרפלייצט דעם הויכן הימל און אונטן האָבן די רייז־זאַנגען געפלאַטערט און די ווילדע יאַגדע האָט זיך שנעל צעבליט. און אַלע געטער האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און געמאַכט אַ רינגל־ראָד אַרום אַמאַ־טעראַסו, די געטין פון

דער זון, און די טיר פון דער הייל האָט מען פאַרמאַכט. דאַמאָלט האָט די טאַנצנדיקע יונגפרוי געזונגען: „אָ, דאַמע, דיין הערלעכקייט, ווי קאָן געבוירן ווערן אַ גאָט, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דיר, דו גלאָריע פון הימל?"

אַזוי האָבן זיי מיט שמחה געטראָגן די געטין צו איר אָרט.

אָבער סוסאַ, דער פלינקער, דער בראַווער, דער שטורמישער, דער לאַנג-האָריקער, דער דריימאָל-אומגליקלעכער, דער גאָט פון ים — אים האָבן די געטער גערופן צו אַ משפט ביים טרוקענעם ברעג פון רואיקן הימל-טייך. און זיי האָבן זיך באַראָטן און אים באַשטראָפט מיט אַ גרויסער שטראָף. און אָפשערנדיק אים זיינע לאַנגע האָר, וואָס זענען געוועזן זיין שיינקייט און זיין שטאָלץ (וואָרים זיי זענען געווען בלאָ-שוואַרץ ווי אַן איריס און אַראָבגעהאָנגען ביז איבער די קני), האָבן זיי אים אויף אייביק פאַרטריבן פון הימל.

האָט סוסאַ אויף דער שווימענדיקער בריק געניידערט צו דער ערד, מיט ביטערניש אין זיין האַרץ — — — און אַ סך טעג האָט ער געוואַנדערט אַ נידערגעשלאָגענער און נישט געוואוסט וואוהין. ער איז פאַרבייגעגאַנגען לויטערע רייז-פעלדער און וויסטע סטעפּעס, אָבער גאָרנישט געזען. צום סוף האָט ער זיך געזעצט רוען ביים ברעג פון דעם טייך, וואָס מען רופט אים הי און וואָס געפינט זיך אין דער געגנט איזומאָ.

און ווי ער איז אַזוי געזעסן נידערגעשלאָגן, דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף זיין האַנט, און אַריינגעקוקט אין וואַסער, האָט ער דערזען אַ האָלץ-קלאָפּטער שווימענדיק אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער. איז סוסאַ שנעל אויפגעשפּרונגען, זאָגנדיק: „דאָרט זענען דאָ מענטשן, אויף דער אַנדערער זייט טייך". און אַז ער איז געקומען אויף דער אַנדערער זייט און ער איז אָפּגעגאַנגען נישט

קיין סך וועג, האָט ער צווישן דעם ראָר און די ווערבעס בײַם וואַסער-ברעג געפונען אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט געיאָמערט און געקלאָגט מיט גרויס שמאַרץ. און עס איז מיט אים געווען אַ דאַמע פון דערהויבענעם אויסזען און שיינקייט, ווי די טאָכטער פון אַ גאָט; אָבער אירע ליכטיקע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט אַ סך טרערן און זי האָט כּסדר געזיפצט און געבראָכן אירע הענט. און די צוויי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ יונג מיידל מיט אַ זייער שלאַנק און איידל געשטאַלט, אָבער איר פּנים האָט סוסאַ נישט געקענט זען, וואָרים עס איז געווען באַדעקט מיט אַ שלייער. און זי האָט יעדע ווײַל געציטערט מיט שרעק, אָדער עפּעס געמורמלט צום אַלטן מאַן, אָדער געצויגן די דאַמע בײַם אָרבל.

און סוסאַ, שטאַרק פאַרוואונדערט, האָט גענענט און געפרעגט דעם אַלטן מאַן: „ווער ביסטו?"

און דער אַלטער מאַן האָט געענטפערט: „חייס, מיין האַר, אַז איך בין אַן ערדישער גאָט, וואָס האָט אַ שם, און איך בין געווען דער פאָטער פון אַכט ליכטיקע טעכטער. אָבער אַן אומגליק איז געקומען אויפן לאַנד, וואָרים יעדעס יאָר אין דער דאָזיקער צייט ווערט עס פאַרוויסט דורך אַ מאָנסטער, די אַכט-שפּיציקע שלאַנג קאָשי, וואָס קוויקט זיך מיטן פלייש פון יונגע בתולות. אין זיבן יאָר זענען מיינע זיבן זיסע קינדער פאַרצוקט געוואָרן און אַצונד איז געקומען די צייט פאַר מיין יונגסטער טאָכטער. דעריבער קלאָגן מיר, אָ, דיין הערלעכקייט".

דאַמאָלט האָט סוסאַ, דער שטורמישער, געזאָגט: „ווי איז דאָס אויסזען פון דעם מאָנסטער?"

און די בערג-געטער האָבן געענטפערט: „זיינע אויגן זענען מוראדיק און רויט, ווי די ווינטער-יאַגדע; ער האָט בלויז איין גוף מיט אַכט הויט און אַכט שאַרפע עקן. נאָך מער: אויף זיין

גוף וואַקסט מאָך און אייך שישקעס פון וואַלד. בשעת ער גייט באַדעקט זיין גוף אַכט טאָלן און אַכט בערג און דאָס אונטער־שטע חלק פון זיין גוף איז רויט און בלוטיק".

און דער גאָט סוסאַ, דער שטורמישער, האָט אויסגערופן: „מיין האַר, גיב מיר דיין טאָכטער".

און דער ערדישער גאָט האָט געזען זיין גבורה און זיין גרויסע שיינקייט און דאָס ליכטיקייט פון זיין פנים, און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ גאָט, האָט ער געזאָגט: „מיט דעם גרעסטן כבוד ענטפער איך זי איבער צו דיר, כאָטש איך ווייס נישט דיין הערלעכן נאָמען".

און סוסאַ האָט געענטפערט: „איך בין סוסאַ, דער ים־גאָט, דער פאַרטריבענער פון הויכן הימל."

און דער באַרג־גאָט און אויך זיין ליכטיק ווייב האָבן גע־רעדט, זאָגנדיק: „אַזוי זאָל עס זיין, דיין הערלעכקייט, נעם דאָס יונגע מיידל".

און גלייך האָט סוסאַ אַראָפּגעריסן איר שלייער און גע־זען דאָס פנים פון זיין כלה, בלאַס ווי די לבנה ווינטער־צייט, און ער האָט באַרירט איר שטערן, זאָגנדיק: „ליכטיקע און באַ־ליבטע, ליכטיקע און באַליבטע!"

און דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט צוליב איר אָפּגע־דעקט פנים און ער האָט נאָכאַמאָל געזאָגט: „ליבע און פּראַכ־טיקע, פון היינט־אָן זאָלן מיר האָבן פרייד. אַצונדער לאָמיר מער נישט זאָמען".

ער האָט באַלד גענומען דאָס מיידל און זי פאַרוואַנדלט אין אַ קרוין פאַר זיין קאָפּ און ער האָט מיט שיינקייט גע־טראָגן די קרוין. און דערנאָך האָט ער געלערנט דעם ערדישן גאָט און באַנאַנד האָבן זיי געמאַכט דאָס סאַקע־געטראַנק און

זיי האָבן דערפֿון אָנגעגאָסען אַכט צעבערס, און געוואַרט. דאַ־מאָלט האָט זיך דערהערט אַ מוראדיק גערויש, ווי דאָס גערויש פֿון אַן ערדציטערניש און די בערג און טאָלן האָבן זיך גע־טרייסלט. און די שלאַנג האָט זיך געקנוילט, ריזיק און אימה־דיק, אַזוי אַז די ערדישע געטער האָבן באַהאַלטן זייערע פּנימער פֿון שרעק. אָבער סוסאַ, דער שטורמישער, האָט באַטראַכט די שלאַנג, האַלטנדיק זיין שווערד געצויגן.

נון, די שלאַנג מיט די אַכט קעפּ האָט באַלד אַריינגע־טון אַ קאָפּ אין יעדן צעבער מיט סאַקע־געטראַנק און לאַנג גע־טרונקען. דערפֿון איז די שלאַנג שכּור געוואָרן און די קעפּ זע־נען אַראָפּגעזונקען און איינגעשלאָפֿן.

דאַמאָלט האָט דער גאָט סוסאַ אַ שווינג געטון זיין צען־פּאַכיקע שווערד און זי אַראָפּגעלאָזט אויפֿן מאָנסטער און מיט אַכט מאַכטיקע קלעפּ האָט ער אַראָפּגעהאַקט די אַכט קעפּ. אַזוי איז די שלאַנג געטייט געוואָרן מיט אַ מוראדיקן טויט, און דער טייך הי איז געפֿלאָסן מיט בלוט. און סוסאַ האָט אויך אָפּ־געשניטן די עקן פֿון דער שלאַנג און ווען ער האָט אַ שלאָג גע־טון איבערן פֿערטן עק איז זיין שווערד צובויגן געוואָרן. האָט ער געשטאָכן מיטן שפּיץ און ער האָט געפֿונען אַ גרויסע ברי־ליאַנטענע שווערד, און אַזוי שאַרף, וואָס קיין שמיד קאָן אַזוינס נישט מאַכן. האָט ער גענומען די שווערד און זי געשיקט אַ מתּנה צו דער זון־געטין, זיין הערלעכע שוועסטער.

און סוסאַ, דער שטורמישער, האָט זיך אויפֿגעבויט אַ פּאַ־לאַץ אין דער געגנט, וואָס ווערט גערופֿן סוגאַ, און דאָרט געוואוינט מיט זיין באַליבטער. און די וואָלקנס פֿון הימל זענען געהאָנגען ווי גאַרדינען איבער דעם פּאַלאַץ. דאַמאָלט האָט דער גאָט סוסאַ געזונגען דאָסדאָזיקע געזאַנג:

ש. שלמי

וואלקנס א סך גייען אויף,
זיי איילן אהער און אהין
און מאכן א פילפאן גארדין
פאר אונז, פאר דעם חתונה־פאר —
פארשטעלט אונז א פילפאן גארדין...

דער גוטער דונער

מענטשן זאָגן, אַז ריי־דען, דער דונער, איז אַ שלעכטער גייסט, פול מיט פּחד און נקמה, גרויזאַם צום מענטש. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן שטאַרק מורא פאַרן שטורעם און וואָס האָבן פיינט בליצן און זאַווערוכעס; זיי רעדן אַלדאָס־בייז וועגן ריי־דען און וועגן ריי־טאַראָ, זיין זון. אָבער זיי זענען זיך טועה.

ריי־דען־סאַמאַ וואוינט אין אַ שלאָס פון וואָלקנס, הויך אין דעם בלאָען הימל. ער איז אַ גרויסער און מאַכטיקער גאָט, דער האַר פון די יסודות. ריי־טאַראָ איז זיין איינציקער זון, אַ בראַוו יינגל, און זיין פאָטער האָט אים ליב.

אין דער קילקייט פון אָוונט האָבן ריי־דען און ריי־טאַראָ געשפּאַצירט איבער די פעסטונג־ווענט פון וואָלקן־שלאָס און פון דאָרט באַטראַכט די טאָונגען פון די מענטשן אויפן לאַנד פון די ראָר־פליינען. זיי האָבן געקוקט צום צפון און דרום און מזרח און מערב; אָפט האָבן זיי געלאַכט — אָ, זייער אָפט;

טיילמאָל האָבן זיי געזיפצט. צייטנווייז האָט ריי-טאַראָ זיך שטאַרק איבערגעבויגן איבער די שלאָס-ווענט, כּדי צו זען די מענטשנ-קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אַהין און צוריק אויף דער ערד.

איינמאָל, ביינאַכט, האָט ריי-דען געזאָגט צו ריי-טאַראָ: „מיין קינד, היינטיקע נאַכט באַטראַכט גוט די טואונגען פון די מענטשן!"

פון דער צפונדיקער וואַנט האָבן זיי אַראָפּגעקוקט און זיי האָבן געזען גרויסע שרים און באַוואָפנט מיליטער, גייענדיק אויף מלחמה. פון דער דרומדיקער וואַנט האָבן זיי געזען פּריסטער און אויבער-פּריסטער אין אַ הייליק טעמפּל, וואו די לופט איז געווען פאַרוואָלקנט פון ווייראוך און פיגורן פון גאָלד און פון בראָנז האָבן געשימערט אין טונקעלען שיין. פון דער מזרחדיקער וואַנט האָבן זיי געזען אַ געצעלט, וואו עס איז געווען אַ שיינע פּרינצעסין און יונגפרויען, געקליידט אין ראָז, האָבן געשפּילט און געזונגען פאַר איר. אויך דריי קינדער זענען דאָרט געווען, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט אַ קליין וועגעלע בלומען.

„אַך, די פּרעכטיקע קינדער!" — האָט געזאָגט ריי-טאַראָ.

פון דער מערבדיקער וואַנט האָבן זיי געזען אַ פּויער, מיענדיק זיך שווער אויף אַ רייז-פעלד. ער איז געווען מיד און דער רוקן האָט אים געווייטיקט. זיין ווייב האָט זיך געמיט מיט אים באַנאַנד. אויב ער איז געווען מיד, קאָן מען לייכט פאַרשטיין, אַז זי איז נאָך מידער געווען. זיי זענען געווען זייער אָרעם און זייערע קליידער זענען געווען שמאַטעס.

„האָבן זיי נישט קיין קינדער?" — האָט געפרעגט ריי-טאַראָ. ריי-דען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„האָסטו גוט געקוקט היינטיקע נאַכט, ריי-טאַראָ?" — האָט ריי-דען געפרעגט.

„פּאַטער, — האָט געענטפערט ריי-טאַראָ, — איך האָב זייער גוט געקוקט״.

„אויב אַזוי, קלייב זיך אויס, מיין זון, קלייב זיך אויס, וואָרים איך גיי דיך שיקן צו מאַכן דיין וואוינאָרט אויף דער ערד״.

„מוז איך אַוועק צו די מענטשן?״ — האָט געזאָגט ריי-טאַראָ.

„מיין קינד, דו מוזט!״

„איך וועל נישט גיין צו די באַוואָפנטע מענטשן, — האָט געזאָגט ריי-טאַראָ, — דאָס שלאָגן זיך איז מיר דערווידער״.

„אָהאָ, אַזוי זאָגסטו, מיין זון? ווערסטו אפשר גיין צו דער שיינער פּרינצעסין?״

„ניין, — האָט געזאָגט ריי-טאַראָ, — איך בין אַ מאַן! אויך וועל איך נישט אָפּגאָלן זיך דעם קאָפּ, כדי צו זיין צווישן פּריסטער״.

„וואָס דען קלייבסטו זיך — דעם אָרימען פּויער? ווערסט האָבן אַ שווער לעבן, ריי-טאַראָ״.

ריי-טאַראָ האָט געזאָגט: „זיי האָבן נישט קיין קינדער. אפשר וועלן זיי מיך ליב האָבן״.

„גיי, גיי אין פרידן! — האָט געזאָגט ריי-דען, — וואָרים דו האָסט געמאַכט אַ גוטן אויסקלייב״.

„ווי אַזוי זאָל איך גיין, פּאַטער?״ — האָט געפרעגט ריי-טאַראָ.

„מיט כבוד, — האָט געענטפערט דער פּאַטער, — ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּרינץ פון הויכן הימל״.

נון, דער אָרימער פּויער האָט געאַרבעט אויף זיין רייז-פעלד, וואָס איז געווען צופוסנס דעם בארג האַקוסאַן, אין דער פּראָווינץ איטשיזען. טאָג נאָך טאָג און נאַכט נאָך נאַכט

האָט די ליכטיקע זון געלויכטן. דאָס רייז-פעלד איז געווען טרוקן און די יונגע רייז איז פאַרברענט געוואָרן.

„ווינט און ווי! האָט געוויינט דער אָרימער פויער. — וואָס וועל איך טון, אויב מיין רייז וועט נישט צייטיקן? זאָלן די ליבע געטער רחמנות האָבן אויף אַלע אָרימעלייט".

מיט די ווערטער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין ביים ברעג פון רייז-פעלד און ער איז איינגעשלאָפן פון מידקייט און צער.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער הימל געווען שוואַרץ מיט וואָלקנס. עס איז געווען מיטאָג-צייט, אָבער עס איז פינצטער געווען ווי ביינאַכט, די בלעטער אויף דיביימער האָבן געציטערט און די פייגל האָבן אויפגעהערט צו זינגען.

„אַ שטורעם! אַ שטורעם! — האָט געשריגן דער פויער, — ריי-דען-סאַמאַ קומט צו-רייטן אויף זיין שוואַרץ פערד, שלאָגנ-דיק אין דער גרויסער פויק פון דונער. מיר וועלן האָבן גענוג רעגן. אַ דאַנק!"

און ער האָט געהאַט גענוג רעגן, זיכער גענוג, וואָרים עס האָט געכליאַפּעט שטראָמענווייז, באַגלייט פון בלענדנדיקע בליצן און ברומענדיקע דונערן.

„אָ, ריי-דען-סאַמאַ! — האָט גערופן דער פויער, — דאָס איז שוין אַפילו מער ווי גענוג".

דערווייל האָט אַ נייער בליץ אַ בלענד געטון און איז גע-פאַלן צו דער ערד אין אַ פייער-קויל, און די הימלען האָבן געקראַכט מיט אַ מאַכטיקן דונער.

„אוי, אוי! — האָט געשריגן דאָס אָרימע פויערל, — האָב רחמנות אויף מיין זינדיקער נשמה, וואָרים אַצונד וועט מיך דער

דונער-דראַגאָן*) פּאַקן! — און ער האָט זיך געוואָרפן אויף דר׳ערד און באַהאַלטן זיין פּנים.

אָבער דער דונער-דראַגאָן האָט אים נישט געטשעפּעט. און באַלד האָט ער זיך אויפגעזעצט און אויסגעריבן די אויגן. די פייער-קויל איז שוין נישט געווען, אָבער אַ קינד איז געלעגן אויף דער נאַסער ערד; אַ פיין, פרישיינגל מיט רעגן אויף זיי-נע באַקן און האָר.

„אָ, — האָט געשריגן דאָס פויערל,—דאָס איז דאָס געט-לעכע רחמנות״ — און ער האָט גענומען דאָס יינגל אויף זיינע הענט און אים אַוועקגעטראָגן צו זיך אין שטיבל.

בשעת ער איז געגאַנגען, איז דער רעגן נאָך געפאַלן, אָבער די זון איז אַרויסגעקומען אין בלאָען הימל און יעדע בלום האָט אין דער קילער לופט געשימערט און אויפגעהויבן דאָס חנעוודיקע קעפּל.

דער פויער איז געקומען צו דער טיר פון זיין שטיבל.

„ווייב, ווייב! — האָט ער גערופן. — איך האָב דיר עפּעס געבראַכט!״

„וואָס איז עס אַזוינס? — האָט געפרעגט דאָס ווייב.

דער מאַן האָט געענטפערט: „ריי-טאַראָ, דעם קליינעם בכור פון דעם דונער״.

ריי-טאַראָ איז אויפגעוואַקסן שלאַנק און שטאַרק, דאָס העל-סטע און לוסטיקסטע יינגל אין גאַנצן געגנט. ער איז געווען אַ פרייד צו זיינע האָדעווערס און אַלע שכנים האָבן אים ליב געהאַט. ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט ער געאַרבעט אויף די רייז-פעלדער ווי אַ מאַן. ער איז אויך געווען דער וואונדערלעכער וועטער-נביא.

---

*) דראַגאָן — אַזאַ מין שלאַנג.

„מיין פאָטער, — פלעגט ער זאָגן, — לאָמיר טון אזוי און אַזוי, וואָרים מיר וועלן האָבן שיין וועטער"; אָדער ער האָט געזאָגט: „לאָמיר טון עפּעס אַנדערש, וואָרים היינט בייננאַכט וועט זיין אַ שטורעם". און וואָס נאָר ער האָט געזאָגט — מעגט איר זיכער זיין, אַז עס איז געשען. און ער האָט געבראַכט ברכה און שפע אויף דעם אָרימען פויער און זיין מי האָט געהאַט הצלחה.

ווען ריי-טאַראָ איז אַלט געווען אַכטצן יאָר, זענען אַלע שכנים פאַרבעטן געוואָרן צו זיין געבוירן-טאָג-סעודה. עס איז געווען אַ סך משקה און די גוטע מענטשן זענען געווען זייער פריילעך. בלויז ריי-טאַראָ איז געווען שטיל און טרויעריק און נידערגעשלאָגן.

„וואָס איז דיך מצער, ריי-טאַראָ? — האָט געזאָגט זיין דערציערין. — דו, וואָס דו ביסט דער פריילעכסטער פון די פריילעכע! פאַרוואָס ביסטו שטיל און טרויעריק און נידערגעשלאָגן?"

„עס איז דערפאַר, וואָס איך מוז אייך פאַרלאָזן", — האָט ריי-טאַראָ געענטפערט.

„ניין, — האָט געזאָגט די פרוי, — פאַרלאָז אונז קיינמאָל נישט. פאַרוואָס ווילסטו אונז פאַרלאָזן, מיין זון?"

„מוטער, ווייל איך מוז" — האָט ריי-טאַראָ געענטפערט מיט טרערן.

„דו ביסט געווען אונזער גרויס גוט מזל; דו האָסט אונז געגעבן אַלע זאַכן, וואָס האָב איך ד י ר געגעבן, ריי-טאַראָ, מיין זון?"

ריי-טאַראָ האָט געענטפערט: „דריי זאַכן האָסטו מיך געלערנט: צו אַרבעטן, צו ליידן, און צו ליבן. איך בין געלערנטער פון די אומשטאַרבלעכע".

דאַמאָלט איז ער אַוועק פון זיי. און אין געשטאַלט פון אַ ווייסן וואָלקן איז ער געשטיגן צום הימלס בלאָער הויך, ביז ער האָט דערגרייכט זיין פאָטערס שלאָס. און ריי־דען האָט אים באַגעגנט. די צוויי זענען דערנאָך געשטאַנען אויף דער מערבֿ־דיקער וואַנט פון וואָלקן־שלאָס און אַראָפּגעקוקט אויף דר׳ערד.

די פויערטע האָט ביטער געוויינט, אָבער איר מאַן ד׳האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

„מיין טייערע, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט נישט זיין אויף לאַנג. מיר ווערן עלטער און עלטער״.

א. אלמי

דער ווינט אין די סאָסנע-צווייגן

אגאָט פון הויכן הימל איז געווען דער, וואָס האָט פאַר־פלאַנצט דעם סאָסנע-בוים.

אַזוי לאַנג צוריק איז דאָס געווען, אַז דער וואַסער-פויגל קאָן עס נישט געדענקען און די טשערעפּאַכע ווייס עס בלויז דערפון, וואָס איר עלטער-עלטער-באָבע האָט איר דערציילט פון דער צייט, ווען דאָס געטלעכע ווען האָט אַראָפּגענידערט. לייכט, לייכט איז ער אַראָפּגעקומען מיטן וועג פון דער שווימענדיקער בריק, טראָגנדיק דעם בוים אין זיין רעכטער האַנט. לייכט, לייכט האָבן זיינע פיס באַריירט די ערד.

ער האָט געזאָגט: „איך בין געקומען אין דעם לאַנד פון די ראָר-פליינען! איך בין געקומען אין דעם לאַנד פון די פריש ריין-זאַנגען! עס איז אַ גוט לאַנד. איך בין צופרידן". און ער האָט פאַרפלאַנצט דעם סאָסנע-בוים נאָענט פון ים אין טאַ-קאַסאַגאַ, וואָס געפינט זיך אין דער פּראָווינץ האַרימאַ. דאַן איז ער צוריק אַוועק אין הויכן הימל, מיטן וועג פון דער שווימענדיקער בריק.

דער סאָסנע־בוים האָט געבליט. אַזוי גרויס איז ער גע־וואַקסן, אַז עס איז נישט געווען קיין גרעסערער אין דעם לאַנד פון די ראָר־פליינען. זיין שטאַם איז געווען ראָזיק־רויט און צופוסנס אים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברוינער טעפּיך פון פאַלנדיקע נאָדלען.

אין די זיסע זומער־נעכט זענען די וואַלד־קינדער געקו־מען, האַנט־אין־האַנט, צום סאָסנע־בוים, גליטשנדיק אין לבנה־שיין זייערע דינע טונקעלע פּיס אויפן מאָך און פאַרוואָרפנדיק אויף אַהינטער זייערע לאַנגע, גרינע האָר.

די וואַסער־קינדער זענען אין לבנה־שיין געקומען, אַלע מיט נאַסע אַרבל, און די ליכטיקע טראָפּנס זענען געפאַלן פון זייערע פינגער־שפּיצן. די קינדער פון דער לופט האָבן גערוט אין די סאָסנע־צווייגן און זיי האָבן געטרילערט זיס אין דער לאַנגער נאַכט. די קינדער פון ים־שוים זענען אַרויסגעקראָכן אויפן געלן זאַמד; און פון די ספערן פון יאָמי זענען געקו־מען די סודות, די קלאַנגען און די דופטן פון פינצטערניש — מיט פנימער פאַרשלייערט מיט דינע, גראָע שלייערן. זיי זע־נען געקומען און זיי האָבן געשוועבט אין לופט, אַרום דעם סאָסנע־בוים, אַזוי אַז דאָס אָרט איז געווען הייליק.

פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן געהערט דאָס געזאַנג פון די גייסטער, וואָס זיי האָבן באַנאַנד געזונגען.

„פרייד פון מיין האַרץ, — האָבן זיי געזאָגט איינע צו די אַנדערע, — הערסטו דעם ווינט אין דעם סאָסנע־בוים?“

אָרימע מענטשן, ליגנדיק קראַנק אין בעט, האָבן געהאָרכט און פישערס, ווייט אויפן ים, האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און געפליסטערט: „דער ווינט, דער ווינט אין סאָסנע־בוים! ווי דער קלאַנג טראָגט זיך איבערן וואַסער!“

וואָס איז שייך דאָס אָנקומען פון דער יונגפרוי, קאָן דער

וואַסער-פויגל דאָס נישט געדענקען, אָבער די טשערעפּאַכע האָט געהערט פון איר עלטער-עלטער-באָבען, אַז זי איז געבוירן געוואָרן ביי אָרימע עלטערן אין טאַקאָסאַגאַ. דאָס מיידל איז געווען ברוין און הויך און שלאַנק. זייער ליבלעך איר פּנים און איר געשטאַלט. אירע האָר זענען אַראָפּגעהאָנגען ביז אירע קני. זי פלעגט זיך אויפהייבן באַגינען, צו העלפן איר מאַמען. די האָט אויפגעקליבן צווייגן פאַרן פייער און זי האָט געשעפּט וואַסער פון ברונעם. זי האָט געקענט שפּינען און וועבן און שעה נאָך שעה איז זי געזעסן און געדרייט דאָס רעדל פון איר וועב-שטול, וואָס איז געשטאַנען אין שאָטן פון סאָסנע-בוים, און בשעת-מעשה האָט זי זיך צוגעהערט צום ווינט אין די צווייגן. טיילמאָל האָבן אירע אויגן געקוקט צו די וועגן פון ים, ווי איינע, וואָס וואַרט און היט. זי איז געווען רואיק, נישט אומרואיק, מער פאַרטיפט, ווי פריילעך, כאָטש נישט זעלטן האָט זי געשמייכלט. איר קול איז געווען דאָס קול פון אַ הימליש וועזן.

נון, וואָס איז שייך דעם יונג פון דער ווייטער געגנט פון אים ווייס דער וואַסער-פויגל יאָ עפּעס, ווארים דער וואַסער-פויגל איז אַ גרויסער וואַנדערער. ער איז געפלויגן איבער די שטראָמען און די טאָלן פון דער ווייטער פּראָווינץ, — אַזוי זאָגט ער — און ער האָט דערזען דעם יונג, אַרבעטנדיק אויף די גרינע רייז-פעלדער. דער וואַסער-פויגל האָט געוואַרט, דרייענדיק זיך פאַמעלעך אין דער ליכטיקער לופט. דער יונג איז אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די טאָלן און שטראָמען. ער האָט אַרויפגעקוקט צום הימל.

„איך הער דעם רוף, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל מער נישט אַפּלייגן. קול אין מיין האַרץ! איך הער און איך פאָלג!"

מיט די רייד האָט ער פאַרלאָזט דאָס רייז-פעלד און זיך געזעגנט מיט זיין מוטער און זיין פאָטער און זיינע שוועסטער און זיינע ברידער און זיינע פריינט. אַלע אינאיינעם זענען זיי געקומען צום ים-ברעג, וויינענדיק און טוליענדיק זיך איינער צום אַנדערן. דער יונג האָט גענומען א שיף און אוועק מיטן ים, און די איבעריקע זענען געשטאַנען ביים ברעג.

שנעל איז געשוואומען די שיף איבער די נישט-באַקאַנטע וועגן פון ים — אַ סך טעג. און דער ווייסער וואַסער-פויגל איז געפלויגן הינטער דער שיף. און ווען עס איז נישט געווען קיין ווינט, האָט דער וואַסער-פויגל געשטופט די שיף פאָראויס מיטן ווינט פון זיינע שטאַרקע פליגל.

צום סוף, איינמאָל אין אַן אָוונט, אַרום דער שעה פון זונפאַרגאַנג, האָט דער יונג דערהערט דאָס קול פון אַ זיס געזאַנג. דאָס קול איז געקומען פון דער יבשה און האָט געוואַנדערט איבער די וועגן פון ים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין שיף און דער וואַסער-פויגל האָט צושפרייט זיינע שטאַרקע, ווייסע פליגל און געוויזן דעם וועג צום ברעג, ביז די שיף האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם געלן זאַמד פון ים-ברעג אין טאַקאַסאַגאַ.

ווען דער יונג איז אַרויף אויף דער יבשה, האָט ער די שיף צוריקגעשטופט אין וואַסער אַריין און געקוקט ווי זי איז אוועקגעשוואומען מיט די כוואַליעס. דאַמאָלט האָט ער געווענדט זיין פנים צום לאַנד. דאָס געזאַנג האָט נאָך געקלונגען אין זיינע אויערן. דאָס קול איז געווען ווי דאָס קול פון אַ הימליש וועזן און סודותדיק זענען געווען די ווערטער פון דעם געזאַנג:

א. אלמי

דער חתן האָט געבראַכט פון חייס
צו זיין כלה פון דערווייט
איידלשטיינער — פיין קאַרבירט,
איידלשטיינער — פיין גראַווירט —
אויף אַ שנירעלע פון זייד — —
און עס קאָן איין איידלשטיין
נישט דעם אַנדערן — אָ, ניין.
נאָר די שטיינער קענען בלויז
ס'זיידן שנירל — שטאַרק און גרויס!

דער יונג האָט זיך געלאָזט אין לאַנד אַריין און ער איז געקומען צום גרויסן סאָסנע-בוים און צו דער יונגפרוי, וואָס איז געזעסן אונטער אים, וועבנדיק פלייסיק און זינגענדיק. דער וואַסער-פויגל איז געקומען צופליען מיט זיינע שטאַרקע, ווייסע פליגל, און זיך געזעצט אויפן בוימס העכסטע צווייגן. די טשערעפּאַכע איז געלעגן אונטן, אויפן גרינעם נאָדל-טעפּיך. זי האָט געקוקט און אַ סך געזען מיט אירע קליינע אויגעלעך, אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט, זייענדיק בטבע אַ שווייגנדיקע.

דער יונג איז געשטאַנען פאַר דער יונגפרוי, וואַרטנדיק.

„פון וואַנען קומסטו?" — האָט זי געזאָגט, אויפהויבנדיק אירע אויגן.

„איך בין געקומען מיטן וואַסער-וועג. איך קום פון ווייט".

„און צוליב וואָס ביסטו געקומען?"

„דאָס דאַרפסטו בעסער וויסן, וואָרים עס איז דיין קול, וואָס זינגט אין מיין האַרץ".

„האָסטו מיר געבראַכט די מתנה?" — האָט זי געפרעגט.

„יאָ, איך ברענג דיר אַ מתנה — איידלשטיינער אויף אַ שנירל פון זייד".

„קום", — האָט זי געזאָגט — און זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אָנגענומען ביי דער האַנט. און זיי זענען בעגאַנגען צו איר פאָטערס הויז.

נון, האָבן זיי געטרונקען „דריי מאָל דריי" און זיי זענען בעוואָרן מאַן און ווייב, און געלעבט אין זיסער רו אַ סך, אַ סך יאָרן.

די גאַנצע צייט האָט דער וואַסער-פויגל געוואוינט אויף די העכסטע צווייגן פון סאָסנע-בוים און די טשערעפּאַכע — אויפן ברוינעם נאָדל-טעפּיך.

צום סוף זענען די צוויי, וואָס זענען אַמאָל געווען אַ יונג און אַ יונגפרוי, געוואָרן גראָ, אַלט און פאַרוועלקט אין דעם שנעלן, איילנדיקן לויף פון די יאָרן.

„ליטערע געליבטע, — האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן, — ווי מיד איך בין געוואָרן! עס איז טרויעריק צו זיין אַלט".

„זאָג דאָס נישט, טייער דערקוויקעניש פון מיין האַרץ,— האָט געזאָגט דאָס אַלטע ווייב, — זאָג דאָס נישט, וואָרים דאָס בעסטע פון אַלצדינג דאַרף ערשט קומען."

„מיין טייערע, — האָט געזאָגט דער אַלטער, — איך האָב אַ באַגער צו זען דעם גרויסן סאָסנע-בוים, איידער איך שטאַרב און נאָכאַמאָל צו דהערן דאָס געזאַנג פון ווינט אין זיינע צווייגן".

„קום מיט מיר" — האָט זי געזאָגט — און זי האָט זיך אויפגעהויבן און אים גענומען ביי דער האַנט.

אַלט און שוואַך און אָפּגעלעבט, מיט ציטערדיקע, וואַקלענדיקע טריט, און האַנט-אין-האַנט זענען זיי געגאַנגען.

„ווי שוואַך איך בין! — האָט געזאָגט דער אַלטער, — אוי, איך האָב מורא! ווי פינצטער עס איז! האַלט מיין האַנט!"...

„איך האָב זי פעסט אין מיינער. לייג זיך דאָ אַנידער,

לייג זיך אַנידער, טייערער געליבטער; זיי שטיל און האָרך צום ווינט אין סאָסנע-בוים".

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן ווייכן ברוינעם געלע-גער צופוסנס דעם סאָסנע-בוים; און דער ווינט האָט געזונגען.

זי, וואָס זי איז געווען זיין ליבע און זיין ווייב, האָט זיך געבויגן איבער אים און מיט איר גוף אים איבערגעדעקט. און ער איז איבערגעקומען די גרויסע ענדערונג.

דאַמאָלט האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן און געקוקט אויף איר. זי איז געווען הויך און גלייך און שלאַנק; איר פנים האָט געשטראַלט זייער ליבלעך און ביידע זענען געווען יונג. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און זי אָנגערירט. „דיי-נע לאַנגע, שוואַרצע האָר..." האָט ער געזאָגט.

ווידער האָט זי אים געזאָגט „קום". לייכט האָבן זיי זיך דערהויבן איבער דער ערד. צום קלאַנג פון דעם ווינטס גע-זאַנג האָבן זיי געשוועבט, געשוואומען אין דער לופט... העכער און העכער... די צווייגן פון דעם סאָסנע-בוים האָבן זיי מקבל געווען — און מען האָט זיי מער נישט געזען.

נאָך אַצונד, אין די זיסע נעכט פון זומער, קומען די וואַלד-קינדער, האַנט-אין-האַנט, גליטשנדיק אין לבנה-שיין זייערע דינע, טונקעלע פיס אויפן מאָך און פאַרוואָרפנדיק אויף הינטן זייערע לאַנגע, גרינע האָר.

די וואַסער-קינדער קומען אין לבנה-שיין, אַלע מיט נאַסע אַרבל און די ליכטיקע טראָפנס פאַלן פון זייערע פינגער-שפּיצן. די קינדער פון דער לופט רוען אין די סאָסנע-צווייגן און טרי-לערן אין דער לאַנגער נאַכט. די קינדער פון ים-שוים קריכן אַרויס אויף די געלע זאַמדן; און פון די ספערן פון יאַמי קומען די סודות, די קלאַנגען און די דופטן פון פינצטערניש— מיט פנימער פאַרשלייערט אין דינע, גראָע שלייערן. זיי קומען

און זיי שוועבן אין לופט, אַרום דעם סאָסנע-בוים, אַזוי, אַז דאָס אָרט איז הייליק.

פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס וואַנדערן אויפן ים-ברעג פון טאַקאַסאַגאַ, הערן דאָס געזאַנג פון די גייסטער, וואָס זיי זינגען באַנאַנד.

„פרייד פון מיין האַרץ — זאָגן זיי איינע צו די אַנדערע, — הערסטו דעם ווינט אין סאָסנע-בוים?"

ש. אַלפּי

די הימלישע ליבהאָבערס

אַ יר אַלע, וואָס איר זענט געטרייע ליבהאָבערס, איך באַ־שווער אייך: זייט מתפּלל צו די געטער אויף שיין וועטער אין דער זיבעטער נאַכט פון דער זיבעטער לבנה.

פאַר דער טייערער ליבעס וועגן בעט, אַז אין דערדאָזי־קער נאַכט זאָל נישט זיין — נישט קיין רעגן, נישט קיין האָגל, נישט קיין וואָלקן, נישט קיין דונער, נישט קיין נעפּל.

הערט אויס די טרויעריקע מעשה פון די הימלישע ליב־האָבערס און זייט פאַר זיי מתפּלל.

דאָס וועבער־מיידל איז געווען די טאָכטער פון אַ גאָט פון ליכט*). איר וואוינונג איז געווען ביים האָפן פון ליכטיקן הימל־טייך. דעם גאַנצן טאָג איז זי געזעסן ביי דער וועב־שטול

*) אויסער דער זון־געטין, זענען אין דער יאַפּאַנישער מיטאָלאָגיע געווען גאָך אַנדערע ליכט־געטער, גאָט פון זונאויפגאַנג. פון זונאונטערגאַנג א. אז. וו. אָבער מיט דער צייט זענען זיי, ווי ס'איז דער פאַל אין עגיפּטן, פאַרשמאָלצן געוואָרן אין הויפּט־גאָט (אָדער געטין) פון דער זון.

און געאַרבעט מיטן וועב-שיפל, וועבנדיק פּראַקטיקע קליידער פאַר די געטער. די פאַרבנרייכע מלבושים זענען געוואַקסן פון אונטער אירע הענט און זי האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, וואָרים זי האָט מורא געהאַט. זי האָט געהאַט געהערט דעם שפּרוך:

„טרויער, לאַנג-יעריקער טרויער, וועט קומען אויפן וועבער-מיידל, וואָס פאַרלאָזט די וועב-שטול".

אַזוי האָט זי געאַרבעט און די געטער האָבן געהאַט מלבושים גענוג. אָבער זי אַליין, דאָס אָרימע מיידל, איז געווען אָרעם באַקליידט; זי האָט נישט געטראָגן, נישט דעם אויסשטייער, נישט דאָס צירונג, וואָס איר פאָטער האָט איר געגעבן. זי איז געווען באָרוועס און אירע האָר זענען אַראָפּגעהאָנגען, נישט פאַרקאַמט. ווען אַ לאַנגער לאָק פלעגט אַראָפּפאַלן אויפן וועב-שטול, האָט זי אים באַלד צוריק פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. זי האָט זיך נישט געשפּילט מיט די קינדער פון הימל, אָדער פאַרברענגט מיט די הימלישע ייִנגלעך און מיידלעך. זי האָט נישט ליב געהאַט און נישט געוויינט. זי איז נישט געווען פריילעך און נישט טרויעריק. זי האָט געוועבט און געוועבט... און זי האָט אַרייַנגעוועבט איר גאַנץ וועזן אין דעם פילפאַרביקן געוועב.

נון, איר פאָטער איז געוואָרן בייז. ער האָט געזאָגט:
„טאָכטער, דו וועבסט צופיל".

„דאָס איז מיין חוב" — האָט זי געענטפערט.

„אין דיינע יאָרן רעדסטו וועגן חוב? — האָט געזאָגט דער פאָטער. — אַרויס פון דאַנען!"

„פאַרוואָס ביסטו אומצופרידן מיט מיר, מיין פאָטער?" — האָט זי געזאָגט און מיט אירע פינגער האָט זי געפירט דאָס וועב-שיפל.

„ביסטו אַ שטיין, אָדער אַ בלאַסע בלום, װאָס װאַקסט אויפן װעג?"

„ניין, — האָט זי געזאָגט, — איך בין דאָס נישט".

„אויב אַזוי, לאָז־איבער דיין װעב־שטול, מיין קינד און לעב! טו זיך אָן פאַרגעניגן. זיי װי די אַנדערע זענען".

„און פאַרװאָס זאָל איך זיין װי אַנדערע זענען?" — האָט זי געפרעגט.

„קיינמאָל זאָלסטו נישט דערװעגן מיך איבערצופרעגן. קום! װעסטו איבערלאָזן דיין װעב־שטול?"

זי האָט געזאָגט: „טרויער, לאַנג־יעריקער טרויער, װעט קומען אויפן װעבער־מיידל, װאָס פאַרלאָזט די װעב־שטול".

„אַ נאַרישער שפרוך! — האָט געשריגן דער פאָטער, — גלויב עס נישט. װי קומט צו אונז לאַנג־יעריקער טרויער? זע־נען מיר דען נישט קיין געטער?" און ביי די װערטער האָט ער פון אירע הענט אַרויסגענומען דאָס װעב־שיפל און איבער־געדעקט די װעב־שטול מיט אַ טוך. און ער האָט זי געהייסן אָנטון זייער רייכע קליידער מיט צירונג און גאַרלאַנדן מיט גן־עדן־בלומען אַרום איר קאָפּ און איר פאָטער האָט איר געגעבן פאַר אַ חבר, דעם פאַסטוך־יונג פון הימל, װאָס האָט געפיטערט זיינע שאָף אויפן ברעג פון ליכטיקן טייך.

דאָס מיידל האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. אירע אויגן זענען געװוען שטערן און אירע ליפּן זענען געװוען רויט. זי האָט גאַנצע טעג געטאַנצט און געזונגען. שעה׳ן־לאַנג האָט זי זיך געשפּילט מיט די קינדער פון הימל און זי האָט זיך אונטערגע־האַלטן מיט די הימלישע יונגען און יונגפרויען. לייכט איז זי געגאַנגען. אירע פיס זענען געװוען באַשוכט מיט זילבער. איר ליב־האָבער, דער פאַסטוך־יונג, האָט זי געהאַלטן ביי דער האַנט. זי האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז די געטער האָבן מיט איר מיט־

געלאַכט און דער הויכער הימל האָט אָפּגעקלונגען מיטן קול פון פרייד. זי האָט זיך מער נישט געקימערט, כמעט נישט גע־טראַכט וועגן פליכט, אָדער וועגן מלבושים פאַר די געטער. צו דער וועב־שטול איז זי קיין איין מאָל נישט צוגעגאַנגען — אַזוי פון איין לבנה'ס סוף ביזן אַנדערן.

„איך לעב, כדי צו לעבן, — האָט זי געזאָגט, — און איך וועל עס מער נישט פאַרוועבן אין אַ געוועב".

אין דער פּאַסטוך, איר ליבהאָבער, האָט זי געדריקט אין זיינע אָרעמס. איר פּנים איז פול געווען מיט טרערן און שמייכלען און זי האָט עס פאַרגראָבן אויף זיין ברוסט. אַזוי האָט זי געלעבט איר לעבן. אָבער איר פאָטער איז בייז געווען.

„עס איז צופיל, — האָט ער געזאָגט, — איז דאָס מיידל משוגע? זי וועט ווערן דער חוזק פון הימל. חוץ דעם, ווער וועט וועבן די נייע פרילינג־מלבושים פאַר די געטער?"

דריי מאָל האָט ער געוואָרנט זיין טאָכטער.

דריי מאָל האָט זי געלאַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„דיין האַנט האָט געעפנט די טיר, מיין פאָטער, — האָט זי געזאָגט, — אָבער קיין שום האַנט, נישט פון קיין גאָט און נישט פון קיין שטאַרבלעכן, קאָן זי פאַרמאַכן".

ער האָט געזאָגט: „דו וועסט באַלד אַנדערש טראַכטן" — און ער האָט דעם פּאַסטוך־יונג אַוועקגעשיקט אויף אייביק און אייביק צו דעם ווייטסטן ברעג פון ליכטיקן טייך. די סאָראָ־קעס זענען זיך צונויפגעפלויגן פון נאָענט און ווייט און זיי האָבן אויסגעשפּרייט זייערע פליגל און עס איז געוואָרן אַ בריק איבערן טייך און דער פּאַסטוך איז איבער איר אַריבערגעגאַנגען. באַלד זענען די סאָראָקעס אַוועקגעפלויגן צו אַלע עקן וועלט און דאָס וועבער מיידל האָט נישט געקענט נאָכגיין. זי איז

געוועז די טרויעריקסטע זאך אין הימל. לאנג-לאנג איז זי גע־שטאנעז ביים ברעג מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו איר פאס־טוכל. לאנג-לאנג איז זי געלעגן אויפן זאמד און געוויינט. לאנג־לאנג האָט זי געזיפצט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אוועק צו איר וועב-שטול. זי האָט אראָפּגענומען דאָס טוך און גענומען דאָס וועב-שיפל אין איר האנט.

„לאנג-יאָריקער טרויער, — האָט זי געזאָגט, — לאנג-יאָרי־קער טרויער".

דאמאָלט האָט זי געזאָגט: „מער וועל איך נישט זיין דאָס, וואָס איך בין איינמאָל געוועז. איך האָב נישט ליב געהאט און נישט געוויינט. איך בין געוועז נישט טרויעריק און נישט פריי־לעך. אצונד האָב איך ליב און איך וויין — איך בין צופרידן און איך באדויער".

אירע טרערן זענען געפאלן ווי א רעגן, אָבער זי האָט גענומען דאָס וועב-שיפל און געארבעט פלייסיק, וועבנדיק מלבושים פאר די געטער. טיילמאָל איז דאָס געוועב געוועז גראָ פון צער; טיילמאָל איז עס געוועז ראָז פון חלומות. די געטער האָבן גערן געהאט צו זיין פאנטאסטיש געקליידט. דעם מיידלס פאָטער איז אצונד שטאַרק צופרידן געוועז.

„דאָס איז מיין גוט, פלייסיק קינד, — האָט ער געזאָגט, — אצונד ביסטו שטיל און צופרידן".

„די שטילקייט פון פינצטערער פארצווייפלונג! — האָט זי געזאָגט. — גליקלעך? איך בין די טרויעריקסטע זאך אין הימל".

„עס טוט מיר לייד, — האָט ער געזאָגט, — וואָס זאָל איך טון?"

„גיב מיר אָפּ מיין ליבהאָבער".

„ניין, קינד, דאָס קאָן איך נישט טון. ער איז פארשיקט

אויף אייביק און אייביק — און דאָס איז די שטראָף פון אַ גאָט, וואָס דאָס קאָן נישט בטל ווערן״.

„איך האָב עס געוואוסט״ — האָט זי געזאָגט.

„דאָך עפּעס קאָן איך טון. הער! אין זיבעטן טאָג פון דער זיבעטער לבנה וועל איך צונויפרופן די סאָראָקעס פון אַלע עקן וועלט און זיי וועלן זיין אַ בריק איבערן ליכטיקן טייך פון הימל, אַזוי אַז דאָס וועבער-מיידל זאָל לייכט קענען אַריבערגיין צו דעם וואַרטנדיקן פּאַסטוך-יונג אויף דעם ווייטסטן ברעג״.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין זיבעטן טאָג פון דער זיבעטער לבנה זענען געקומען די סאָראָקעס פון נאָענט און ווייט און פון זייערע פליגל האָבן זיי געמאַכט אַ בריק. און דאָס וועבער-מיידל איז אַריבערגעגאַנגען די בריק און אירע אויגן זענען געווען שטערן און איר האַרץ איז געווען ווי אַ פויגל אין פרילינג. און דער פּאַסטוך האָט זי דאָרט באַגעגנט ביים ווייטסטן ברעג פון טייך.

און אַזוי איז עס ביזן הייַנטיקן טאָג, אָ, געטרייע ליבהאָבערס! דעם זיבעטן טאָג פון דער זיבעטער לבנה באַגעגענען זיך די צוויי. בלויז ווען עס פאַלט אַ רעגן און עס דונערט און עס איז פאַרוואָלקנט און עס האָגלט און דער ליכטיקער הימל-טייך איז אָנגעשוואָלן און ראַש, — דאַמאָלט קענען די סאָראָקעס נישט מאַכן קיין בריק פאַר דעם וועבער-מיידל. ווי, ווי טרויעריק עס איז דאַמאָלט!

דעריבער, געטרייע ליבהאָבערס, זייט מתפלל צו די געטער אויף שיין וועטער.

א. שקפי

די קיניגין פון די פייער-פליגן

דער קלוגער פאָעט איז געזעסן און געלייענט ביים שיין פון זיין קערץ. עס איז געווען א נאכט פון זיבעטן חודש.

די ציקאדן-פליג האָט געזונגען אין די גראנאט-ביימער; די זשאבעס האָבן געזונגען ביים טייך. די לבנה איז ארויס מיט אלע שטערן. די לופט איז געווען פול מיט זיסע בשמים, אָבער דער פאָעט איז נישט געווען גליקלעך, וואָרים שמעטערלינגלעך אין די צענדליקער זענען געקומען צום פלאם פון קערץ; נישט בלויז שמעטערלינגלעך, נייערט אויך מאיקעפערס און דראגאָן-פליגן, וואָס זייערע פליגל זענען פון רעגנבויגן-קאָליר. איינס ביי איינס זענען זיי געקומען צום פלאם און אלע האָבן זיי פארברענט זייערע ליכטיקע פליגלעך ביים פייער און געשטאָרבן. דער פאָעט האָט געהאט צער.

„קליינע, אומשעדלעכע קינדער פון דער נאכט, — האָט ער געזאָגט, — פארוואָס פליט איר צום פלאם? קיינמאָל נישט, קיינ-

מאָל נישט וועט איר אים גרייכן. דאָך קומט איר און שטאַרבט. נאַראָנימלעך! האָט איר קיינמאָל נישט געהערט די מעשה מיט דער פֿייערפֿליג-קיניגין?"

די שמעטערלינגלעך און מאַיקעפֿערס און די דראַגאָן-פֿליגן האָבן געפֿלאַטערט אַרום דעם קערץ און אים נישט געשענקט קיין אַכט.

„זיי האָבן עס קיינמאָל נישט געהערט, — האָט געזאָגט דער פּאָעט; און דאָך איז עס אַזוי אַלט. הערכט:

„די פֿייערפֿליג-קיניגין איז געווען דאָס ליכטיקסטע און דאָס שענסטע פֿון אַלע קליינע באַשעפֿענישן, וואָס פֿליען. זי האָט גע-וואוינט אין הערץ פֿון אַ ראָזיקע לאָטוס. די לאָטוס איז געוואַקסן ביי אַ שטילן טייך און זי האָט זיך געוויגט אַראָפּ און אַרויף איבער דעם טייכס בוזעם, בשעת די פֿייערפֿליג-קיניגין איז אין איר געשלאָפֿן. עס האָט אויסגעזען ווי דער אָפּשיין פֿון אַ שטערן אין וואַסער.

„איר דאַרפֿט וויסן, אָ, איר קינדערלעך פֿון דער נאַכט, אַז די פֿייערפֿליג-קיניגין האָט געהאַט אַ סך ליבהאָבערס, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו איר — שמעטערלינגלעך און מאַי-קע-פֿערס און דראַגאָן-פֿליגן, וואָס זיי זענען אין אומציילי‌קע מחנות געפֿלויגן צו דער לאָטוס ביים טייך. און זייערע הערצער זענען געווען איבערפֿול מיט ברענענדיקער ליבע. „האָב רחמנות, האָב רחמנות! — האָבן זיי געבעטן, — קיניגין פֿון די פֿייער-פֿליגן, ליכטיקער שיין פֿון טייך". אָבער די פֿייערפֿליג-קיניגין איז געזעסן און געשמייכלט און געשוויגן. עס האָט אויסגעזען ווי זי פֿאַרשטייט גאָרנישט דעם שבח פֿון ליבע, וואָס מען זינגט צו איר.

„צום סוף האָט זי געזאָגט: „אָ, איר ליבהאָבערס, איינער און אַלע, וואָס ברענגט אייך אַהער צו פֿוילנצן, אַריינדרינגנדיק

אין מיין לאָטוס-הויז? באַווייזט אייער ליבע. אויב איר ליבט מיך אמתדיק, גייט, איר ליבהאָבערס, און ברענגט מיר פייער, און דאַמאָלט וועל איך ענטפערן".

„דאַמאָלט, אָ, קינדערלעך פון דער נאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שנעל פלאַטעריי פון פליגלען, וואָרים די שמעטערלינגלעך און די מאַיקעפּערס און די דראַגאָן-פליגן האָבן אין אומצייליקע מחנות זיך אַרויסגעלאָזט זוכן פייער. אָבער די פייערפליג-קיניגין האָט געלאַכט.

„אַזוי זענען די ליבהאָבערס געפלויגן דאָ און דאָרט אין דער שטילער נאַכט, טראַגנדיק מיט זיך זייערע באַגערן. זיי האָבן געזען אַ סך לאָדנס, וואָס דורך זיי האָט זיך אַ שיין דורכגעשלאָגן און זיי זענען אַריינגעפלויגן. אין איין קאַמער איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט אַרויסגענומען אַ ליבע-בריוו פון הינטערן קישן און מיט טרערן אים געלייענט ביים שיין פון אַ קערץ. אין אַן אַנדער קאַמער איז געזעסן אַ פרוי, האַלטנדיק אַ ליכט נאָענט צום שפיגל, וואָס זי האָט זיך אין אים געשפּיגלט און געפאַרבט איר פּנים. אַ גרויסער שמעטערלינג האָט פאַרלאָשן דאָס פלאַטערדיקע ליכט-פלעמל מיט זיינע פליגל.

„אוי, איך האָב מורא! — האָט געשריגן די פרוי, — די שרעקלעכע פינצטערניש!"

אויף אַן אַנדער אָרט איז אַ מענטש געלעגן אין גסיסה. ער האָט געזאָגט: „האָט רחמנות און צינדט-אָן די לאָמפּ, וואָרים די שוואַרצע נאַכט פאַלט-אָן".

„מיר האָבן זי אָנגעצונדן,—האָט מען אים געענטפערט,— שוין לאַנג ווי די לאָמפּ שטייט לעבן דיר, נאָר אַ מחנה שמעטערלינגלעך און דראַגאָן-פליגן שוועבן אַרום איר".

„איך קאָן גאָרנישט נישט זען!" — האָט געמורמלט דער מסס.

„אָבער די, וואָס זענען געפלויגן צום פייער, האָבן אַלע פאַרברענט זייערע שוואַכע פליגל. צוזאַמענס פרי זענען זיי גע־לעגן טויט אין די הונדערטער און מען האָט זיי אויסגעקערט און זיי זענען פאַרגעסן געוואָרן.

„די פייערפליג־קיניגין איז געווען אין זיכערקייט אין איר לאָטוס־בעט, באַנאַנד מיט איר חתן, וואָס ער איז געווען אַזוי ליכטיק ווי זי, וואָרים ער איז געווען אַ גרויסער שררה ביי די פייערפליגן. ער האָט נישט געדאַרפט צו פליען צום פייער, מחמת ער האָט געטראָגן לעבעדיק פייער אונטער זיינע פליגל.

„אַזוי האָט די פייערפליג־קיניגין אָפּגעענטפערט אירע ליבהאָ־בערס, און דעריבער האָט זי געלאַכט, בשעת זי האָט זיי משלח געווען, שיקנדיק זיי אויף אַן אַרויסגעוואָרפענער נסיעה.

„ווערט נישט אָפּגעענטפערט, — האָט געוואָרפן דער קלוגער פּאָעט, — אָ, איר קינדערלעך פון דער נאַכט. די פייערפליג־קיניגין איז אַלעמאָל אַזוי. פליט נישט אין פייער אריין".

אָבער די שמעטערלינגלעך און די מאָיקעפּערס און די דראַגאָן־פליגן האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די ווערטער פון דעם קלוגן פּאָעט. זיי האָבן ווייטער געפלאַטערט אַרום זיין קערץ און זיי האָבן פאַרברענט זייערע פליגל אין פלאַם און גע־שטאָרבן.

דער פּאָעט האָט דאַן אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

„איך וועל ליבערשט זיצן אין דער פינצטער, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז דער איינציקער וועג".

א. אלפי

אוראַשימאַ

אוראַשימאַ איז געווען אַ פישער פון אינלאַנדישן ים. יעדע נאַכט איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן ים. ער האָט געכאַפּט פיש, גרויסע און קליינע, בשעת ער איז געווען אויפן ים דורך די לאַנגע שעה'ן פון פינצטערניש. אַזוי האָט ער געצויגן זיין חיונה.

איינמאָל, אין אַ געוויסער נאַכט, האָט די לבנה געשיינט זייער העל, באַלייכטנדיק די וועגן פון ים. און אוראַשימאַ האָט געקניט אין זיין שיף און ער האָט געשווענקט זיין רעכטע האַנט אין גרינעם וואַסער. נידעריק האָט ער זיך איינגעבויגן, ביז זיינע האָר זענען געווען אויסגעשפרייט אויף די כוואַליעס, און ער האָט פאַרגעסן זיין שיף און זיין פישער-נעץ. ער איז געשוואוימען מיט זיין שיף, ביז ער איז געקומען צו אַ כשופדיק אָרט. און ער איז נישט געווען וואַך און נישט געשלאָפן, וואָרים די לבנה האָט אים פאַרכשופט.

דאַמאָלט איז אַרויסגעשטיגן די טאָכטער פון טיפן ים און

זי האָט גענומען דעם פישער אין אירע אָרעמס און זי איז מיט אים געזונקען אַראָפּ, אַראָפּ צו איר קאַלטער ים-הייל. זי האָט אים בעלייגט אויף אַ זאַמד-בעט און לאַנג האָט זי געקוקט אויף אים. זי האָט געשפּרייט איר ים-צויבער איבער אים און געזונגען אי-רע ים-לידער און געהאַלטן אירע אויגן אויף זיינע.

ער האָט געזאָגט: „ווער ביסטו, יונגפרוי?"

זי האָט געענטפערט: „די טאָכטער פון טיפן ים".

„לאָז מיך אַהיים גיין, — האָט ער געזאָגט, — מיינע קליינע קינדער וואַרטן אויף מיר און זיי זענען מיד".

„ניין, ליבערשט זיי מיט מיר" — האָט זי געבעטן, און געזונגען:

אוראַשימאַ,
פישערמאַן פון ים!
דו ביסט אַזוי שיין —
בלייב מיט מיר אַליין.
דיינע לאַנגע האָר
וויקלען-אום מיין האַרץ —
לאָז מיך נישט אַליין
און פאַרגעס דיין היים.

„אָ, לאָז מיך גיין! — האָט געזאָגט דער פישער — אין גאַנץ באַמען! איך וויל צו די מיינינקע".

אָבער זי האָט ווידער געזאָגט:

אוראַשימאַ,
פישערמאַן פון ים!
איך ציר דיין בעטל בונט
מיט פּערל פון דעם גרונט
און וואַסער-בלומען פיל;

וועסט ווערן — ווי איך וויל —
דער שר פון וואַסער-לאַנד —
מיר הערשן דאַן באַנאַנד.

„לאָז מיך אַהיים גיין, — האָט געזאָגט אוראַשימאַ, — מיי-נע קליינע קינדער וואַרטן און זיי זענען מיד״.

אָבער זי האָט געזאָגט:

אוראַשימאַ,
פישערמאַן פון ים!
קיין מורא האָב נישט דאָ
פאַר שטורעמס פון דעם ים —
ער קייקלט צו דער טיר
פון אונזער הייל-געצעלט
אַ פעלז און נאָך אַ פעלז;
און אויך דערשרעק זיך נישט
פאַר די דערטרונקענע,
וואָס ליגן אויפן גרונט —
דו זאָלסט קיינמאָל נישט
שטאַרבן, פישערמאַן.

„אָ, לאָז מיך אַצונד! — האָט געזאָגט דער פישער, — לאָז מיך גיין... איך וויל צו די מייניקע״.

„זיי מיט מיר בלויז די איינע נאַכט״.

„ניין, אַפילו נישט די איינע״.

דאַמאָלט האָט די טאָכטער פון טיפן ים געוויינט און אוראַשימאַ האָט געזען אירע טרערן.

„איך וועל זיין מיט דיר די איינע נאַכט״ — האָט ער געזאָגט.

נאָכדעם ווי די נאַכט איז אַריבער, האָט זי אים אַרויס-געבראַכט צום זאַמד פון ים-ברעג.

„זענען מיר נאָענט פֿון דיין היים?" — האָט זי געפֿרעגט.

ער האָט געענטפֿערט: „אַזוי ווייט ווי מ'קאָן אַ וואָרף־טון אַ שטיין".

„נעם דאָס, — האָט זי געזאָגט, — פֿאַר אַ דערמאָנונג אָן מיר".

זי האָט אים געגעבן אַ קעסטעלע פֿון פּערלמוטער, וואָס האָט געהאַט די קאָלירן פֿון רעגנבויגן און דאָס שלעסל איז געווען פֿון קאָראַל.

„עפֿן עס נישט, — האָט זי אים אָנגעזאָגט, — אָ, פֿי־שער, עפֿן עס נישט!" — און ביי די ווערטער האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין און ער האָט זי מער נישט אָנגעזען, די טאָכטער פֿון טיפֿן ים.

אוראַשימאַ איז געלאָפֿן צווישן די סאָסנע־ביימער, כּדי וואָס שנעלער צו זיין אין זיין ליבער היים. און בשעת ער איז געלאָפֿן, האָט ער געלאַכט פֿון פֿרייד. און ער האָט געהויבן דאָס קעסטעלע אַנטקעגן דער זון — עס זאָל בלענדן אין די שטראַלן.

„אוי, גוט! — האָט ער געזאָגט, — ווי זיס עס איז דער ריח פֿון די סאָסנעס!" אַזוי איז ער געגאַנגען, רופֿנדיק זיינע קינדער מיט אַ קול, וואָס ער האָט זיי אויסגעלערנט — אַ קול פֿון ים־פֿייגל. באַלד האָט ער געזאָגט: „שלאָפֿן זיי נאָך? עס איז מאָדנע, וואָס זיי ענטפֿערן נישט".

ווען ער איז געקומען צו זיין שטיבל, האָט ער געטראָפֿן פֿיר איינזאַמע ווענט, באַוואַקסן מיט מאָך. נאַכטשאָטן־פֿלאַנצן האָבן געבליט אויפֿן שוועל; טויט־ליליען אין מיטן. קיין לעבע־דיק נפֿש איז דאָרט נישט געווען.

„וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט געוויינט אוראַשימאַ. —

האָב איך פאַרלוירן מיין שכל? האָב איך איבערגעלאָזט מייבע אויגן אין טיפן ים?"

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז און לאַנג געטראַכט. „די ליבע געטער זאָלן מיר העלפן! — האָט ער געזאָגט, — וואו איז מיין ווייב און וואו זענען מייבע קליינע קינדער?"

ער איז אַוועק אין דאָרף אַריין, וואו ער האָט געקענט יעדן שטיין אויפן וועג, און יעטווידער ציגל און איטלעכער ציגל-דאַך איז אים געווען היימיש. און דאָרט האָט ער געזען מענטשן, גייענדיק אַהין און צוריק, אָבער זיי האָבן אים אַלע אויסגעזען פרעמד.

„אַ גוט מאָרגן! — האָבן זיי געזאָגט, — אַ גוט מאָרגן, וואַנדערער, וועסטו פאַרווײלן אין אונזער שטאָט?"

ער האָט געזען ווי קינדער האָבן זיך געשפּילט און אָפּטמאָל האָט ער אויפגעהויבן זייערע קעפּלעך, זיי צו באַטראַכטן. אָבער — גאָרנישט.

„וואו זענען מייבע קליינע קינדער? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, — אָ! קוזאַנאָ, געטין פון רחמנות! אפשר ווייסן די געטער, וואָס דאָס אַלץ באַטייט? עס איז צופיל פאַר מיר".

ווען זונפאַרגאַנג איז געקומען, איז זיין האַרץ שווער געווען ווי שטיין און ער איז אַוועק און זיך געשטעלט אויף די שייד-וועגן פון שטאָט. בשעת מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיי געצויגן ביים אַרבל:

„פריינט, — האָט ער געזאָגט, — זייט מוחל! האָט איר דאָ נישט געקענט אַ פישער, וואָס מען האָט אים גערופן אוראַשימאַ?"

און די מענטשן, וואָס זענען אים פאַרבייגעגאַנגען, האָבן

אים געענטפערט: „מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט פון אזוינעם".

עס זענען פאַרביי פויערים פון די בערג, טייל זענען געגאַנגען צופוס; אַנדערע האָבן געריטן אויף געדולדיקע לאַסט-פערד. זיי זענען פאַרביי זינגענדיק זייערע פעלד-לידער און זיי האָבן געטראָגן קוישן מיט ווילדע יאַגדעס, אָדער גאַרבן ליליען זענען געווען צוגעבונדן צו זייערע פלייצעס. די ליליען האָבן זיך געוויגט, בשעת זיי זענען געגאַנגען. פּילגער זענען פאַר-בייגעגאַנגען, אַלע געקליידט אין ווייסן, מיט שטעקנס און היט פון רייז-שטרוי, סאַנדאַלן, פעסט ארומגעבונדן, און לאַגלען וואַ-סער. שנעל זענען זיי געגאַנגען, לייכט זענען זיי געגאַנגען, טראַכטנדיק הייליקע זאַכן. און שרים און דאַמען זענען פאַר-בייגעגאַנגען, גרויסאַרטיק געקליידט. די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן.

„איך פאַרליר די זיסע האָפנונג" — האָט געטראַכט או-ראַשימאַ.

נאָר דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטער, אַלטער מאַן.

„אָ, אַלטער מאַן, — האָט אויסגערופן דער פישער, — דו האָסט געזען אַ סך טעג; ווייסטו אפשר פון אוראַשימאַ? אָט-אָ-דאָ איז ער געבוירן און דערצויגן געוואָרן".

דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט: „געווען דאָ איינער מיט דעמדאָזיקן נאָמען, אָבער, האַר, ער איז דערטרונקען געוואָרן מיט לאַנגע יאָרן צוריק. מיין זיידע האָט אים קוים געדענקט פון דער צייט, וואָס ער (מיין זיידע) איז געווען אַ קליין ייִנגל. גוטער פרעמדער, עס איז געווען אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק".

אוראַשימאַ האָט געזאָגט: „איז ער טויט?"

„קיין מענטש איז נישט טויטער פון אים. זיינע זין זע-נען טויט און זייערע זין זענען טויט. אַ גוטע נאַכט דיר, פרעמ-דער".

דאמאָלט איז אוראַשימאַן באַפאַלן אַ שרעק. אָבער ער האָט געזאָגט: „איך מוז גיין צום גרינעם טאָל, וואו די טויטע שלאָפן" — און צום טאָל האָט ער געריכט זיינע טריט.

ער האָט געזאָגט: „ווי קאַלט דער נאַכט-ווינט בלאָזט דורך די גראָזן! די ביימער שוידערן און די בלעטער קערן זייער בלאַסע הויט צו מיר".

ער האָט געזאָגט: „געגריסט זיי, טרויעריקע לבנה, וואָס דו ווייזט מיר די אַלע שטילע קברים. דו ביסט מיט גאָרנישט אַנדערש פון דער לבנה אַמאָל".

ער האָט געזאָגט: „דאָ זענען מיינע זינס קברים און זייערע זינס קברים. אָרימער אוראַשימאַ, קיין מענטש איז נישט טויטער פון אים... אַצונד בין איך איינזאַם צווישן די גייסטער..."

„ווער וועט מיך טרייסטן?" — האָט געזאָגט אוראַשימאַ.

דער נאַכט ווינט האָט געזיפצט — און מער גאָרנישט.

דאַמאָלט איז ער צוריקגעגאַנגען צום ים-ברעג. „ווער וועט מיך טרייסטן?" — האָט געוויינט אוראַשימאַ. אָבער דער הימל איז געבליבן רואיק און די בערג-כוואַליעס פון ים האָבן זיך ווייטער געקייקלט.

אוראַשימאַ האָט געזאָגט: „אָט איז דאָס קעסטעלע". און ער האָט עס אַרויסגענומען פון אַרבל און עס געעפנט. עס איז פון דאָרט אַרויס אַ דורכזיכטיקער ווייסער רויך, וואָס איז אַוועקגעשוואומען צום וויטן האָריזאָנט.

„איך ווער זייער מיד", — האָט געזאָגט אוראַשימאַ. אין אַן אויגנבליק זענען זיינע האָר געוואָרן ווייס ווי שניי. ער האָט געציטערט. זיין גוף איז געשרומפן געוואָרן; זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט נעפל. ער, וואָס ער איז געווען אַזוי יונג און לוסטיק, האָט זיך געוואַקלט און געטרייסלט.

„איך בין אַלט" — האָט געזאָגט אוראַשימאַ.

ער האָט געוואָלט פאַרמאַכן דאָס קעסטעלע, נאָר ער האָט עס אָוועקגעוואָרפן, זאָגנדיק: „ניין, דער רויך איז אויף אייביק אַרויס. טאָ וואָס איז דער חילוק?"

ער האָט אין זיין גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן אויפן זאַמד און געשטאָרבן.

א. אלפי

דער זינג-פויגל פון הימל

א מאַ-טעראַסו, די שטראַלנדיקע, דאָס ליכט פון הויכן הימל, האָט באַפוילן: „זיין הערלעכקייט, מיין פּראַכטיק קינד, וואָס ווערט גערופן באַזיגער, זאָל נידערן צום לאַנד אונטן, וואָרים עס איז אַ לאַנד פון רייכע ראָר-פּליינען, אַ לאַנד פון פרישע רייז-זאַנגען, אַ לאַנד פון טויזנט שניט-צייטן. פון דעמדאָזיקן לאַנד זאָל ער זיין קיניג".

זיין הערלעכקייט, דאָס געטער-קינד, דער באַזיגער, איז געשטאַנען אויף דער שווימענדיקער בריק פון הימל און אַראָפּ-געקוקט און ער האָט געזען, אַז דאָרט הערשט גרויס אומרו אויפן לאַנד פון די ראָר-פּליינען, וואָרים די ערדישע געטער האָבן מלחמה געהאַלטן צווישן זיך און בלוט איז גערונען און מוראדיקע קריגס-געשרייען האָבן זיך געטראָגן ביזן הויכן הימל. אַזוי האָט דאָס הערלעכע קינד, דער הימליש-געבוירענער, זיך צוריקגעקערט איבער דער שווימענדיקער בריק און געשוואוירן,

אַז ער וועט נישט נידערן צו דער ערד, כּדי צו הערשן איבערן לאַנד, ביז דאָס לאַנד וועט געריייניקט ווערן.

און אַמאַ-טעראַסו, דאָס ליכט פון הויכן הימל, וואָס די זון איז פעסט אַריינגעפּאַסט צווישן אירע אויגן, האָט פאַרפּוצט איר קאָפּ מיט איידלשטיינער און צונויפגערופן די געטער צו אַ געטלעכער אסיפה אויפן ברעג פון רואיקן טייך און זי האָט געזאָגט: „ווער זאָל אונטעריאָכן דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן צום הערלעכן קינד?"

און אַלע געטער האָבן גערופן: „אָ, דיין הערלעכקייט, שיק-אַראָפּ דעם שר פון שפּיזן". דער שר פון שפּיזן האָט לייכט געגנידערט איבער דער שווימענדיקער בריק; און צו זיין פּליי-צע זענען געהען צוגעבונדן אַכט הונדערט שפּיזן. ער האָט געמאַכט שלום מיטן האַר פון די ראָר-פּליינען און דאָרט פאַר-בליבן. און דריי יאָר צייט איז פון אים נישט געקומען קיין ידיעה.

דעריבער האָט די קיניגין פון הימל נאָכאַמאָל גערופן דעם, וואָס די געטער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן וואונדער-לעכער, און זי האָט גערופן דעם גאָט פון טיפע מחשבות און אַזוי האָט זי אויך גערופן יעדן גאָט פון הימל, און זיי זענען געקומען צו דער אסיפה ביים ברעג פון רואיקן טייך, אַזוי אַז אויפן זאַמד זענען פאַרבליבן די צייכנס פון זייערע הערלעכע פיס. און אַמאַ-טעראַסו האָט געזאָגט: „זעט אַצונד, דער שר פון די שפּיזן האָט געפעלשט. וועמען זאָלן מיר שיקן צו רעגירן דאָס לאַנד?" און דער יונגער פּרינץ האָט געענט-פערט: „אָ, מוטער פון הימל, דיין הערלעכקייט, שיק מיך". און אַלע געטער האָבן אויפּאַמאָל גערופן: „שיק אים, שיק אים!", ביז עס איז געוואָרן אַ גערויש ווי פון אַ דונער.

דער יונגער פּרינץ האָט אָנגעטון זיינע סאַנדאַלן און זיי האָבן אים געבראַכט דעם גרויסן בויגן, וואָס שטייט אין זאַל פון הויכן הימל, און אים אָנגעהאַנגען אויף אים און זיי האָבן אים געגעבן אַ סך הימליש־באַפעדערטע פיילן. אַזוי האָבן זיי אים צוגעגרייט און זיי האָבן אים געבראַכט צו דער שווימענ־דיקער בריק. און דער יונגער פּרינץ האָט לייכט אַראָפּגעגלידערט און זיינע מלבושים האָבן געשיינט מיט דעם פּראַכט פון הימל. אָבער ווען ער האָט באַרירט די שפּיצן פון די הויכע בערג, האָט זיין האַרץ געשלאָגן שנעל און זיין בלוט איז געפלאָסן וואַרעם. דעריבער האָט ער אָפּגעבונדן די סאַנדאַלן און זיי אַוועקגעוואָרפן און ער איז געלאָפן באָרוועס, ווי אַן ערדישער גאָט, און ער איז געקומען צום פּאַלאַץ אויף די ראָר־פליינען און ער האָט גענומען די פּרינצעסין פאַר זיין ווייב. און דער־פאַר, וואָס ער האָט זי ליב געהאַט און ליב געהאַט אירע ער־דישע קינדער, האָט ער נישט געבראַכט קיין ידיעה צום הויכן הימל און פאַרגעסן די וואַרטנדיקע געטער, וואָרים דער הימל האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום.

אָבער די געטער זענען מיד געוואָרן.

און אַמאַ־טעראַסו האָט געזאָגט: „לאַנג, לאַנג פאַרזאַמט זיך אונזער שליח און לאָזט פון זיך נישט הערן. מיין הערלעך קינד וואַרט מיט אומגעדולד. וועמען זאָלן מיר אַצונד שיקן?" אויף דערויף האָבן אַלע געטער, און דער גאָט פון טיפע מחשבות, געענטפערט: „שיק אַראָפּ דעם זינג־פויגל, דעם באַליבטן פון הויכן הימל".

האָט אַמאַ־טעראַסו גענומען דעם גאָלדענעם זינג־פויגל און געזאָגט: „זיסע מוזיק פון די הימלישע געטער, שפּרייט־אויס דיינע ליכטיקע פליגל און פלי צום לאַנד פון די ראָר־פליינען

און זוך דאָרט אויס דעם יונגן פּרינץ, דעם שליח פון הימל, און ווען דו געפינסט אים, זינג אין זיינע אויערן אַריין דאָס-דאָזיקע געזאַנג:

ס׳האָט אַמאָ-טעראַסו,
די געטין פון זון,
געשיקט מיך צו פרעגן:
צי האָסטו דערפילט
דאָס שליחות פון הימל —
און וואָס איז דיין וואָרט
צו די געטער?

דער פויגל איז אָפּגעפלויגן, זינגנדיק. און ער איז געקו-מען צום לאַנד פון די ראָר-פליינען און ער האָט זיך באַזעצט אויף אַ בוים, וואָס איז געוואַקסן לעבן דעם יונגן פּרינצס וואוינאָרט. טאָג און נאַכט האָט ער געזונגען און די געטער פון הימל האָבן געבענקט נאָך זייער זיסן זינג-פויגל. אָבער ער האָט זיך נישט צוריקגעקערט, נייערט געזעסן אויפן צווייג פון בוים.

אָבער דער יונגער פּרינץ האָט נישט געשענקט קיין אַכט.

און זי, וואָס רעדט שלעכטס, האָט געהערט די ווערטער, וואָס דער פויגל זינגט. און זי האָט געפּליסטערט אין דעם יונגן פּרינצס אויער: „זע, מיין האַר, דאָס איז אַ שלעכטער פויגל און בייז איז זיין ליד. דעריבער נעם דו דיין פייל-און-בויגן און גיי אַרויס אים צו טייטן״. אַזוי האָט זי אים געבעטן און מיט איר צויבער האָט זי עס געפּועלט ביי אים. דער יונ-גער פּרינץ האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט גענומען זיין בויגן און זיינע הימליש-באַפעדערטע פיילן און ער האָט גע-שאָסן אַ פייל אין די צווייגן פון בוים און מיטאַמאָל האָט דאָס

זיסע געזאַנג אויפגעהערט און דער גאָלדענער פויגל איז געפאַלן טויט.

אָבער די הימליש-באַפעדערטע פייל איז ווייטער געפלויגן און אַדורכגעלעכערט דעם דיל פון הימל און געגרייכט דאָס הויכע אָרט, וואו די זון-געטין איז געזעסן באַנאַנד מיט אירע געטלעכע עצה-געבערס, ביים ברעג פון רואיקן הימל-טייך. און דער גאָט, וואָס ווערט גערופן וואונדערלעכער, האָט אויפגעהויבן די פייל און דערזען דאָס בלוט. און דער גאָט פון טיפע מחשבות האָט געזאָגט: „דאָס איז פון די פיילן, וואָס מיר האָבן געגעבן דעם יונגן פרינץ". און ער האָט עס געוויזן די געטער און ער האָט געזאָגט: „אויב דער יונגער פרינץ האָט דידאָזיקע פייל געשאָסן אויף די שלעכטע געטער, ווערליק אונזער באַפעל, זאָל עס אים אַליין נישט שעדיקן. אָבער, אויב זיין האַרץ איז נישט ריין, דאַמאָלט זאָל דער יונגער פרינץ געטייט ווערן דורך זיין פייל" — — — און ער האָט די פייל צוריקגעשליידערט צו דער ערד.

נון, דער יונגער פרינץ איז געלעגן אויף זיין געלעגער און געשלאָפן. און די פייל איז געפאַלן און דורכגעלעכערט זיין האַרץ און ער איז געשטאָרבן.

דער זיסער זינג-פויגל האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט און די געטער האָבן געטרויערט.

דער יונגער פרינץ איז געלעגן טויט אויף זיין בעט און דער יאָמער פון זיין ווייב, די פרינצעסין, האָט אָפגעקלונגען אין ווינט און איז געהערט געוואָרן אין הימל. האָט דעם יונגן פרינצס פאָטער אַראָפגענידערט מיט קולות און געקלאָג און מען האָט אויפגעשטעלט אַ הויז פון טרויער אויפן לאַנד פון

די ראָר־פליינען און מען האָט מקבר געווען דעם יונגן פרינץ.

און אַהינצו זענען געקומען טרויערן דיווילדע גאַנז פון טייך און דער בריליאַנט־באַפעדערטער פויגל און דער קיניג־פישער. און זיי האָבן געטרויערט אויף אים אַכט טעג און אַכט נעכט.

א. אלמי

דאָס לבנה־מיידל

אַ מאָל איז געווען אַן אַלטער באמבו־העקער מיטן נאָמען טאַקע טאָרי. ער איז געווען אַן ערלעכער אַלטינקער, זייער אָרעם און ער האָט געאַרבעט שווער. ער האָט געוואוינט מיט זיין גוט, אַלט ווייב אין אַ שטיבל אין די בערג. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט און ווייניק נחת אין זייערע אַלטע יאָרן, אָרימע נשמות!

טאַקע טאָרי האָט זיך אויפגעהויבן פרי אין אַ זומער־מאָרגן און ער איז אַרויס האַקן באַמבוסן, וואָס דאָס איז געווען זיין חיונה. די באַמבוסן פלעגט ער פאַרקויפן אין שטאָט און אַזוי האָט ער געצויגן זיין ביסל פרנסה.

ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף די משופעדיקע בערג און ער איז אָנגעקומען אין באַמבו־וועלדל אַ מידער. ער האָט אַרויסגענומען זיין בלאָ טוך און זיך אָפגעווישט דעם שטערן. „ווי פאַר מיינע אַלטע ביינער! — האָט ער געזאָגט, — איך

בין שוין נישט אַזוי יונג, ווי איך בין געווען, אַזוי אויך נישט מיין גוט ווייב און נישטאָ איז קיין קינד אונז צו העלפן אויף דער עלטער". ער האָט געזיפצט, בעת ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אָרימער טאַקע טאָרי.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ העל ליכט שיינען צווישן גרינע שטאַמען פון די באַמבו-ביימער.

„וואָס איז דאָס אַזוינס?" — האָט זיך געוואונדערט טאַקע טאָרי, וואָרים תמיד איז געווען טונקל און שאָטנדיק אין דעם באַמבו-וואַלד. „איז עס די זון? — האָט געזאָגט טאַקע טאָרי, — ניין, דאָס קאָן נישט זיין, וואָרים עס קומט פון דר'-ערד". ער האָט זיך געלאָזט צווישן די באַמבו-שטאַמען, כדי צו זען פון וואַנען דאָס העלע ליכט קומט. עס איז געקומען פון דעם וואָרצל פון אַ גרויסן, גרינעם באַמבו. טאַקע טאָרי האָט גענומען די האַק און אונטערגעהאַקט דעם גרויסן, גרינעם באַמבו און דאָרט איז געווען אַ פיינער, שיינענדיקער, גרינער איידלשטיין, גרויס ווי זיינע צוויי פויסטן.

„וואונדער איבער וואונדער! — האָט געוופן טאַקע טאָרי, — וואונדער איבער וואונדער! פינף און דרייסיק יאָר האָב איך געהאַקט באַמבוסן און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך געפין אַ גרויסן, גרינעם איידלשטיין אין דעם וואָרצל פון איינעם פון זיי". ביי די ווערטער האָט ער גענומען דעם איידל-שטיין אין זיינע הענט און אַזוי שנעל ווי ער האָט דאָס גע-טון, האָט זיך דער איידלשטיין צושפּאָלטן אין צווייען מיט אַ שטאַרק געוויש, אויב איר וועט'ס גלויבן, און עס איז דער-פון אַרויסגעקומען אַ יונג מיידל און עס איז געשטאַנען אויף טאַקע טאָריס האַנט.

איר מוזט פאַרשטיין, אַז דאָס יונגע מיידל איז געווען

קליין, אָבער זייער שיין. זי איז געווען געקליידט אין לויטער-גרינעם זייד.

„איך גריס דיך, טאַקע טאָרי!" — האָט זי געזאָגט, אַזוי איידל ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן.

„האָב רחמנות! — האָט געזאָגט טאַקע טאָרי, — איך דאַנק דיר פריינטלעך. איך רעכן, אַז דו ביסט אַ צויבערין, אויב איך בין נישט צו גראָב דיך צו פרעגן?"

„דו ביסט גערעכט, — האָט זי געענטפערט, — אַ צויבערין בין איך און איך וועל וואוינען מיט דיר און דיין ווייב אַ שטיקל צייט".

„נון... אַצונד... — האָט געמורמלט טאַקע טאָרי, — זיי מיר מוחל — מיר זענען זייער, זייער אָרעם. אונזער שטיבל איז גאַנץ גוט, אָבער איך האָב מורא, אַז דאָרט איז נישטאָ גענוג באַקוועמלעכקייט פאַר אַזאַ דאַמע, ווי דו ביסט".

„וואו איז דער גרויסער, גרינער איידלשטיין?" — האָט געפרעגט די צויבערין.

טאַקע טאָרי האָט אויפגעהויבן די צוויי העלפטן: „אָהאָ, ס'איז פול מיט גאָלדשטיקער!" — האָט ער געזאָגט.

„דאָס וועט זיין אויף חיונה, — האָט געזאָגט די צויבערין, — און אַצונד לאָמיר אַהיימגיין".

אַהיים זענען זיי געגאַנגען. „ווייב! ווייב! — האָט גערופן טאַקע טאָרי, — אַ צויבערין קומט וואוינען צו אונז און זי האָט אונז געבראַכט אַ שיינענדיקן איידלשטיין, גרויס ווי אַ מילגרוים, פול מיט גאָלדשטיקער".

דאָס גוטע ווייב איז אַרויסגעלאָפן פאַר דער טיר זי האָט קוים געקענט גלויבן אירע אויגן.

„וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט. — גרויס ווי אַ

מילגרוים און פול מיט גאָלדשטיקער? מילגרוימען האָב איך גע- זען א סך, אָבער גאָלדשטיקער דעריין זענען נישטאָ..."

„לאָז געמאַך, פרוי,— האָט טאַקע טאָרי געזאָגט,— ביסט באַריש!" און ער האָט די צויבערין אַריינגענומען אין הויז.

וואונדערלעך שנעל איז די צויבערין געוואַקסן. איידער א סך טעג זענען אַריבער, איז זי געווען אַ פיינע, הויכע יונגע פרוי, אַזוי פריש און אַזוי לויטער ווי דער מאָרגן, אַזוי ליכטיק ווי די לבנה, אַזוי זיס און שטיל, ווי דער אָוונט און אַזוי טיף, ווי די נאַכט. טאַקע טאָרי האָט זי גערופן „די דאַמע העלשטראַלנדיק", דערפאַר, וואָס זי איז אַרויסגעקומען פון שטראַלנדיקן איידלשטיין.

טאַקע טאָרי האָט יעדן טאָג אַרויסגענומען גאָלדשטיקער פון איידלשטיין. ער איז געוואָרן רייך און ער האָט אויסגעגעבן א סך געלט, אָבער עס איז שטענדיק געווען גענוג און נאָך אויף שפּאָרן. ער האָט זיך אויפגעבויט א פיין הויז. ער האָט בעהאַט דינער, אים צו באַדינען. די דאַמע העלשטראַלנדיק איז געווען ווי א קיניגין. איר שיינקייט האָט געהאַט א שם נאָענט און ווייט, און צענדליקער ליבהאָבערס זענען געקומען בעטן איר האַנט.

אָבער זי האָט קיינעם נישט געוואָלט. „טאַקע טאָרי און זיין ליב, גוט ווייב זענען מיינע אמתע ליבהאָבערס — האָט זי געזאָגט, — און איך וועל זיין מיט זיי און זיין זייער טאָכטער".

אַזוי זענען אַריבער דריי גליקלעכע יאָר; אויפן דריטן יאָר איז דער מיקאַדאָ אַליין געקומען צו דער דאַמע העל- שטראַלנדיק. ער איז געווען אַ העלדישער ליבהאָבער.

„דאַמע, -- האָט ער געזאָגט, — איך בוק זיך צו דיר,

מיין נשמה באַגריסט דיך. זיסע דאַמע, אָ, מיין קיניגין!"

דאַמאָלט האָט די דאַמע העלשטראַלנדיק געזיפצט און גרויסע טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן און זי האָט געהאַלטן איר פּנים אין אירע אַרבל.

"האַר, איך קאָן נישט!" — האָט זי געזאָגט.

"קענסט נישט? — האָט געזאָגט דער מיקאַדאָ, — און פאַרוואָס נ י ש ט, אָ, ליבע דאַמע העלשטראַלנדיק?"

"וואַרט און זע, מיין האַר" — האָט זי געזאָגט.

נון, אַרום דעם זיבעטן חודש איז זי געוואָרן זייער טרויעריק און זי איז אינערגעץ נישט אַרויסגעגאַנגען, נייערט געזעסן אויף דעם גאָרטן-גאַניק פון טאַקע טאָריס הויז. דאָרט איז זי געזעסן ביינאַכט און געקוקט צו דער לבנה און די שטערן. דאָרט איז זי געווען אין איין ליבן אָוונט, בשעת די לבנה איז געווען פול. אירע יונגפרויען זענען געווען מיט איר און אויך טאַקע טאָרי און דאָס גוטע ווייב און דער מיקאַדאָ — דער העלדישער ליבהאָבער.

"ווי ליכטיק די לבנה שיינט!" — האָט געזאָגט טאַקע טאָרי.

"וואָרהאַפטיק, — האָט געזאָגט דאָס גוטע ווייב, — זי איז ווי אַ מעשענער בעקן, גוט געשייערט".

"זע, ווי בלאַס זי איז, — האָט געזאָגט דער מיקאַדאָ,— ווי אַ טרויעריק-פאַרצווייפלטער ליבהאָבער".

"וואָס פאַראַ לאַנגער און ליכטיקער שטראַל! — האָט אויסגערופן טאַקע טאָרי, — ווי אַ וועג וואָלט זיך געצויגן פון דער לבנה ביז צום גאַניק פון אונזער גאָרטן".

"אָ, טייערער דערציער מיינער! — האָט געוויינט די דאַמע העלשטראַלנדיק, — דו זאָגסט ריכטיק, עס איז אַ וועג

טאַקע. און מיט אַט דעם וועג קומען אומצייליקע הימלישע וועזנס, לייכט, מיך אַ היים צו נעמען. מיין פאָטער איז דער קיניג פון דער לבנה. איך האָב אים ווידערגעשפעניקט. ער האָט מיך געשיקט אויף דער ערד, אָפּצוזיצן דריי יאָר גלות. די דריי יאָר זענען אַריבער און איך קער זיך אום צו מיין אייגן לאַנד. אַ, עס איז טרויעריק זיך צו שיידן".

„דער נעפּל נידערט אַראָפּ" — האָט געזאָגט טאַקע טאָרי.

„ניין, — האָט געזאָגט דער מיקאַדאָ, — דאָס זענען די שליחים פון לבנה-קיניג".

זיי זענען אַראָפּגעקומען, הונדערטער און טויזנטער, טראָגנדיק שטורקאַצן. שווייגנדיק זענען זיי געקומען און באַלויכטן דעם גאָרטן-גאַניק. דער עלצטער פון זיי האָט געבראַכט אַ הימליש פעדערן-מאַנטל. אויפגעהויבן האָט זיך די דאַמע העלשטראַלנדיק און אָנגעטון אויף זיך דעם מאַנטל.

„אַ גוטן, טאַקע טאָרי, — האָט זי געזאָגט, — אַ גוטן, ליבער דערציער! איך לאָז דיר מיין צירונג פאַר אַ דערמאָנונג... און דו, מיין האר!... איך וואָלט גערן געוועזן, אז דו זאָלסט מיט מיר מיטגיין, אָבער דאָרט איז נישטאָ קיין פעדערן-מאַנטל פאַר דיר. איך לאָז דיר אַ פיאָלע מיט לויטערן עלעקסיר פון יעבן. טרינק, מיין האר, און זיי גלייך צו די אומשטאַרבלעכע".

דאַמאָלט האָט זי אויסגעשפרייט אירע ליכטיקע פליגל און די שליחים פון הימל האָבן זי אַרומגערינגלט. באַנאַנד זענען זיי אַרויף אויפן וועג פון דער לבנה, און מען האָט זיי מער נישט געזען.

דער מיקאַדאָ האָט גענומען דעם לעבנס-עלעקסיר אין זיין האַנט און ער איז אַרויף אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג אין לאַנד. און ער האָט אָנגעלייגט אַ גרויס פייער, וואָס זאָל פאַר-

צערן דעם לעבנס-עלעקסיר, וואָרים ער האָט געזאָגט: „וואָס טויג מיר צו לעבן אייביק, אויב איך בין אָפּגעשיידט פון דער דאַמע העלשטראַלנדיק?"

אַזוי איז דער לעבנס-עלעקסיר פאַרצערט געוואָרן און זיין בלאָע פאַרע איז אַרויפגעשטיגן צום הימל. און דער מיקאַדאָ האָט געזאָגט: „זאָלן מיינע רייד אַרויפשוועבן מיט דער פאַרע און גרייכן די אויערן פון מיין דאַמע העלשטראַלנדיק".

בּוך IV

ביי די שוועלן פון די וויגוואַמס

גיבן דען נישט די זון און דער רעגן אַלעמען
גלייך? טאָ פאַרוואָס זאָלן מענטשן באַהאַלטן עפּעס
בלויז פאַר זיך? — אַן אינדיאַניש וואָרט.

ווער זענען די אינדיאַנער?

פון מצרים, אינדיע, יאפאן קיין אמעריקע, צו דער רויט-הויטיקער ראַסע, איז אַ היפּשער שפּרונג. אָבער זענען אַזעלכע שפּרונגען שוין נישט אַמאָל געמאַכט געוואָרן, פיל הונדערטער יאָרן פאַר קאָלאָמבוסן — איבער ים און לאַנד? און זענען דען די באַגריפן, וועלט באַנעם, מיטאָס פון די רויט-הויטיקע אַמעריקאַנער און די פון די עגיפּטער, הינדוסן, באַבילאָנער אָן שייכות איינע צו די אַנדערע? איז דען קאָלאָמבוסעס נסיעה, וואָס האָט געפירט צו דער אַנטדעקונג פון דער „נייער וועלט", נישט אינספּירירט געוואָרן פון דעם באַגער צו געפינען אַ נייעם — נענטערן — וועג קיין אינדיע?

די שפּאַנישע אַוואַנטוריסטן האָבן געבראַכט חורבן און טויט אויף דער רויט-הויטיקער ראַסע; אַלטע וואונדערלעכע טעמפּלען און מאָנומענטן פון די אַצטעקן, אינקאַס, מאַיאַס, טאָלטעקן, מאָקיס, צוניס, טלאַסקאַלאַנער און פון די אַנדערע אינדיאַנישע שבטים זענען פאַרוויסט געוואָרן. די

מערסטע פון זייערע שריפטן האָט מען פאַרברענט, פאַרטיליקט, אַזוי אַז פאַרלוירן איז געוואָרן דער שפּור, וואָס וואָלט אפשר דערפירט צום אָפּשטאַם פון די רויט-הויטיקע. אָבער פון דעם ביסל שריפטן, וואָס די אינדיאַנער האָבן ווי-ס׳איז געראַטעוועט, און פון די מאָנומענטן, וואָס זענען פאַרבליבן, האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ רייכער, כאָטש ווייט נישט גענוגנדיקער, מאַטעריאַל וועגן דער אומגליקלעכער ראַסע און אירע רייכע אימפּעריעס.

איז אַמאָל — פאַר קאָלאָמבוסן — געווען אַ פאַרקער צווישן דער אַלטער וועלט און דער „נייער״? פאַראַן פיל אָנצוהערענישן וועגן כינעזישע רייזנדער, וואָס האָבן באַזוכט אַמעריקע אַ סך דורות פאַר קאָלאָמבוסן; זיכער האָבן געגרייכט די אַמעריקאַנישע ברעגן נאָרמאַנישע רייזנדער. אין יאָר 981 האָבן צוויי נאָרוועגיער, גון ביאָרן און עריק דער רויטער פון אינזל איסלאַנד אַנטדעקט דעם אינזל גרינלאַנד און אַנדערע אינזלען, און שפּעטער האָט עריקס זון, לייף, די אינזלען אויסגעפאָרשט, אָבער קיין גרויס וועזן האָבן זיי פון דער אַנטדעקונג נישט געמאַכט און זיי זענען מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן, לאָזנדיק הינטער זיך טונקעלע לעגענדן צווישן זייערע לאַנדסלייט און אויך צווישן די אינדיאַנער און עסקימאָסן.

ס׳איז אויך כמעט זיכער, אַז פיל הונדערטער יאָרן פאַר קאָלאָמבוסן איז געווען אַ פאַרקער צווישן די פעלקער פון צפון-סיביר און די עסקימאָסן פון צפון-אַמעריקע — איבערן שמאָלן „בעהרינג״-וואַסער-וועג, וואָס ווינטער-צייט איז ער פאַרפרוירן און מ׳קאָן איבער אים גיין און פאָרן. די ענלעכקייט צווישן די מנהגים, לשונות און אפילו בילדער-שריפט פון די סיבירער שבטים און די אינדיאַנער פון אַלאַסקאַ און קאַנאַדע באַשטעטיקן אַזאַ פאַרבינדונג צווישן די ביידע וועלט-טיילן. גלויבט זיך דעריבער אויך, אַז אַזיאַטישע שבטים האָבן געקענט אַריינדרינגען טיפער

אין אַמעריקע און זיך דאָ פאַרשפּרייטן ווייטער און ווייטער. אָבער קיין וויסנשאַפטלעכע באַשטעטיקונג אויף דעם איז נאָך לעת-עתה נישטאָ. אן השערה איז נאָך אויך דערווייל דער מעגלע-כער פאַרקער צווישן דרום-אַזיע, אויסטראַליע און אַמעריקע — אין די ווייטע צייטן, כאָטש סמנים פון אַזאַ פאַרקער זעט מען אין דער ענלעכקייט צווישן די פּערואַנער, אינדיאַנער און די מאַלאַייער. וועגן דעם אָפּשטאַם פון די אינדיאַנער זענען געווען — און זענען דאָ — אַ סך היפּאָטעזעס: זיי שטאַמען פון די כי-נעזער, פון די יאַפּאַנער, פון די פעניקער, באַבילאָנער, אָדער גאָר פון יידן — פון די פאַרלוירענע צען שבטים, ווי לאָרד קינגסבאָראָ האָט עס אין זיינע ווערק דוקא געוואָלט באַווייזן בנוגע די אינדיאַנער פון מעקסיקאָ; דער גלויבן וועגן דעם יידישן אָפּשטאַם פון די אינדיאַנער איז אַמאָל געווען שטאַרק פאַר-שפּרייט, מנשה בן ישראל איז געווען אַ שטאַרקער מאמין פון דער-דאָזיקער טעאָריע און די אמונה פון די מאָרמאָנען איז אויף דעם געבויט. צי מען וועט אַמאָל דערגיין דעם אמת מכח דעם אָפּשטאַם פון דער רויט-הויטיקער ראַסע, איז, נאַטירלעך, שווער צו זאָגן.

איז, ווי זאָל מען דערקלערן די ענלעכקייט צווישן די פּיראַמידן פון די נאַהואַטל-אינדיאַנער און די פון מצרים, אָדער צווישן טייל אינדיאַנישע העראָגליפן און די עגיפּטישע? אָט איז דער אינדיאַנישער משיח-גאָט קוועצאַקאָאַטל, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַ בתולה און די לעגענדן וועגן אים דערמאָנען אַזוי שטאַרק די לעגענדן אַרום יעזוס, בודאַ-קרישנאַ, און ווי יעזוס און בודאַ דאַרף ער ווידער דער-שיינען אויף דער ערד. איין סטאַטוע שטעלט אים פאָר אין אַ ויצנדיקער פּאָזע, ווי בודאַ; די אינדיאַנישע פייערונג פון ניטל — דעם געבוירן-טאָג פון די זון-געטער — איז ענלעך צום קריסט-לעכן ניטל און די צערעמאָניעס צו די קריסטלעך-קאַטוילישע.

די קלויסטערס פון די אינדיאַנישע זון-בתולות זענען ווי אַ מאָדעל פון די רוימישע וועסטאַלקעס; די פּערואַנער האָבן באַלזאַמירט זייערע טויטע אויפן אייגענעם אופן, ווי די עגיפּטער; אינדיאַנישע לעגענדן דערציילן וועגן אַ מבול, וועגן אַ טורעם צום הימל, ווי זיי וואָלטן עס אַרויסגענומען פון דער ביבל; זיי האָבן מעשיות וועגן גנבענען פייער פון הימל, וואָס דערמאָנען דעם גריכישן פּראָמאָטעאוס — און אַזוי גייען אָן אַ שיר אַנדערע אַנאַלאָגיעס.

איז דאָס אַלץ צופאַל? געוויס האָבן דיזעלביקע נאַטור-דערשיינונגען אַרויסגערופן ענלעכע פאָרשטעלונגען און לעגענדן ביי פאַרשיידענע פּרימיטיווע פעלקער; אָבער דאָ רעדן מיר בלויז וועגן מער קאָמפּליצירטע פאָרמען און אידעען, וואָס ווייזן אָן אויף אַ קאָנטאַקט צווישן דער אַלטער וועלט און „נייער", לאַנג-לאַנג פאַר קאָלאָמבוסן. מיר האָבן דעריבער געפונען פאַר נייטיק צו ברענגען אין דעמדאָזיקן בוך לעגענדן, — אין פאַרבינדונג מיט די פאָרשטעלונגען פונם וועלט-באשאַף, — וואָס זענען געמען — און זענען נאָך ביז אַצונד — פאַרשפּרייט ביי פאַרשיידענע אינדיאַנישע שבטים. נאַאיווע, זייער קינדישע פאָרשטעלונגען און באַגריפן, וואָס ווייזן, אַז כאָטש אין דער צייט פון די שפּאַנישע דעראָבערער זענען אייניקע אינדיאַנישע פעלקער געווען אויף אַ גאַנצער באַטייטנדיקער מדרגה פון ציוויליזאַציע, זענען זיי דאָך — אַזוי נאָענט פון אונזער צייט — גייסטיק געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון די עגיפּטער, באַבילאָנער — שוין אָפּגערעדט פון יידן, גריכן און הינדוסן — מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

די פינף וועלטן

דער ערשטער מאַנסביל און די ערשטע פרוי

(לויט די נאַוואַהאָ-אינדיאַנער — אין ניו-מעקסיקא און אַריזאָנאַ)

צוועלף פעלקער האָבן געוואוינט אין דער ערשטער וועלט: די טונקעלע מוראַשקעס; די רויטע מוראַשקעס; די דראַגאָן-פליגן; די געלע זשוקעס; די האַרטע זשוקעס; די שטיינטרעגער-זשוקעס; די שוואַרצע זשוקעס; די וואָלף-זשוקעס; די פלעדערמייז; די ווייס-פּנימדיקע זשוקעס; די היישעריקן און די ווייס-פּנימדיקע היישעריקן *). די אַלע האָבן דאָרט געוואוינט.

וואַסער איז געפלאָסן פון דער ערשטער וועלט צו דריי זייטן. איין שטראָם צו מזרח; אַן אַנדערער, צום דרום; און נאָך איינער, צום מערב. און הייזער זענען געווען ביי די שטראָמען. עס זענען אויך געווען ימים צום מזרח, צום דרום, צום מערב און צום צפון. דער וואַסער-מאָנסטער איז געווען דער

*) דאָ רעדט זיך טאַקע וועגן באַשעפענישן, וואָס זענען באַצייכנט מיט די אויסגערעכנטע נעמען, און נישט וועגן אינדיאַנישע שבטים, וואָס האָבן זיך ליב צו רופן מיט נעמען פון חיות און עופות.

ראש איבער דעם פאָלק אין מזרח; דער בלאָער העראָן *) אין דרום; די זשאַבע אין מערב; און דער ווייסע-בערג-דונער אין צפון.

דאָס פאָלק פון דער ערשטער וועלט האָט זיך אַרומגע-קריגט צווישן זיך און זיך אויפגעפירט אַזוי שלעכט, אַז נישט וואַסער-מאַנסטער, נישט בלאָער העראָן, נישט זשאַבע, נישט ווייסע-בערג-דונער האָבן געוואָלט רעדן צו זיי. פיר מאָל האָבן זיי זיך געקריגט און נאָכן פערטן מאָל האָט זיך באַוויזן אין דער ווייט עפּעס אַ ווייסקייט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ קייט פון בערג וואָלט זיך געשפּרייט אַרום זיי, אָן עפענונג. עס איז געווען וואַסער. וואַסער, נישט אויף אַריבערצוגיין, אָדער אַרומ-צוצאַצן, האָט געפּלייצט אַרום זיי. פּלוצים איז דאָס פאָלק גע-קומען צו שטוינען.

זיי זענען אין קרייזן געשטיגן אַרויפצוצו, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם גלאַטיקן, האַרטן אויבערפלאַך פון הימל. ווען זיי האָבן אַראָפּגעקוקט, איז געווען גאָרנישט, אַ חוץ וואַסער. בשעת זיי זענען הילפלאָז אַרומגעפלויגן, האָט אַ בלאָער קאָפּ זיך אַרויסגעשטעקט פון הימל און צו זיי גערופן, זאָגנדיק: „דאָרטן, צום מזרח-צו, איז פאַראַן אַן עפענונג. זיי האָבן געפונען די עפענונג און דורך איר דורכגעגאַנגען, אַרויף צום אויבערפלאַך פון דער צווייטער וועלט. דער בלאָער קאָפּ איז געווען פון איינעם פון דעם שוואַלבן-פאָלק, וואָס האָט דאָרט געוואוינט. אַ גרויסע צאָל פון זייערע הייזער, וואָס זענען גע-ווען אָנגעוואָרפן, זענען געווען צושפּרייט אומעטום. יעדעס הויז איז געווען פאַרשפּיצט אויבן, וואו עס איז געווען אַ לאָך אַריינ-צוגיין. דאָס שוואַלבן-פאָלק האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום די פרעמדע, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט.

*) אַ לאַנג-פיסיקער וואַסער-פויגל.

די ערשטע וועלט איז געווען רויט; די צווייטע וועלט, וואוהין זיי זענען געקומען, איז געווען בלאָ. זיי האָבן אַרויסגעשיקט צוויי שליחים פֿון צווישן זיך, היישעריק און ווייס-היישעריק, אויסצוקוקן דאָס לאַנד און צו זען, אויב דאָרט זענען דאָ נאָך אַזעלכע, ווי זיי אַליין.

צום סוף פֿון די צוויי טעג, האָבן זיך די שליחים אומגעקערט און געזאָגט, אַז אויף אַ מהלך פֿון איין טאָג רייזע זענען זיי צוגעקומען צום סוף פֿון דער וועלט — דער שפּיץ פֿון אַ גרויסן פֿעלז, וואָס ציט זיך פֿון אַ תהום, וואָס זיין גרונט האָבן זיי נישט געקענט זען. דאַמאָלט האָט מען די שליחים געשיקט אין אַנדערע זייטן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפֿונען. דאָס פֿאָלק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פֿון אַ גרויסן, וויסטן פֿליין.

נאָכדעם ווי היישעריק און ווייס-היישעריק האָט זיך אומגעקערט, האָבן די שוואַלבן באַזוכט דעם לאַגער פֿון די ניי-איינגעוואַנדערטע און זיי געפֿרעגט, פֿאַרוואָס זיי האָבן אַרויסגעשיקט שליחים. ווען מען האָט זיי דערציילט, האָבן זיי געזאָגט: „וואָלט איר אונז לכתּחילה געפֿרעגט, וואָס דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט, וואָלטן מיר אייך געזאָגט. ביז איר זענט אָנגעקומען, האָט קיינער נישט, אַ חוץ אונז, דאָ געוואוינט".

די ניי-אָנגעקומענע האָבן דאַן געזאָגט צו די שוואַלבן: „איר זענט שטאַרק ענלעך צו אונז. איר פֿאַרשטייט אונזער לשון; איר האָט פֿיס, קערפּערס, קעפּ און פֿליגל, ווי מיר. פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט ווערן קיין פֿריינט?"

„זאָל געשען אייער וואונטש", — האָבן געזאָגט די שוואַלבן.

זיי האָבן פֿרידלעך געוואוינט באַנאַנד דריי און צוואַנציק

טעג, אָבער אויפן פיר און צוואנציקסטן טאָג האָבן די ניי־גע־קומענע זיך געקריגט מיט די שוואַלבן.

„דאָס איז אונזער לאַנד, — האָבן געזאָגט די שוואַלבן, — און מיר ווילן אייך דאָ מער נישט האָבן. חוץ דעם איז עס אַ שלעכט לאַנד. אירים שטאַרבן דאָ יעדן טאָג, און אפילו מיר זאָלן אייך נישט טשעפּן, קענט איר נישט לעבן לאַנג אין אַזאַ אָרט".

דער היישעריק, הערנדיק דאָס, האָט גענומען פליען פאָר־אויס אַרויפצוצו — און די אַנדערע זענען נאָכגעפלויגן. ווען זיי זענען געקומען צום הימל, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ער איז ווי אין דער ערשטער וועלט, גלאַטיק און האַרט, אָן אַן עפענונג. בשעת זיי זענען אַרומגעפלויגן אונטער אים, האָבן זיי געזען אַ ווייס פּנים, קוקנדיק אויף זיי. עס איז געווען דאָס פּנים פון נילטסי, דעם ווינט. ער האָט זיי גערופן און גע־זאָגט, אַז אויב זיי פליען צום דרום, וועלן זיי געפינען אַ לאָך, דורך וועלכן אַדורכצופליען. זיי זענען געפלויגן און זיי האָבן באַלד געפונען אַ שפּאַלט אין הימל, וואָס האָט זיך געצויגן אַרויפצוצו, צום דרום. דורך דעם שפּאַלט זענען זיי געפלויגן און אַריינגעקומען אין דער דריטער וועלט.

די קאָליר פון דער דריטער וועלט איז געווען געל. דאָ האָבן זיי געפונען דאָס גראָזשפּרינגער־פאָלק *), וואָס האָט זיך אויפגעקליבן אַרום די וואַנדערערס אין גרויסע צאָלן, אָבער גאָר־נישט געזאָגט. דאָסדאָזיקע פאָלק האָט געלעבט אין לעכער לענג־אויס די ברעגן פון אַ גרויסן טייך, וואָס איז געפלאָסן דורך זייער לאַנד צום מזרח. ווידער האָבן די ניי־געקומענע אַרויס־געשיקט שליחים, וואָס האָבן דערנאָך זיך אומגעקערט מיט דער

---

*) אַ קליינער אינזעקט פון היישעריקן־מין.

ידיעה, אַז זיי האָבן געפונען אַ וויסט לאַנד און קיין שום אַנ־דערע איינוואוינער, אַ חוץ די גראַזשפרינגערס. די פרעמדע האָבן דאַמאָלט גערעדט צו די גראַזשפרינגערס, ווי זיי האָבן גערעדט צו די שוואַלבן, און זיי געבעטן זיך אָן זיי צו באַהעפטן און ווערן איין פאָלק מיט זיי.

ווי פריער איז אַלצדינג צוגעגאַנגען גוט דריי און צוואַנ־ציק טעג, אָבער אויפן פיר און צוואַנציקסטן טאָג האָבן די ניי־געקומענע געטון עוֹלות אַנטקעגן דעם גראַזשפרינגער־פאָלק און זיך געקריגט מיט זיי.

„פאַר אַזוינע פאַרברעכנס, — האָט געזאָגט דער ראש פון די גראַזשפרינגערס, — האָט מען אייך מסתמא פאַרטריבן פון דער אונטערשטער וועלט. איר זאָלט מער נישט טרינקען אונ־זער וואַסער. איר זאָלט מער נישט אָטעמען אונזער לופט. גייט זיך!"

ווידער זענען זיי געפלויגן אַרויפצוצו און געדרייט זיך אַרום און אַרום, ביז זיי זענען געקומען צום הימל. זיי האָבן אומזיסט געזוכט אַן עפענונג, ביז עס האָט זיך באַוויזן אַ רוי־טער קאָפּ און זיי האָבן געהערט ווי אַ קול הייסט זיי פליען צום מערב. עס איז געווען דער קאָפּ פון רויטן ווינט, וואָס זיי האָבן געזען, און עס איז געווען דער רויטער ווינט, וואָס האָט גערעדט.

דער אַריינגאַנג, וואָס זיי האָבן געפונען אין מערב, איז געווען געדרייט ווי אַ טרויבן־שלענגל, וואָרים דאָס האָט דער־דאָזיקער רויטער ווינט אַזוי געמאַכט. זיי זענען רעדלעכווייז דורכגעפלויגן און אַזוי זענען זיי אָנגעקומען אין דער פערטער וועלט. דאַסמאָל זענען פיר גראַזשפרינגערס מיט זיי מיטגעקומען, איין ווייסער, איין בלאָער, איין געלער און איין שוואַרצער.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער אויבערפלאַך פון דער

פערטער וועלט, וואָס איר קאָליר איז געווען אַ געמיש פון שוואַרץ און ווייס, האָבן זיי נישט געזען קיין שום לעבעדיקע זאַך. אָבער זיי האָבן געזען פיר גרויסע, שניי-באַדעקטע שפּיצן אויפן האָריזאָנט — איינער צום מזרח; איינער, צום דרום; איינער, צום מערב און איינער, צום צפון.

זיי האָבן אַרויסגעשיקט שליחים, ווי תמיד, און זיי האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן אומעטום געזען וויסט לאַנד, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין צפון. דאָרט, האָבן זיי דערציילט, האָבן זיי געפונען עפּעס אַ מין מענטשן, וואָס פאַרשניידט די האָר גלייך פון פאָרנט, וואָס זיינע וואוינונגען זענען אין דער ערד און ער אַרבעט אויף די פעלדער. דידאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אויפגעזאַמלט זייער שניט, האָבן זיי זייער גוט באַהאַנדלט און זיי געגעבן שפּייז צו עסן. די וואַנדערערס האָבן אַצונד איינגעזען, אַז די פערטע וועלט איז גרעסער ווי די אַנדערע וועלטן אונטן.

אויף צוזאָרגנס, נאָכדעם ווי די שליחים האָבן זיך אומגעקערט פון צפון, זענען צוויי פון דעם ניי-געפונענעם מין — פועבלאָ-פאָלק האָבן זיי זיך גערופן, — אַריינגעקומען אין לאַגער פון די פאַרטריבענע און זיי געפירט צו זייערע אייגענע היימען, וואו מען האָט זיי געשפּייזט מיט קאָרן און קירבעס און זיי דאָרט געלאָזט וואוינען.

נאָכדעם ווי די געסט זענען דאָרט געווען אַ שטיק צייט, זענען די פיר געטער פון די פיר וועלטן — חייס-קערפּער, בלאָ-קערפּער, געל-קערפּער און שוואַרץ-קערפּער, — געקומען צו זען זיי. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט צוויי הייליקע ציגנפעלן און צוויי קאָרן-זאַנגען, איינע ווייס און איינע געל. אויסשפּרייטנדיק איין ציגנפעל אויף דר׳ערד, מיטן קאָפּ צום מערב, האָבן זיי אויף דערויף אַנידערגעלייגט די קאָרן-זאַנגען און אויף

דעם האָבן זיי אויסגעשפּרייט די אַנדערע פעל, מיטן קאָפּ צום מזרח. אונטער דער ווייסער זאַנג האָבן זיי געלייגט די פעדער פון אַ געלן אָדלער. דאַמאָלט האָבן זיי געהייסן אַלעמען זיך אָפּרוקן און לאָזן אַריינקומען דעם ווינט.

ווען זיי האָבן זיך אָפּגערוקט, איז די אויבערשטע פעל און די קאָרן־זאַנגען פאַרשוואונדען — און אַ מאַנסביל און אַ פרוי זענען אָנשטאָט זיי געלעגן. דער ווייסער קאָרן־זאַנג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאַן און דער געלער קאָרן־זאַנג, אין אַ ווייב.

דאָס איז ווי דער ערשטער מאַן און די ערשטע פרוי זענען באַשאַפן געוואָרן *). דער ווינט האָט זיי געגעבן לעבן. דאָס איז דער ווינט, וואָס קומט אַצונד פון אונזערע מיילער און וואָס גיט אונז לעבן. אין די שפּיצן פון אונזערע פינגער קענען מיר זען דעם לויף פון ווינט. ווען דער ווינט בלאָזט, ווייזט ער אונז ווי אונזערע אור־עלטערן זענען באַשאַפן געוואָרן.

*) דידאַקטיקע אינדיאַנישע לעגענדע, וואָס איז ווי די אַנדערע מעשיות, באַגאַנגען פון מויל צו מויל זינט לאַנגע דורות, איז, ווי ס'זעט אויס, צודרייט געוואָרן, ווי מיר זעען עס אין דעם פאַל מיטן „ערשטן מאַנסביל און ערשטע פרוי", בעת פריער רעדט זיך וועגן די פּועבלאָ־מענטשן, מענער און פרויען.

א. אלמי

דער גרויסער מבול

דאָס פאָלק איז געווען אין דער פערטער וועלט אכט יאָר צייט, ווען איין מאָל האָבן זיי געזען ווי דער הימל לאָזט זיך אראָפּ און די ערד הייבט זיך אויף, אים צו באַגעגענען. אויף אַן אויגנבליק האָבן זיי זיך באַרירט און עס זענען אַרויסגעשפּרונגען דער מדבר־וואָלף און דער דאַכס, קינדער פון הימל. דער מדבר־וואָלף איז באַלד געקומען אין לאַגער און דער דאַכס איז אַריין, דורך דער עפענונג, אין דער אונטערשטער וועלט.

אין דערדאָזיקער צייט איז דער ערשטער מאַנסביל געווען דער הערשער איבער אַלעמען, אַ חוץ דעם פּועבלאָ־פאָלק. ער איז געווען אַ גרויסער יעגער און זיין ווייב, די ערשטע פרוי, איז געווען זייער פעט. איינמאָל האָט ער זיך געקריגט מיט זיין ווייב איבער דעם, אויב ווייבער קענען לעבן אָן זייערע מענער. דער ערשטער מאַן האָט, אין צאָרן, צונויפגערופן אַלע מענער און זיי באַפוילן צו פאַרלאָזן זייערע ווייבער און נאָכגיין נאָך אים איבער דעם גרויסן טייך, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשיידט די פערטע וועלט. זיי זענען אַריבער אויף אַ הילצערנער פליטע, מיטנעמענדיק זייערע שטיינערנע העק און פעלד־געצייג און אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און זיי האָבן די ווייבער איבערגעלאָזט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן צוגעהאָלפן האָדעווען אָדער מאַכן. טייל יונגע מענער האָבן געוויינט, בשעת זיי האָבן זיך

בעזעגנט מיט זייערע ווייבער, אָבער זיי זענען געגאַנגען אויפן באַפעל פון זייער הערשער. אַ סך פון די פּועבלאָס זענען אויך מיטגעגאַנגען מיט זיי, אָבער זיי האָבן מיטגענומען זייערע ווייבער.

פיר יאָר צייט האָבן זיי געלעבט באַזונדער און צום סוף פון דערדאָזיקער צייט האָט דער ערשטער מאַנסביל אָנגעהויבן באַטראַכטן וועגן דער פּעולה פון דער צעשיידעניש. טייל האָבן געזאָגט צו אים: „אונזער מין וועט פאַרשווינדן". און אַנ-דערע האָבן געזאָגט: „מיר טראַכטן אַזוי פיל וועגן אונזערע אָרימע ווייבער, וואָס הונגערן, אַז מיר קענען נישט עסן", וואָ-רים צו יענער צייט זענען שוין די פרויען געווען אָן שפייז.

יעדעס יאָר האָבן די פעלדער און דאָס גערעטעניש אויף זיי זיך פאַרגרעסערט, בשעת די פעלדער פון די פרויען זענען בעוואָרן קלענער. האָט דעריבער דער ערשטער מאַן אַריבערגע-שריגן איבערן טייך צו דער ערשטער פרוי און זי פאַרבעטן צו קומען צום ברעג. דאַן האָט ער זי געפרעגט, אויב זי האַלט באַך אַלץ, אַז די ווייבער קענען אויסקומען אָן די מענער.

„ניין, — האָט זי געענטפערט, — מיר קענען נישט לעבן אָן אונזערע מענער".

די ווייבער זענען גערופן געוואָרן זיך צו פאַרקלייבן אויפן ברעג. אַ פליטע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן און זיי זענען אַרי-בערגעשוואומען (צו די מענער).

נאָכדעם ווי די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיי דערהערט קולות, וואָס האָבן גערופן פון דער אַנדערער זייט טייך. דאָס זענען געווען קולות פון די דריי, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן — אַ מוטער און צוויי טעכטער. זיי האָבן געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַריבערנעמען, אָבער די מענער האָבן גע-

ענטפערט, אַז עס איז צו פינצטער און זיי וועלן דאַרפן וואַרטן ביז אינדערפרי.

הערנדיק דאָס, זענען די פרויען אַריינגעשפרונגען אין טייך און פּראָבירט צו שווימען. דער מוטער האָט זיך איינגעגעבן צו דערלאַנגען דעם אַנטקעגנדיקן ברעג און צו געפינען איר מאַן, אָבער די טעכטער האָט דער וואַסער־אָקס געכאַפּט און זיי אַראָפּגעשלעפּט אין וואַסער אַריין.

דריי טעג און דריי נעכט האָבן די מענטשן גאָרנישט געהערט וועגן די יונגע פרויען און געמיינט, אַז זיי זענען פאַרלוירן אויף אייביק. באַגינען פון פערטן טאָג האָט דאָס קול פון די געטער זיך געהערט פיר מאָל און נאָכן פערטן מאָל האָט זיך באַוויזן ווייס־קערפּער, שטרעקנדיק אַרויפצו צוויי פינגער און וויינדיק צום טייך. דאַן איז ער אַוועק, אָבער באַלד זיך צוריקגעקערט מיט בלאָ־קערפּער.

ווייס־קערפּער האָט געטראָגן אַ גרויסן בעקן פון אַ ווייסן שאָל און בלאָ־קערפּער — אַ גרויסן בעקן פון אַ בלאָער שאָל. און זיי האָבן געהייסן די פאָטער און מוטער פון די קינדער אים נאָכצוגיין. זיי זענען אַראָפּ אין טייך און ביידע בעקנס האָבן זיי געשטעלט אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער און זיי אַרומגעשפּונען. אונטער די אַרומגעשפּונענע בעקנס האָט דאָס וואַסער זיך געעפנט און זיי האָבן געזען דעם אַריינגאַנג צו אַ גרויס הויז פון פיר קאַמערן.

דער מאַן און די פרוי האָבן אַראָפּגענידערט, און מדבר־וואָלף איז זיי נאָכגעגאַנגען. זיי זענען דורכגעגאַנגען אַלע קאַמערן, איינעם נאָכן אַנדערן, ביז זיי זענען אַריינגעקומען אין איינעם, וואו זיי האָבן דערזען וואַסער־אָקס מיט די צוויי מיידלעך, וואָס ער האָט גערויבט און צוויי זיינע אייגענע קינדער.

דער מאַן און די פרוי האָבן געפּאָדערט זייערע קינדער און ווען ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָבן זיי גענומען (די מיידלעך) און מיט זיי אַוועק.

בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט מדבר-וואָלף, ווען קיינער האָט נישט געזען, געכאַפּט די צוויי קינדער פון וואַסער-אָקס און זיי אַרויסגעטראָגן הינטער זיין מאַנטל. מדבר-וואָלף האָט אַלעמאָל געטראָגן זיין מאַנטל, פעסט פאַרוואָרפן אַרום אים און אַפילו אין אים געשלאָפן, אַזוי אַז קיינער האָט גאָרנישט חושד געווען, זעענדיק אים אַרויסקומען פון וואַסער מיטן אַרום-געוואָרפענעם מאַנטל.

צומאָרגנס האָבן די מענטשן געשטוינט, ווען זיי האָבן דערזען הירש, אינדיק און אַנטעלאָפּ לויפן פון מזרח צו מערב. צוויי מינים שפּאַרבערס, צוויי מינים ויעווערקעס, דער קאַנאַריק און די פלעדערמויז זענען געקומען אין לאַגער, ווי צו באַהאַלטן זיך. אין די קומענדיקע דריי טעג זענען חיות פאַרבייגעלאָפן אין פאַרגרעסערטע צאָלן און באַגינען פון פערטן טאָג האָבן די מענטשן דערזען אין מזרח אַ ווייסן גלאַנץ איבערן גאַנצן האָ-ריזאָנט.

זיי האָבן געשיקט די הייסעריק-שליחים געוואָר צו ווערן וואָס עס איז, און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פאַר זונפאַרגאַנג, דערציילנדיק, אַז אַ גרויסער מבול פלייצט געשווינד פון מזרח. אַז מען האָט דאָס דערהערט, האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן, די פּועבלאָ-מענטשן מיט די אַנדערע און געיאָמערט און געקלאָגט אויף דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן. זיי האָבן געוויינט און געזיפצט און נישט געקענט שלאָפן.

ווען דאָס ווייסע ליכט איז באַגינען אויפגעגאַנגען אין מזרח, זענען די וואַסערן געווען אַזוי הויך ווי בערג. זיי האָבן

אַרומגעגאַרטלט דעם גאַנצן האָריזאָנט און זיך האַסטיק געקייקלט צו זיי. די מענטשן האָבן פאַרפאַקט אַלע זייערע זאַכן אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געקענט און זיי זענען אַרויפגעלאָפן אויפן שפּיץ פון הויכן באַרג דערלעבן, פאַר צייטווייליקן שוץ. דאָ האָבן זיי זיך באַראָטן. איינער האָט געזאָגט, אַז אפשר וועלן די וועווערקעס זיי קענען העלפן.

„מירן זען!" — האָבן געזאָגט די וועווערקעס.

איינע האָט פאַרפלאַנצט אַ פינאָן-זאָמען; אַן אַנדערע — אַ יאַלאָוועק-זאָמען, און די זאָמענס זענען געוואַקסן אַזוי שנעל, אַז די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו האָפן, אַז די שפּיצן וועלן אַריבערשטייגן דעם מבול און אַלע וועלן זיך דאָרט קענען באַשיצן. אָבער ווען די ביימער זענען אַביסל אויסגעוואַקסן, האָבן זיי צושפּרייט די צווייגן און נישט געוואַקסן העכער.

דאַמאָלט האָבן די דערשראָקענע מענטשן אַרויסגערופן די ווילדטירן. איינס פון זיי האָט פאַרפלאַנצט אַ יעלאָווע-זאָמען און איינס — אַ סאָסנע-זאָמען. זיי האָבן תּיכּף געשפּראָצט און געוואַקסן אַזוי שנעל, אַז די מענטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו האָפן. אָבער באַלד האָט זיך זייער וואוקס אָפּגעשטעלט.

די מענטשן זענען געווען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, וואָרים די וואַסערן האָבן זיך צוגעקייקלט נענטער און נענטער יעדע מינוט. מיטאַמאָל האָבן צוויי מענטשן זיך באַוויזן אויפן באַרג, וואו זיי זענען געווען פאַרקליבן. איינער פון זיי איז געווען אַלט און גראָ; דער אַנדערער איז געווען יונג און ער איז געגאַנגען פאָראויס. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם עולם, נישט רעדנדיק צו קיינעם.

דער יונג האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן שפּיץ פון דעם באַרג; דער אַלטער מאַן איז געזעסן הינטער אים, ביידע מיט די פּנימער צום מזרח. דער אַלטער מאַן האָט אַרויסגענומען

זיבן טאָרבעס פון הינטער זיין מאַנטל און זיי געעפנט. אין יע־דער איז געווען אַביסל ערד. ער האָט געזאָגט צו די מענטשן, אַז אין דידאָזיקע טאָרבעס האָט ער ערד פון די זיבן הייליקע בערג פון דער פערטער וועלט.

„אָך! — האָבן די מענטשן אויסגעשריגן, — אפשר וועט אונזער פאָטער אונז ראַטעווען".

„איך קאָן אייך נישט העלפן, — האָט געענטפערט דער אַלטער, — אָבער מיין זון וועט אייך קענען העלפן".

זיי האָבן געבעטן דעם זון זיי צו העלפן און ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט עס טון, אויב זיי וועלן זיך אַוועקרוקן פון דעם אָרט, וואו ער איז און זיך נישט אַרומקוקן, ביז ער וועט זיי רופן. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי געזען, אַז ער האָט צושפּרייט די הייליקע ערד אויפן באָדן און אַז ער האָט פאַרפלאַנצט דעריין צוויי און דרייסיק ראָר-פלאַנצן, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט צוויי און דרייסיק וואָרצלען.

בשעת זיי האָבן געקוקט, זענען די ראָר-פלאַנצן אַריינגע־וואַקסן אין דער ערד און געוואַקסן אין דער טיף אַריין. אין אַן אויגנבליק אַרום זענען אַלע וואָרצלען צונויפגעוואַקסן, ווערנ־דיק איין ראָר פון אַ גרויס פאַרנעם, מיט אַן עפענונג צו דער מזרח-זייט. אין דערדאָזיקער עפענונג האָט מען זיי באַפוילן אַריינצוגיין און ווען זיי זענען אַלע געווען אין זיכערקייט אינ־ווייניק, האָט זיך די עפענונג פאַרמאַכט. עס איז נישט געווען צו גיך, וואָרים קוים האָט די עפענונג זיך פאַרמאַכט, האָבן זיי דערהערט דאָס שטאַרקע גערויש פון איילנדיקן וואַסער אין דרויסן.

די וואַסערן זענען שנעל געוואַקסן, אָבער דער ראָר איז גע־וואַקסן שנעלער און באַלד איז ער געוואָרן אַזוי הויך, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן און די מענטשן אינווייניק האָבן שטאַרק

מוראַ געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט צוברעכן און אַריינפאַלן אין וואַסער. ווייס-קערפּער און בלאָ-קערפּער און שוואַרץ-קערפּער זענען געווען מיט זיי. שוואַרץ-קערפּער האָט אַרויסגעבלאָזן אַ שטאַרקן אָטעם דורך אַ לאָך אויפן שפּיץ ראָר און אַ שווערער, פינצטערער וואָלקן איז געוואָרן אַרום דעם ראָר און אים צו-געהאַלטן.

אָבער דער ראָר איז געוואַקסן העכער און העכער; ווי-דער האָט ער זיך אָנגעהויבן צו וויגן און ווידער האָבן די מענטשן אינווייניק מוראַ געהאַט. שוואַרץ-קערפּער האָט ווידער אַרויסגעבלאָזן און געמאַכט נאָך אַ וואָלקן צוצוהאַלטן דעם בוים. ביים זונפאַרגאַנג האָט שוין דער ראָר דערלאַנגט ביזן הימל, אָבער ער האָט זיך געוויגט און געוואַקלט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אים נישט געקענט צוהעפטן צום הימל, ביז שוואַרץ-קער-פּער האָט אַרויסגענומען די פעדער פון זיין שטערנבאַנד און זי אַדורכגעשטאָכן דורכן שפּיץ פון ראָר אין היחל אַריין. דעריבער האָט אַצונד יעדער ראָר אַ פעדער אויף זיין קאָפּ.

נישט זעענדיק קיין עפענונג אין הימל, האָבן זיי אַרויס-געשיקט גרויס-שפּאַרבער זיך אַרומצוקוקן וואָס מען קאָן טון. ער איז אַרויסגעפלויגן און גענומען קראַצן דעם הימל מיט זיי-נע נעגל. ער האָט אַזוי לאַנג געקראַצט און געקראַצט, ביז מען האָט אים מער נישט אָנגעזען. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און דערציילט, אַז ער האָט אויסגעמאַכט אַ לאָך, דורך וואַנען ער האָט געזען ליכט, אָבער ער איז נישט אַריין אין הימל.

דאַן האָט מען געשיקט היישעריק. ער האָט זיך געזאַמט אַ לאַנגע צייט און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געהאַט וואָס צו דערציילן: ער איז אַריין אין הימל צו דער אויבער-שטער וועלט און ער איז אַרויסגעקומען אויף אַ קליינעם אינזל אין מיטן אַ טייך. דאָרט האָט ער געזען אָנקומען פון מזרח אַ

שוואַרצן שווים-פויגל און פון מערב, אַ געלן שווים-פויגל.

„מיר פאַרמאָגן האַלב פון דערדאָזיקער וועלט, — האָט איינער פון זיי געזאָגט צו אים, — צו מיר געהער דער מזרח און צו מיין ברודער געהער דער מערב. מיר שטעלן דיך צו פּראָבע. אויב דו וועסט קענען טון, וואָס מיר טוען, וועלן מיר דיר געבן איין העלפט פון דער וועלט. אויב דו קענסט נישט, מוזטו שטאַרבן”.

יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ פייל, געמאַכט פון שוואַרצן ווינט, און יעדער האָט אַדורגעשטאָכן די פייל אַדורך און אַדורך זיין האַרץ און דאַן זי איבערגעגעבן צו היישעריק. היישעריק האָט אויפגעהויבן איינע פון די פיילן, אַדורכגעשטאָכן זיין האַרץ, ווי די שווים-פייגל האָבן דאָס געטון. דאַן זענען די שווים-פייגל אַוועקגעשוואומען און אים מער נישט געטשעפּעט.

ווען זיי זענען אַוועק, זענען צוויי אַנדערע שווים-פייגל אָנגעקומען, אַ בלאָער פון דרום און אַ שיינענדיקער פון צפון. זיי האָבן גערעדט צו אים, ווי די פריערדיקע צוויי שווים-פייגל האָבן גערעדט און אים געשטעלט צו דער אייגענער פּראָבע. ווידער האָט ער זיך אַדורכגעשטאָכן די פייל און די שווים-פייגל זענען אַוועק, איבערלאָזנדיק דאָס לאַנד צו היישעריק.

נון, די עפענונג, וואָס היישעריק האָט געמאַכט אין הימל, איז געווען צו קליין פאַר אַ סך, האָבן זיי אַרויפגעשיקט דאַכס, צו מאַכן עס נאָך גרעסער. ווען דער דאַכס איז צוריקגעקומען, זענען זיינע פיס געווען שוואַרץ פון קויט און זינט דאַן זענען די פיס פון אַלע דאַכסן שוואַרץ. דאַן זענען ערשטער מאַן און ערשטע פרוי געגאַנגען פאַראויס און אַלע זענען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען. אַזוי זענען זיי אַריין אין דער פינפטער וועלט.

א. אלמי

די פינפטע וועלט

דער טייך האָט זיך געפונען אַרום דעם אינזל, וואוהין עס האָט געפירט דער וועג צו דער פינפטער וועלט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע פעלזן, וואָס אין דער הויך פון זיי האָט זיך געשפרייט אַ גרויסער פליין. נישט געפינענדיק קיין וועג צום הויפט-לאַנד, האָבן די מענטשן גע- רופן בלאָ-קערפער, זיי צו העלפן. ער האָט געהאַט געבראַכט מיט זיך פון דער אונטערשטער וועלט פיר שטיינער; ער האָט געוואָרפן איינעם צום מזרח; איינעם צום דרום; איינעם צום מערב און איינעם צום צפון — אויף די פעלזן. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעהאַקט היילן, וואָס דורך זיי זענען די וואַסערן געפלאָסן אין פיר פאַרשיידענע זייטן.

דער טייך האָט צוליב דעם נישט אינגאַנצן אויסגעטרוקנט זייערט דער אָפּגרונט איז געוואָרן גלאַט אויף איין אָרט, באַ- העפטנדיק דעם אינזל מיטן הויפט-לאַנד. דער זומפּ איז אָבער געווען אַזוי טיף, אַז זיי האָבן זיך נאָך אַלץ אָפּגעהאַלטן אַרי- בערצוגיין און זיי האָבן תפלה געטון צו ג י ל ט ס י, דעם ווינט, אַז ער זאָל זיי העלפן. גילטסי האָט אַ שטאַרקן בלאָז געטון און אין איין טאָג איז דער זומפּ טרוקן געוואָרן און די מענטשן האָבן לייכט געקענט אַריבערגיין. אויף אַזאַ אופן זענען זיי אָנגעקומען אין הויפט-לאַנד פון דער פינפטער וועלט.

אויפן פערטן טאָג נאָכן מבול איז איינער פון זיי גע- גאַנגען זען די עפענונג, דורך וואַנען זיי זענען געקומען, און

ער האָט געזען, אַז אַ וואַסער קוועלט דאָרט; עס האָט שוין באַלד געגרייכט דעם ברעג פֿון דער עפֿענונג און יעדע מינוט איז עס געשטיגן העכער. ער איז צוריקגעלאָפֿן אין גרויס איי-לעניש צו די מענטשן און זיי דערציילט, וואָס ער האָט גע-זען. עס איז באַלד גערופֿן געוואָרן אַן אסיפֿה צו באַטראַכטן די נייע סכּנה, וואָס לאָקערט אויף זיי.

ערשטער מאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו רעדן און ווייזנ-דיק אויף מדבר-וואָלף, האָט ער געזאָגט: „ער איז אַ חצוף! עפּעס איז מיט אים נישט גלאַט. ער טוט זיך קיינמאָל נישט אויס דעם מאַנטל, אַפֿילו, ווען ער לייגט זיך. איך האָב אים נאָכגעשפּירט אַ לאַנגע צייט און איך בין אים חושד, אַז ער טראָגט גנבֿישע זאַכן. לאָמיר אים באַזוכן".

זיי האָבן אַראָפּגעריסן דעם מאַנטל פֿון זיינע אַקסלען און צוויי קליינע, מאָדנע ברואים זענען אַרויסגעפֿאַלן. זיי האָבן אויסגעזען ווי קעלבלעך, אָבער זיי זענען אינגאַנצן געווען באַ-שפּרינקלט מיט פֿאַרשיידענע קאָלירן. זיי זענען געווען די קינ-דער פֿון וואַסער-אָקס. גיך האָבן די מענטשן זיי אַריינגעוואָרפֿן אין דער עפֿענונג, דורך וואַנען דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן, און באַלד האָט דאָס וואַסער זיך אָפּגעשטעלט און צוריקגעאיילט מיט אַ פֿאַרטויבנדיק גערויש צו דער אונטערשטער וועלט.

די מענטשן האָבן נאָך געהאַט דריי ליכט און פֿינצטער-ניש, ווי אין די אונטערשטע וועלטן. אָבער ערשטער מאַן און ערשטע פֿרוי האָבן זיי געלערנט ווי צו מאַכן די וועלט ליכ-טיקער. נאָך אַ סך באַראָטן זיך, האָבן זיי אויסגעפּלאַנירט די זון און די לבֿנה. פֿאַר דער זון האָבן זיי געמאַכט אַ פּלאַטשיק-ראונדיקע זאַך, ווי אַ טעלער, פֿון אַ קלאָרן שטיין. זיי האָבן די ברעגן דערפֿון באַזעצט מיט טירקיזן און פֿון דער דרויסנ-דיקער זייט האָבן זיי צוגעטון שטראַלן פֿון רויטן רעגן, בליצן

און שלאַנגען פון פאַרשיידענע מינים. אין אָנהייב האָבן זיי געטראַכט צו מאַכן פיר שפיצן אַרום, ווי זיי האָבן עס דערנאָך געטון מיט די שטערן, אָבער זיי האָבן זיך איבערגעלייגט און די זון געמאַכט קײַלעכיק.

זיי האָבן געמאַכט די לבנה פון שטערן-פעלז און זי אַרײַנגעפּאַסט אין ווייסע שאָלן און זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף איר פּנים דינע בליצן און אַלע מינים וואַסער.

דערנאָך האָבן זיי זיך באַראָטן וואָס צו טון מיט דער זון און וואו זאָל מען זי צום ערשטן לאָזן אויפגיין. דער ווינט פון מזרח האָט געבעטן, אַז מען זאָל זי ברענגען צו זײַן לאַנד. די מענטשן האָבן זי געבראַכט צום ברעג פון דער וועלט, וואו ער (דער ווינט) האָט געוואוינט און דאָרט האָבן זיי זי געגעבן דעם יונג, וואָס האָט פאַרפלאַנצט דעם ראָר אין דער אונטערשטער וועלט, און אים אויסגעקליבן צו טראָגן די זון. דעם אַלטן, גראָען מאַן, זײַן פאָטער, האָבן זיי געגעבן די לבנה.

דידאָזיקע לייט האָבן פריער נישט געהאַט קיין נעמען, אָבער אַצונד האָט מען דעם ערשטן אַ נאָמען געגעבן ט ס אָ-ה אַ נ אָ א י י, דער זון-טרעגער; און דעם צווייטן האָט מען אַ נאָמען געגעבן ק ל ע ה אַ נ אָ א י י, דער לבנה-טרעגער. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט, האָבן די מענטשן געטרויערט, וואָרים זיי זענען געווען באַליבט ביי אַלעמען. אָבער ערשטער מאַן האָט געזאָגט צו זיי: „טרויערט נישט אויף זיי, וואָרים יעדן טאָג וועט איר זיי זען אין די הימלען".

שפּעטער האָבן ערשטער מאַן און ערשטע פרוי געטראַכט, אַז עס וועט זיין בעסער, אַז דער הימל זאָל האָבן מער ליכט, וואָרים עס זענען געווען צייטן, ווען די לבנה האָט נישט געשיינט ביינאַכט. האָבן זיי אויסגעקליבן שטיקלעך פינקלדיק שטיינגלאַז צו מאַכן פון זיי שטערן. און ערשטער מאַן האָט

אויסגעלייגט אויף דער ערד דעם פּלאַן פון די הימלען.

ער האָט אַוועקגעלייגט אַ קליין שטיקל שטיינגלאָז אין צפון, וואו ער האָט געוואָלט האָבן אַ שטערן, וואָס זאָל זיך קיינמאָל נישט רירן, און דערלעבן האָט ער אַוועקגעלייגט זיבן גרויסע שטיק, וואָס דאָס זענען די זיבן שטערן, וועלכע מיר זעען אין צפון. ער האָט געלייגט אַ ליכטיקן שטערן אין דרום; נאָך איינעם אין מזרח און אַ דריטן, אין מערב. ער האָט גע-האַלטן אין מאַכן נאָך שטערן, ווי עס איז אָנגעקומען מדבר-וואָלף.

„דאָס וועלן זיין מיינע שטערן! — האָט אויסגערופן מדבר-וואָלף, זעענדיק, אַז דריי שטיקלעך זענען רויט, — איך וועל זיי אויסשטעלן ווי מיר וועט געפעלן צום בעסטן" — און ער האָט זיי אויסגעשטעלט אויף דר׳ערד, ווי אַזוי זיי זאָלן זיין אויפן הימל.

איידער ערשטער מאַן האָט פאַרענדיקט די איבעריקע אַרבעט, האָט מדבר-וואָלף פאַרלוירן דאָס געדולד.

„אָ, עס וועט שוין גוט זיין אַזוי ווי עס איז", — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אויפגעהויבן די שטיקלעך שטיינגלאָז און זיי געוואָרפן אַרויפצוצו און שטאַרק נאָכגעבלאָזן נאָך זיי. איינס ביי איינס האָבן זיי דערגרייכט דעם הימל. די, וואָס ערשטער מאַן האָט אויסגעלייגט לויט זיין פּלאַן, זענען אַוועק צו די ריכטיקע ערטער, אָבער די אַנדערע זענען צושפּרייט געוואָרן דאָ און דאָרט, ווי מיר זעען עס ביז אַצונד.

אין דידאָזיקע טעג זענען די פיר בערג, וואָס האָבן אַרומגעצאַמט די ערד, געווען נאָענט באַנאַנד און די וועלט איז גע-ווען קלענער, אַזוי אַז ווען די זון איז אַרויס אויף איר ער-שטער נסיעה, איז זי געקומען נענטער צו דער ערד, ווי זי

קומט אַצונד, און עס איז געווען זייער הייס.

די מענטשן זענען שיער פאַרברענט געוואָרן צום טויט און זיי האָבן תפלה געטון צו די פיר ווינטן אָפּצורוקן די בערג פון דעם וועלט-מיטן און אַזוי-אַרום מאַכן די ערד גרעסער. די ווינטן האָבן צוליב געטון, וואָס מען האָט ביי זיי געבעטן, און די ימים, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס לאַנד, האָבן זיך אָפּגערוקט פון די בערג.

אויפן צווייטן טאָג, כאָטש עס איז געווען אַביסל קילער, איז עס נאָך אַלץ געווען צו הייס. ווידער האָבן די ווינטן אָפּגערוקט זייערע בערג און די ימים האָבן נאָכאַמאָל געמאַכט אַ ווארע פאַר זיי. און אויפן פערטן טאָג איז דאָס וועטער געווען אָנגענעם און די מענטשן האָבן מער נישט קיין תפלה געטון, אַז די וועלט זאָל זיך ענדערן.

אינדיאַנער פון צפון־אַמעריקע

דער אָנהייב פון דער וועלט

(לויט די איראָקוואָן־אינדיאַנער)

גאָר אַמאָל האָבן מענטשן געוואוינט אין הימל, איבער דעם הימל, וואָס מען זעט־אָן. אַ מאַן און אַ פרוי האָבן דאָרט געוואוינט. דער מאַן איז געווען דער זון פון איינער, וואָס מען האָט זי גערופן באָבע. איינמאָל האָט די פרוי געבוירן אַ קינד און די באָבע האָט געפונען דעם קינדס פאָטער ליגן שטאַרק קראַנק.

„איך האַלט ביי שטאַרבן" — האָט דער מאַן געזאָגט.

„וואָס מיינסטו דערמיט?" — האָט געפרעגט די באָבע.

זי האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, וואָרים קיינער פון הימל איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן.

„איך וועל מער נישט אָטעמען, — האָט געזאָגט דער מאַן, — מיין לעבן וועט אַרויסגיין און ווען עס וועט זיין

אַרויסגעגאַנגען, ווען דו וועסט מוזן לייגן מיין גוף אויף אַ הויך אָרט".

נישט לאַנג דערנאָך איז דער מאַן געשטאָרבן און די באָבע האָט געלייגט זיין גוף אויף אַ הויך אָרט.

דאָס קינד פון דער פרוי איז געווען מיט דער באָבען. איינמאָל האָט עס פלוצים אָנגעהויבן צו וויינען און מען האָט עס נישט געקענט אָפּשטעלן. פינף טעג האָט עס נאָכאַנאַנד געוויינט, נישט אויפהערנדיק אויף קיין מינוט. דאַמאָלט האָט די באָבע געזאָגט: „טראָג זי אַוועק צום הויכן אָרט, זי זאָל קענען קוקן אויף איר פאָטער".

האָט מען דאָס קינד געטראָגן צום הויכן אָרט און באַלד האָט עס אויפגעהערט צו וויינען. יעדן אינדערפרי, אַזוי שנעל ווי דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס אָנגעהויבן צו וויינען און יעדן אינדערפרי האָט מען עס געטראָגן צום הויכן אָרט און דאָרט האָט עס אויפגעהערט צו וויינען. אין אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט עס שוין געקענט אַליין אַהינגיין.

די צייט איז געלאָפן און דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן צו אַ יונגפרוי. איינמאָל, ווען זי איז צוריקגעקומען פון הויכן אָרט, האָט זי דערציילט: „היינט האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט: אַצונד דאַרפסטו חתונה צו האָבן". דאַן האָט די באָבע פאַר איר צוגעגרייט אַ גרויסן קאָרב מיט ברויט.

„דער קאָרב איז פול מיט ברויט" — האָט געזאָגט די באָבע.

די יונגפרוי איז אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון הויכן אָרט און מען האָט זי געהערט זאָגן: „די באָבע האָט אַלצדינג אָנגעברייט".

און מען האָט געהערט איר פאָטער ענטפערן: „מאָרגן, פרי באַגינען, לאָז זיך אַרויס אויפצוזוכן דעם הויפּטמאַן, וואָס דו דאַרפסט מיט אים חתונה צו האָבן. זיין נאָמען איז דער-

וואָס-האַלט-די-ערד. דו וועסט דאַרפן האָבן מוט צו וואַנדערן דעם וועג, וואָרים דו וועסט באַגעגענען א סך סכנות, אָבער אויב דו וועסט אין זינען האָבן נישט צו רעדן מיט קיינעם אויפן וועג, וועט אַלצדינג זיין גוט. ווען דו וועסט האָבן אָפּבעגאַנגען א האַלבן וועג, וועסטו קומען צו אַ טייך. וועסט אים קענען אַריבערשווימען אויף אַ הילצערנער פּליטע. דערנאָך וועסטו קומען אויף א פעלד, וואו דו וועסט זען א שטוב. לעבן דער שטוב שטייט א בוים, וואָס זיינע בלומען זענען די ליכט, וואָס באַלייכטן דעם הימל. די שטוב איז די היים פון דעם שר דער-וואָס-האַלט-די-ערד.

„דו וועסט געפינען דעם שר ליגן אויף א געלעגער אין מיטן פון הויז. שטעל אוועק דעם קאָרב ביי זיינע פיס און זאָג „דו און איך מוזן חתונה האָבן". נעכטיק דאָרט איבער. אינדערפרי וועט ער דיך הייסן איינווייקן קאָרן און מאַכן א קאַשע. שטעל-צו א טאָפּ וואַסער אויפן פייער. ווען דאָס וואַסער קאָכט, טו-אַריין דעם קאָרן. ווען די קאַשע וועט זידן, וועט עז שפּריצן אויף דיינע הענט און פּנים. אָבער דו דאַרפסט זיך נישט אָפּקערן, אַפילו אַז עס בריט דיך. דו טאָרסט נישט קיין געשריי טון. ווען עס איז אָפּגעקאָכט, דאַרפסטו זאָגן: „די קאַשע איז פאַרטיק". דער שר וועט אַראָפּנעמען דעם טאָפּ פון פייער און אים אוועקשטעלן אָן א זייט. דערנאָך וועט ער זאָגן: „דו און איך מוזן חתונה האָבן".

צומאָרגנס, אַזוי גיך ווי די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט די יונגפרוי זיך געזעגנט, טראָגנדיק אויפן פּלייצע דעם קאָרב מיט ברויט. זי האָט געוואַנדערט אַ שטיק צייט. בשעת זי איז בעגאַנגען, האָט זי געהערט קולות רעדנדיק צו איר. איינמאָל האָט צפון-ליכט גערעדט צו איר. איינמאָל האָט דער פייער-דראַגאָן פון שטורעם גערעדט צו איר, בעטנדיק זי זאָל זיך אָפּשטעלן, אָבער זי האָט נישט געענטפערט. זי איז געגאַנגען ביז

זי איז געקומען צום טייך, וועלכן זי איז אריבער אויף א הילצערנער פליטע.

ווען די זון איז געווען הויך אין הימל, האט זי פאר זיך געזען א פעלד און פונוויטנס האט זי געזען א שטוב. לעבן שטוב איז געשטאנען א גרויסער הימל-בוים, וואס זיינע בלומען האבן באלויכטן די הימל-וועלט. זי איז אריין אין שטוב און זי האט געזען ליגן אויף א געלעגער דעם שר דער-וואס-האלט-די-ערד. זי האט אנידערגעשטעלט דעם קארב מיט ברויט לעבן אים און געזאגט, ווי איר פאטער האט זי געהייסן: „דו און איך מוזן חתונה האבן". דער שר האט גארנישט געזאגט.

זי האט איבערגענעכטיקט אין דער שטוב. צומארגנס באַגינען האט דער שר געזאגט: „דו מוזט צושטעלן א טאפ וואַסער אויפן פייער און ווען עס קאכט, טו-אריין קארן צו מאכן א קאשע. בשעת די קאשע וועט זידן און אויף דיר שפריצן און עס וועט דיך בריען, טארסטו נישט זיך אפרוקן, אויך נישט קיין געשריי טון".

די יונגפרוי האט געטון, ווי מען האט איר אנגעזאגט. זי האט געמאכט קאשע און ווען עס האט געזאטן און שפריצנדיק אויף איר, זי אפגעבריט, האט זי נישט קיין געשריי געטון. צום סוף האט זי געזאגט: „די קאשע איז אפגעקאכט. עס איז געטון". דער שר האט אראפגענומען דעם טאפ פון פייער און אים אוועקגעשטעלט אן א זייט. דערנאך האט ער פון איר קארב ארויסגענומען דאס ברויט און ער האט געזאגט: „געזונט מוזן איך און דו חתונה האבן".

נאכדעם ווי זי אפגעווען עטלעכע טעג אין דער שטוב פון שר דער-וואס-האלט-די-ערד, האט ער איר געזאגט, אז זי דארף זיך צוריקקערן א היים. ער האט פול געמאכט איר קארב מיט פלייש פון אלע מינים. ווען עס האט שוין אויסגעזען פול,

האָט ער דעם קאָרב געטרייסלט און דאָס פלייש איז אַראָפּגעפאַלן, אַזוי אַז עס איז געווען אָרט פאַר נאָך. זיבן מאָל האָט ער געטרייסלט דעם קאָרב און זיבן מאָל האָט ער אים אָנגעפילט. דאַמאָלט האָט ער איר אָנגעזאָגט, אַז אויף איר וועג טאָר זי נישט אָפּשטעלן זיך און נישט רעדן צו עמיצן; און אַז ווען זי קומט אַ היים, זאָל זי זאָגן די באַוואוינער, אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען די דעכער פון זייערע שטיבער און ביינאַכט וועט ער אַראָפּשיקן קאָרן, וואָס וועט אַריינפאַלן אין זייערע שטיבער און דער קאָרן וועט זיין חיונה פאַר זיי.

זי האָט גענומען איר קאָרב און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ווען זי איז געקומען צום טייך, איז זי אים אַריבער אויף אַ הילצערנער פליטע. אַרום מיטאָג־צייט האט זי געגרייכט איר היים. זי איז אַריין אין שטוב. דאָרט איז געזעסן די באָבע.

„איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט צוריק געקומען" — האָט געזאָגט די באָבע.

זי האָט דערציילט דער באָבען וועגן אַלצדינג, וואָס עס האָט געטראָפן און צום סוף האָט זי איר געזאָגט, אַז די באַוואוינער דאַרפן אַראָפּנעמען די דעכער פון זייערע שטיבער און עס וועט ביינאַכט אַריינפאַלן קאָרן.

דערנאָך איז זי געגאַנגען צום הויכן אָרט און זי האָט דערציילט איר פאָטער וועגן איר נסיעה און וועגן איר אויפהאַלט אין דער שטוב פון שר דער־וואָס־האַלט־די־ערד.

אין יענער נאַכט, ווען די פינצטערניש איז געקומען, האָבן די באַוואוינער געהערט דאָס גערויש פון קאָרן־רעגן, וואָס איז געפאַלן איבער זייערע שטיבער, אָן דעכער, אָפענע צום הימל. אינדערפרי האָבן זיי געזען דעם קאָרן אָנגעלייגט הויך, פול מאַכנדיק זייערע שטיבער און דער עלצטער פון די באַוואוי־

נער האָט געזאָגט: „אַצונד דאַרפן מיר היטן דעם קאָרן און אַ סך דאַנקען דערפאַר, וואָרים דאָס איז אַ מתנה פון דער שר דער-וואָכ-האַלט-די-ערד.״

באַלד איז זי ווידער געגאַנגען צו דער שטוב פון שר דער-וואָס-האַלט-די-ערד. דאָרט האָט זי זיך באַזעצט און אַ קינד איז געבוירן געוואָרן צו איר. דאָס קינד איז געווען אַ מיידל און איר נאָמען איז געווען שטויס-פון-ווינט.

איינמאָל איז דער שר שלאָף געוואָרן. אַ סך באַוואוינער פון דאָרף זענען געקומען אים מבקר-חולה זיין, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס זיין שלאָפקייט איז. בשעת ער איז געלעגן שלאָף, האָט ער געזען אַ חלום, אַז אַ סך חיות און זאַכן זענען געקומען צו אים, דער הירש, דער בער און דער ביבער, דער ווינט-וואָס-לויפט-פון-אָרט-צו-אָרט, דאָס טאָגליכט און די נאַכט — איינס נאָך דאָס אַנדערע זענען זיי געקומען. דאָס וואַסער-פון-קוואַלן איז געקומען. די באָב, דאָס קרויט, און די זונבלום איז געקומען. דער פייער-דראַגאָן איז געווען. די קאַטש-קע, די געלע האַמער-חיה איז געקומען. און ער, דער רופא*) איז געקומען.

אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגן אויפן געלעגער זייער קראַנק, ביז איינמאָל האָט אוואָרא באָריליס אים געזאָגט, אַז ער קאָן נישט געזונט ווערן, סיידן דער גרויסער הימל-בוים ווערט אונטערגעהאַקט. האָט דער שר באַפוילן, אַז דער גרויסער בוים זאָל אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען. ווען דער בוים איז אַרויסגעריסן געוואָרן, זענען אַלע באַוואוינער פון דאָרף געקו-מען און אַריינגעקוקט אין דער עפענונג, וואָס איז געוואָרן נאָכן אַרויסרייסן דעם בוים. מען האָט גאָרנישט געזען, אַ חוץ אַ

*) מיטן נאָמען רופא, אָדער מעדיצין-מאַן ווערט ביי טייל אינדיאַנישע שבטים באַצייכנט נישט נאָר אַ פריסטער, נאָר אויך גאָט, דער גרויסער ביישטאַ

גרינעם נעפּל. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אַריינגעקוקט, האָט דער שר אַריינגעקוקט און ער האָט באַפּוילן זיין ווייב אַריינצוקוקן.

נון, דער שר דער־וואָס־האַלט־די־ערד איז שוין דעמאָלט געווען נישט צופרידן מיט זיין ווייב. אַזוי גיך ווי זי איז געשטאַנען ביים ברעג פון דער עפענונג, האָט ער איר געגעבן דריי קאָרן־זאַנגען, אַביסל פלייש און דריי בינטלעך האָלץ און ער האָט געזאָגט צו איר: „זיץ ביים ברעג פון דער עפענונג". אַזוי האָט זי געטון. דאַן האָט ער געזאָגט צו איר: „בייג זיך אַריבער און קוק". אַז זי האָט אַזוי געטון, האָט ער איר פלוצים אַ שטויס געטון אין דער עפענונג אַריין! אַראָפּ, אַראָפּ איז זי געפאַלן מיט איר קינד שטויס־פון־ווינט אויפן פּלייצע.

אַ לאַנגע צייט איז זי געפאַלן. בשעת זי איז געפאַלן, האָט זי אַראָפּגעקוקט און זי איז געווען דערשטוינט צו זען אונטן אַ ליכט פון בלאָען קאָליר. דערנאָך האָט זי געזען אַזוינס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טייך אויפן אָרט, וואוהין זי איז געפאַלן.

עס איז נישט געווען צו זען אינערגעץ נישט.

אויפן טייך האָט זי געזען אַ סך קאַטשקעס און וואַסער פייגל פון אַלע מינים אַרומשווימען. און זי איז ווייטער געפאַלן.

מיטאַמאָל האָבן די וואַסער־פייגל אויסגעשריגן: „זעט נאָר! זעט נאָר! אַ פרוי קומט פון די טיפעניש פון וואַסער! זי פליט אַרויפצוצו!"

און קוקנדיק האָבן די אַנדערע געזאָגט: „אַזוי איז עס!"

אַביסל שפּעטער האָבן די וואַסער־פייגל גערופן: „קוקט אַרויף! זי קומט פון אויבן!"

און קוקנדיק האָבן די אַנדערע געזאָגט: „אַזוי איז עס!"

און דעמאָלט האָט איינער פון די פייגל געזאָגט: „עס

מוז זיין לאַנד אין די טיפענישן פון וואַסער. מיר מוזן געפֿינען עמיצן, וואָס וועט קענען טראָגן די ערד אויפן פלייצע״.

יעדעס פון די באַשעפענישן האָט זיך אָפּגערופן, אָבער קיינס פון זיי איז נישט געווען גענוג שטאַרק. צום סוף ד׳האָט מען אויסגעקליבן די טשערעפּאַכע. אַלע באַשעפענישן זענען אַרויף אויף איר פלייצע און זי האָט כּח געהאַט זיי צו טראָגן איבערן וואַסער. און אַזוי אַרום האָבן זיי געוואוסט, אַז זי איז גענוג שטאַרק צי טראָגן די ערד אויף איר רוקן.

איינס נאָכן אַנדערן האָבן די באַשעפענישן זיך געמיט אַרויפצוברענגען אַביסל ערד פון די וואַסער-טיפענישן. דער אָטער און דער ביבער און אַלע אַנדערע האָבן זיך געמיט און עס איז זיי נישט געראָטן. צום סוף האָט די מושקאַט-מויז פּראָבירט און ווען זי איז צוריק אַרויפגעקומען אויפן וואַסער, האָט זי געבראַכט אין איר מויל אַ ברעקל ערד. זי האָט עס אַרויפגעלייגט אויפן פלייצע פון דער טשערעפּאַכע. דערנאָך זענען אַסך מושקאַט-מייז אַראָפּ אין וואַסער און אַרויפגעבראַכט ערד, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער פלייצע פון דער טשערעפּאַכע. די טשערעפּאַכע האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און די ערד אויפן פלייצע פון דער טשערפּאַכע איז געוואָרן די ע ר ד.

דאַמאָלט איז אַ גרויסע צאָל וואַסער-פייגל אַרויפגעפלויגן צו באַגעגענען די פרוי, און פליענדיק ענג צוזאַמען, האָבן זיי זי מיטן קינד געבראַכט אויף דער ערד.

און דער נאָמען פון דער פרוי איז געוואָרן א ט ע נ ט ס י ק.

אַזוי ווי אַטענטסיק מיט איר קינד שטויס-פון-ווינט איז געשטאַנען אויף דער ערד, האָט די ערד אויפגעוּוירן און גרעסער געוואָרן, ביז אַרום איר איז געוואָרן אַ גאַנצע מדינה. זי און איר קינד האָבן דאָרט געוועבטיקט. אויף צומאָרגנס האָט זי געזען אַ קופּע האָלץ און אַ הירש און זי האָט געמאַכט פייער

און געבראָטן אַ טייל פֿון דעם פֿלייש.

דאָס קינד שטויס-פֿון-ווינט איז אויפֿגעוואַקסן צו אַ יונגפֿרוי און זי איז געוואָרן דאָס ווייב פֿון מערב-ווינט און צו איר זענען געבוירן געוואָרן צוויי קינדער, ייִנגלעך, וואָס זייערע נעמען זענען געווען יונג-בוים און קראַמען. ווען די צוויי ייִנגלעך זענען אויפֿגעוואַקסן, איז געווען צו זען, אַז כאָטש זיי זענען צווילינג-ברידער, זענען זיי אין גאָרנישט גלייך געווען. איינער האָט געוואונטשן דער ערד אַלע גוטע זאַכן; דער אַנדערער האָט געוואָלט שלעכטע זאַכן. אַזוי איז אויף דער ערד געקומען גוטס און שלעכטס.

דאָך, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, איז קראַמען, דער שלעכטער, געווען דער באַליבטער ביי איר באָבען, אַטענטסיק׳ זי האָט נישט ליב געהאַט יונג-בוים׳ען. זי האָט אים פֿאַרטריבן פֿון שטוב און בשעת קראַמען האָט געוואוינט ביי איר און זי האָט געזאָרגט פֿאַר אים, האָט יונג-בוים געלעבט אין דרויסן און פֿאַר זיך אַליין געזאָרגט. ווען די קינדער זענען עלטער געוואָרן, איז קראַמען אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און זיי האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט.

די ברידער האָבן זיך צוגעוויינט יעדן טאָג אַרומצוגיין דעם אינזל, די ערד, און יעדעסמאָל, וואָס זיי זענען אַרומגעגאַנגען, איז זי געוואַקסן גרעסער. ווען זי איז אויסגעוואַקסן זייער גרויס, האָט יונג-בוים געזאָגט: „מענטשן וועלן באַלד וואוינען דאָ״.

„פֿאַרוואָס זאָגסטו, אַז מענטשן וועלן באַלד וואוינען דאָ?״ — האָט געפֿרעגט קראַמען.

„איך זאָג עס דערפֿאַר, ווייל מענטשן וועלן באַלד וואוינען דאָ״ — האָט געזאָגט יונג-בוים

נאָכדעם האָט יונג-בוים אַ סך געוואָנדערט איבער דער ערד. עס זענען שוין געווען טייכן און בערג אויף דער ערד. ער האָט געמאַכט פייגל און חיות. באַלד האָט זיך דאָס זינגען פון די פייגל אומעטום געהערט, און עס זענען געווען אַ סך חיות. די ערד איז געוואָרן זייער אַ וואויל אָרט. אָבער קראַמע-נען זענען נישט געפעלן קיין גוטע זאַכן; ער האָט נישט ליב געהאַט צו הערן דאָס געזאַנג פון פייגל, אויך האָט ער נישט ליב געהאַט דאָס ברומען פון די חיות. איינמאָל האָט ער אַלע חיות אַריינגעטריבן אין אַ הייל אויף אַ הויכן באַרג און צו-געלייגט אַ שטיין, פאַרמאַכנדיק די עפענונג, אַזוי אַז זיי האָבן נישט געקענט אַרויס. ווען יונג-בוים האָט מער נישט געזען די חיות אַרומוואַנדערן, האָט ער זיך געוואונדערט און ער איז זיי געגאַנגען זוכן. ער איז אָנגעקומען צו דער הייל אויפן באַרג און דאָרט האָט ער געפונען די חיות. ער האָט שנעל אַוועק-געקיילט דעם שטיין פון דער עפענונג און ער האָט באַפרייט די חיות, זאָגנדיק: „גייט ווידער אַרום אויף דער ערד״.

ווען קראַמען האָט געזען די חיות, איז ער געלאָפן צו דער הייל און מיטן שטיין ווידער פאַרשטעלט די עפענונג. טייל פון די חיות זענען נאָך נישט געווען אַרויס און זיי זענען צוריק פאַרמאַכט געוואָרן דאָרט — און דאָרט זענען זיי פאַר-בליבן.

און אַזוי איז עס געווען, אַז וואָס יונג-בוים האָט געמאַכט עפּעס גוטס פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען צו וואוינען אויף דער ערד, האָט קראַמען זיך געמיט צוצושטערן. ווען יונג-בוים האָט באַשאַפן לאַסטשנדיקע שטראָמען, פרוכטבאַ-רע פעלדער און אַ סך פּירות, האָט קראַמען באַשאַפן שנעלע שטראָמען, וויסטענישן און דערנער.

איינמאָל זענען אַטענטסיק און קראָמען אַוועקגעגאַנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך די זון און די לבנה. צום סוף פון דריי טעג האָט יונג-בוים געזאָגט: „איך וועל גיין נאָך דער זון און דער לבנה און זיי צוריקברענגען. עס איז נישט גוט, אַז די מענטשן, וואָס דאַרפן באַלד באַוואוינען די ערד, זאָלן לעבן אין פינצטערניש".

יונג-בוים האָט געבעטן אַ צאָל חיות, אַז זיי זאָלן אים העלפן צוריקברענגען די זון און די לבנה — דעם פיש, דעם פוקס, דעם וואַשבער און אַ פּאָר אַנדערע. די געלע האַמער-חיה האָט געמאַכט דאָס שיפל פאַר דער נסיעה. ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן די רייזע, גייענדיק צו מזרח-צו. עס איז געווען אַ לאַנגער וועג. עס איז געווען נאַכט און די פינצטערניש איז געווען דיק. אָבער דערנאָך האָבן זיי געזען, אַז עס וועט באַלד זיין טאָגליכט און זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, וואו זיי זענען געגאַנגען. פאַר זיי איז געווען אַן אינזל, וואו עס זענען געווען הויכע ביימער און צוגעבונדן צו דער העכסטער צווייג פון דעם העכסטן בוים האָבן זיי געזען די זון. פיש האָט אַרויפגעקלעטערט צום שפּיץ פון דעם בוים, בשעת פוקס האָט געוואַרט אונטן. פיש האָט אָפּגעבונדן די זון און זי אַראָפּגעוואָרפן צו פוקס. פוקס, מיט דער זון אין מויל, איז געלאָפן אונטן און פיש איז געלאָפן איבער די בוים-שפּיצן.

באַלד האָט אַטענטסיק געזען וואָס עס האָט געטראָפן און זייענדיק שטאַרק אין כעס, איז זי נאָכגעלאָפן פיש און פוקס. פוקס איז געלאָפן און געלאָפן מיט דער זון אין מויל; ער איז געלאָפן, ביז ער איז געוואָרן זייער מיד און אָט, ווען אַטענט-סיק האָט אים שיער נישט געכאַפּט, האָט ער די זון אַ

וואָרף געשטון צו פיש. אויף די ביימער-שפּיצן, און ער האָט זי געכאַפּט אין מויל אַריין און געלאָפן מיט איר. אַטענטסיק האָט דאַן זיך געיאָגט נאָך פיש און ער איז געלאָפן, ביז ער איז געוואָרן זייער מיד און זי האָט אים שיער נישט געכאַפּט; דאַמאָלט האָט ער די זון אַראָפּגעוואָרפן צו פוקס, וועלכער איז געלאָפן אונטן. פיש איז אָנגעקומען צים אָרט, וואו זיי האָבן געהאַט געלאָזט דאָס שפּיל. ער איז אַראָפּ אונטן. נאָענט הינטער אים, איז געווען פוקס, האַלטנדיק אין זיין מויל די זון. זיי זענען אַריין אין שפּיל, לאָזנדיק הינטער זיך אַטענטסיק, וועלכע האָט זיי מער נישט געקענט נאָכיאָגן.

ווען זיי האָבן געבראַכט די זון, האָט יונג-בוים זי צוגעבונדן אינדערהויך. און ער האָט געזאָגט: „די זון זאָל געבן ליכט צו דער ערד, וואָרים איך וויל, אַז די מענטשן, וואָס וועלן באַוואוינען די ערד, זאָל זיין דורכאויס גליקלעך".

און זיי האָבן אויך צוריקגעבראַכט די לבנה און ער האָט זי אַריינגעפּאַסט הויך אין הימל, צו געבן ליכט ביינאַכט.

יונג-בוים האָט ווידער געוואַנדערט איבער דער ערד, וואָס איז שוין אָנגעברייט געווען פאַר דעם אָנקום פון מענטשן. לעבן אַ טייך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דאָרט האָט ער געמאַכט אַ מענטש; ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיין מויל און דער מענטש איז לעבעדיק געוואָרן און זיך גערירט. דער מענטש האָט געלעבט אין אַ וואַלד, וואו די פּירות פון די ביימער זענען געווען גרויס און דאָרט האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון אַ סך פייגל. אָבער ער איז געווען איינזאַם אין דעריבער האָט יונג-בוים באַשאַפן אַ ווייב. ער האָט אַריינגעבלאָזן אין איר מויל און אויך זי איז געוואָרן לעבעדיק.

אַלע די זאַכן האָבן יונג-בוימען אויסגעזען גוט.

יונג-בוים האָט דאַמאָלט פֿאַר זיך געבויט אַ שטוב ווייט אין מזרח, פֿון וואַנען די זון קומט אַרויס. דאָרט האָט ער געוואוינט און זיין נאָמען איז געוואָרן טאַ-און-יאַ-וואַט-האַ (דער האַלטער פֿון די הימלען).

א. צלמי

דער אָנהויב פון דער וועלט

לויט די אַלגאָנקווין־אינדיאַנער

גיטשע מאַניטאָ*) האָט געוואוינט אין דעם הימל און מיט אים האָט געוואוינט זיין דינער נאַנאַבאָדזשו**). גיטשע מאַניטאָ האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד; ער האָט געזען מענטשן און ווי הילפלאָז זיי זענען. האָבנדיק רחמנות אויף זיי, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אַראָפּצושיקן אויף דר׳־ערד זיין דינער נאַנאַבאָדזשו, זיי צו העלפן, אַז זיי זאָלן לעבן בעסער און גליקלעכער.

צו נאַנאַבאָדזשו האָט דער גרויסער גייסט געזאָגט: „גיי און טו גוט״.

און נאַנאַבאָדזשו איז געקומען אויף דער ערד און ער איז געבוירן געוואָרן ווי איינער פון אַ צווילינג, זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון דעם הויפּטמאַן.

---

*) דער גרויסער גייסט — גאָט.

**) אַנדערע אינדיאַנישע שבטים רופן אים מאַנאַבוש.

ווען נאַנאַבודזשו איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער געזען ווי אַלע האָבן מורא פאַרן גרויסן פיש און זיי דערוועגן זיך נישט צו גיין טרינקען צום וואַסער. ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו גיין פאַרטיליקן דעם גרויסן פיש. ער איז אַוועק צום ברעג פון טײַך און ער האָט גערופן צום וואַסער, אַז עס זאָל פאַרשווינדן. פיר מאָל האָט ער גערופן. פּאַמעלעך האָבן זיך די וואַסערן אַוועקגעקײַקלט, כוואַליע נאָך כוואַליע, ביז מען האָט בלויז געזען דעם קויט און דאָס זאַמד אויפן גרונט. דאָרט זענען געלעגן אַ סך פיש און אין מיטן צווישן זיי איז געלעגן דער גרויסער פיש, זייער אַלעמענס זיידע. אָבער גראָד, ווען נאַנאַבודזשו, מיט זײַן מעסער אין האַנט, האָט זיך געלאָזט צום גרויסן פיש, איז דאָס וואַסער צוריקגעקומען און דער גרויסער פיש איז אַוועקגעשוואומען.

דאַמאָלט האָט נאַנאַבודזשו גענומען אַ פלאַכטע האָלץ פון אַ בוים און געמאַכט אַ שיפל. ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט און פּאַמעלעך גערודערט צום גרויסן פיש. ער האָט שוין באַלד געהאַט דערגרייכט דעם מיטן פון טײַך, ווען פּלוצים האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן צו שלײַדערן און זידן און דער גרויסער פיש האָט צושטערט דאָס שיפל און נאַנאַבודזשו איז אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער. דאַן האָט דער פיש מיט איין שלונג אים פאַרשלונגען און אַראָפּ מיט אים צום אָפּגרונט פון טײַך.

נאַנאַבודזשו האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען אַ סך פון זײַן פאָלק, וואָס דאָס ריזיקע באַשעפעניש האָט פאַרשלונגען אין פאַרשיידענע צײַטן. דאָרט זענען געווען דער בער, דער הירש, די קראָ, די סאָסנע־וועווערקע און פיל אַנדערע. און די גאַנצע צײַט האָט די סאָסנע־וועווערקע געוואָרטשעט:

סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!
סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!

האָט געזאָגט נאַנאַבודזשו: „אַצונד וועלן מיר גיין צום ברעג פון מיין באָבען, די ערד-מוטער, אָבער כדי צו קומען אהין, מוזט איר מיר העלפן".

דאַן האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ מלחמה-טאַנץ, אינווייניק, אין גרויסן פיש. און די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן געטאַנצט, האָט די סאָסנע-וועווערקע געוואָרטשעט:

סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!
סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!

אַז אַזוי פיל האָבן געטאַנצט אינווייניק, אין גרויסן פיש, האָט עס אים געמאַכט זייער קראַנק; ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון און ער איז דעריבער געשוואומען צום ברעג. זייער שנעל איז ער געשוואומען. אָבער אָט האָט ער אויפגעהערט צו שווימען, ווארים ער האָט געגרייכט דעם ברעג. און דאַמאָלט האָט נאַנאַבודזשו זיך צוגעקריגן צום האַרץ פון ריזיקן באַשעפעניש און ער האָט אַריינגעלאָזט זיין מעסער. מיטאַמאָל האָט דער גרויסער פיש זיך אַ שליידער געטון און דערנאָך געבליבן ליגן שטיל. נאַנאַבודזשו האָט מיטן מעסער אויסגעשניטן אין דער זייט פון גרויסן פיש אַ לאָך, גרויס גענוג, אַז אַ מענטש זאָל קענען דורכגיין — און איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויס נאָך נאַנאַבודזשו: דער הירש, דער בער, די קראָ, די סאָסנע-וועווערקע און די אַנדערע. און די גאַנצע צייט האָט די סאָסנע-וועווערקע געוואָרטשעט:

סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!
סעק-סעק-סעק! סעק-סעק-סעק!

נאַנאַבודזשו האָט זיך אַצונד געפונען אויף זיין באָבעס

ברעג. אַלע די, וואָס זענען געווען אינווייניק אין פיש, זענען געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן זיך אומצוקערן, צו דער ערד און אַלע האָבן זיך געפרייט, וואָס ער האָט גע-טייט דעם גרויסן פיש.

א. אלמי

די גנבה פון פייער*)

נאַנאַבודזשו, בשעת ער איז נאָך געווען יונג, האָט געזאָגט צו זיין באָבע נאָקאָמיס: „באָבע, עס איז קאַלט און מיר האָבן נישט קיין פייער; לאָז מיך גיין צו קריגן פייער״.

נאָקאָמיס האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין, וואָרים עס איז געווען אַ לאַנגע און געפערלעכע נסיעה, אָבער נאַנאַבודזשו האָט אָפּגעמאַכט צו גיין. ער האָט געמאַכט אַ שיפל און ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האָז. ווען אַלץ איז פאַרטיק געווען, איז ער אַרויסגעפאָרן מיט זיין שיפל, שווימענדיק צו מזרח, אַנטקעגן די גרויסע וואַסער-ווענט. דער אַלטער מאַן, וואָס האָט געהאַט פייער און זיינע צוויי טעכטער, האָבן געוואוינט אויף אַן אינזל, אַריבער דעמדאָזיקן וואַסער.

עס איז געווען נאַכט, ווען דער האָז איז געקומען נאָענט פון אינזל. ער האָט איבערגעלאָזט דאָס שיפל און אַרויף אויפן ברעג. ער איז געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צום וויגוואַם**), וואו עס האָט געוואוינט דער אַלטער מאַן, וואָס האָט געהאַט פייער, און דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. באַלד זענען די טעכטער פון אַלטן מאַן אַרויסגעקומען פון וויגוואַם און זיי האָבן דערזען אויף דר׳ערד אַ קליין העזעלע, נאַס און געפרוירן. איינע פון די טעכטער האָט עס אויפגעהויבן און עס אַריינגע

---

*) פאַרגלייך מיט דער לעגענדע וועגן פראָמאָטעאוס, וואָס האָט געגנבעט פייער פון הימל. דאָס איז, אגב, נישט די איינציקע מעשה וועגן גנבענען פייער אין דער מיטאָלאָגיע פון די אינדיאַנישע שבטים.

**) אַן אינדיאַנישע וואוינונג.

טראָגן אין וויגוואַם. אין מיטן וויגוואַם האָט געברענט אַ קליין פייערל. דאָס מיידל האָט אַנידערגעלייגט דאָס העזל לעבן פייער, צו דערוואַרימען עס.

דער האָז איז געלעגן שטיל. און דערנאָך, ווען די מיידלעך זענען געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט און נישט געזען, האָט ער זיך צוגעשאַרט נענטער צום פייער. ווידער איז ער אַביסל געלעגן שטיל און דאַן האָט ער פּלוצים געוואָלט אַ כאַפּ טון אַ קויל פון צווישן די ברענענדיקע שטיקער. גראָד דאַן האָט דער אַלטער מאַן, וואָס צו אים האָט דאָס פייער געהערט און וואָס ער איז נאָענט דערביי געזעסן, האַלב־איינגעשלאָפן, געעפנט די אויגן און געזען וואָס דער האָז האָט געוואָלט טון.

„וואָס איז דאָס, וואָס איך האָב געזען ביים פייער?“ — האָט געפרעגט דער אַלטער.

די טעכטער האָבן געענטפערט: „עס איז אַן אָרים העזעלע, וואָס מיר האָבן געפונען אין דרויסן, קאַלט און נאַס, און מיר האָבן עס אַריינגענומען אַנצעוואַרימען און אויסצוטרוקענען“.

דער האָז איז ווידער געלעגן שטיל, ביז קיינער האָט נישט געזען און דאַן פּלוצים אַ כאַפּ געטון אַ ברענענדיק שטיק קויל און אַרויסגעלאָפן פון וויגוואַם, איילנדיק צום אָרט, וואו ער האָט געלאָזט דאָס שיפל. איינע פון די טעכטער האָט עס דערזען און געשריגן: „זעט נאָר! זעט נאָר!“ — — — —

דער אַלטער האָט זיך אויפגעכאַפּט און ער מיט די צוויי מיידלעך זענען נאָכגעלאָפן נאָכן האָז. אָבער דער האָז האָט דערגרייכט דאָס שיפל און אַריינשפּרינגנדיק דעריין, האָט ער עס אָפּגעשטופּט און אַוועק צו זיין באָבעס היים. בשעת ער איז געפאָרן, האָבן די ווינטן געבלאָזן דאָס ברענענדיקע שטיק האָלץ און עס האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעפלאַקערט, אַז עס האָט אָפּ־

נעבּרענט דעם האָזס פעל אויף עטלעכע ערטער.

ווען דער האָז איז אָנגעקומען אין זיין באָבּעס היים, האָט נאַקאָמיס גענומען דאָס פייער און עס אַוועקגעשטעלט אין אַ זיכער אָרט; דערנאָך האָט זי אויסגעשפּרייט אַ דעק פאַר אים, אַז ער זאָל זיך דערויף אַוועקלייגן.

נאַקאָמיס האָט געגעבּן דאָס פייער צו די דונערן און זיי האָבּן די השגחה איבּער דעם בּיזן היינטיקן טאָג.

נאָכדעם ווי נאַנאַבּוזשו האָט געגעבּן דאָס פייער צו די מענטשן, האָט ער זיך אָפּגעשיידט, אַוועקשווימענדיק אין זיין שיפל מיטן גרויסן וואַסער, צו דער אויפגייענדיקער זון. ער וואוינט אין דאָרף פון נשמות און פון דאָרט גיט ער ווייטער מתנות צו די מענטשן.

דער אָנהויב פון דער וועלט

לויט די אינדיאַנער פון גאָלף=ראַיאָן

(מעקסיקא)

אין אָנהייב האָבן אַלע געוואוינט אין דער הימל-וועלט און אונטן איז געווען בלויז וואַסער. עס איז געווען זייער געפּאַקט אין דער הימל-וועלט און די חיות האָבן געוואָלט מער אָרט. דאַיונסי, דער וואַסער-זשוק, איז אַראָפּ-געשיקט געוואָרן אונטן, זיך אַרומצוקוקן וואָס ער קאָן געפינען. אַ לאַנגע צייט איז ער אַרומגעשוואומען דאָ און דאָרט אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין אָרט, וואו צו רוען. צום סוף האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גרונט פון ים און אַרויפגעבראַכט אַ שטיקל קויט. דאָס-דאָזיקע שטיקל קויט איז געוואַקסן און זיך אויסגעשפרייט, ביז עס איז געוואָרן אַן אינזל. דאס איז געווען דער אָנהייב פון דער וועלט.

אזוי ווי דער אינזל איז געווען נאַס, איז ער געווען זייער ווייך. שפּעטער האָבן די חיות אַראָפּגעשיקט עטלעכע פייגל צו זען, אויב דער אינזל איז שוין טרוקן געוואָרן. דער וּשומזשער איז אַראָפּגעפלויגן, אַראָפּ, אַראָפּ איז ער געפלויגן, איבער דער גאַנצער ערד. ער האָט געזען, אַז די ערד איז נאָך אַלץ זייער ווייך, ער איז געוואָרן מיד. נידעריקער און נידעריקער איז ער געפלויגן און בשעת זיינע פליגל האָבן גע-פּאַכט, האָבן זיי געקלאַפּט איבער דער ערד און אומעטום, וואו זיי האָבן געקלאַפּט, איז געוואָרן אַ טאָל; און אומעטום, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, איז געוואָרן אַ באַרג. אַזוי זענען אויף דער ערד געוואָרן בערג און טאָלן.

אַזוי שנעל ווי די ערד איז טרוקן געוואָרן, זענען די חיות אַראָפּגעקומען פון דער הימל-וועלט. פינצטערניש איז גע-ווען אויף דער ערד. האָבן זיי געקריגן די זון און זי באַ-שטימט, אַז זי זאָל יעדן טאָג גיין פון מזרח צו מערב, איבער די קעפּ. אין אָנהייב איז די זון געווען צו נאָענט צו דער ערד און עס איז געווען זייער הייס און ביי טסיסקאַגילי, דעם רויטן קראָ-פיש, איז די הויט געברונצלט געוואָרן און זיין פלייש איז קאַליע געוואָרן, האָבן אים די טשעראָקיס*) נישט געקענט עסן. האָבן זיי די זון אויפגעהויבן העכער אין דער לופט, אָבער עס איז נאָך אַלץ געווען צו הייס. זיי האָבן די זון אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער. אַזוי האָבן זיי זי אויפגעהויבן זיבן מאָל, ביז צום אָרט, וואָס איז האַרט אונטערן הימל-געוועלב. דאַמאָלט איז שוין נישט געווען צו הייס און אַלצדינג איז געווען גוט און דאָרט האָבן זיי זי געלאָזט. יעדן טאָג גייט די זון פון מזרח צו מערב און קערט זיך ביינאַכט צוריק אויף איר אָרט.

*) אן אינדיאַנישער שבט.

די חיות און פלאַנצן האָט מען אָנגעזאָגט נישט צו שלאָפן און זיין אויף דער וואַכט זיבן נעכט. די ערשטע נאַכט זענען כמעט אַלע אויפגעווען. די צווייטע נאַכט איז אַ טייל איינגעשלאָפן און די זיבעטע נאַכט זענען אַלע געשלאָפן, אַ חוץ די וואַראַנע און דער פאַנטער און נאָך עטלעכע. און דערפאַר זענען זיי באַשאָנקען געוואָרן צו קענען זען בייַנאַכט און אַרומצוגיין אין דער פינצטער. פון די ביימער און פלאַנצן זענען בלויז די צעדער, די סאָסנע, דער יעלאָווע בוים, דער לאַרבערבוים און די פאַלמע געווען וואַך און זיי זענען געבענטשט געוואָרן צו זיין שטענדיק גרין.

צום ערשטן זענען חיות און פלאַנצן געמאַכט געוואָרן; נאָך זיי זענען געקומען די מענטשן. אין אָנהייב איז נישט געווען קיין פייער און די מענטשן און חיות איז געווען קאַלט. די דונערן האָבן געשיקט בליצן און געמאַכט פייער אין אַ בוים אויפן אינזל. די חיות האָבן געוואוסט, אַז דאָרט איז דאָ פייער, ווייל זיי האָבן געזען אַ רויך אַרויסקומען פון שפּיץ בוים. אָבער זיי האָבן נישט געקענט צוקומען צום אינזל צוליבן וואַסער. האָבן זיי געשיקט די פייגל, אַהין צופליען.

די קראָ איז געפלויגן. הויך אין לופטן איז זי געפלויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שפּיץ פון בוים. דאָרט האָט זי געוואַרט און געטראַכט וואָס ווייטער צו טון און בעת זי איז אַזוי געזעסן און געטראַכט, זענען אירע פעדערן שוואַרץ אָפּגעברענט געוואָרן פון דער היץ. ווען זי האָט דערזען, וואָס עס האָט געטראָפן, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז אַוועקגעפלויגן אָן פייער. און זינט דאַמאָלט זענען דער קראָס פעדערן שוואַרץ.

די קליינע, קוויטשנדיקע וואַראַנע איז דאַן געפלויגן צום אינזל. אויפן שפּיץ בוים האָט זי זיך געזעצט; אַראָפּקוקנדיק צום

פייער, האָט די הייסע לופט איר אַ שלאָג געטון און שיער נישט אויסגעברענט אירע אויגן און זי איז אַ היים געפלויגן אָן פייער. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז זי האָט געקענט גוט זען און ביזן היינטיקן טאָג זענען אירע אויגן רויט. די שרייענדיקע וואָראָנע און די האָרניקע וואָראָנע זענען באַבאַנד געפלויגן צום אינזל. אויפן שפּיץ בוים האָבן זיי זיך געזעצט און אַראָפּגעקוקט צום פייער, שמועסנדיק ווי צו קריגן עס. עס האָט פּלוצים אַ שלאָג געטון אַ וואָלקן רויך מיט אַש. דאָס אַש איז אַריין אין זייערע אויגן און געמאַכט ווייסע רעדער אַרום זיי. ווי שטאַרק זיי האָבן נישט געריבן, האָבן זיי נישט געקענט אַראָפּרייבן די רעדער און ביזן היינטיקן טאָג האָבן די שרייענדיקע וואָראָנע און די האָרניקע וואָראָנע ווייסע רעדער אַרום זייערע אויגן.

דאַן האָט די שוואַרצע שלאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט צום אינזל. זי האָט זיך אַוועקגעקנוילט צום בוים און אַריין אין אַ קליין לעכל פון שטאַם. זי האָט זיך געוויקלט אַרום דעם אַש און הייסע קוילן, ביז איר הויט איז געוואָרן געברונצלט און שוואַרץ. און זי איז אַוועק אָן פייער.

און עס איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין פייער און די ערד איז געווען קאַלט. צום סוף האָט די וואַסער־שפּין אַרויסגעלאָזט אַ שפּינוועבס און דערפון אויסגעשפּונען אַ טעלער, וואָס זי האָט צוגעבונדן צום רוקן און זיך אַראָפּגעלאָזט צום אינזל. זי האָט אין איר טעלער געבראַכט פון בוים איין שטיקל האָלאָוועשקע. און זינט דאַמאָלט האָבן מיר פייער און אויף דער ערד איז וואַרים *).

*) אויך בײַ ייִדן איז פֿאַראַן אַ לעגענדע, אין וועלכער די שפּין איז די טרעגערין פון פֿײַער — די שפּינען האָבן, לויט דער לעגענדע, געבראַכט פֿײַער צו פֿאַרברענען דאָס בית־המקדש.

די מויער צום הימל**)

(די טשאָוקטאָו-אינדיאַנער דערציילן וועגן „יענער צייט"):

איינמאָל האָבן מענטשן אויף דער ערד אַרויפגעקוקט צום הימל און זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס אויבן איז. האָבן זיי אָפּגעמאַכט אַרויפצוגיין און זען וואָס דאָרט טוט זיך. זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען אַ מויער פון שטיינער, וואָס זאָל דערגרייכן דעם הימל. ביינאַכט איז געקומען אַ ווינט פון אויבן און אַראָפּגעבלאָזן די שטיינער. אויף צומאָרגנס האָבן זיי געבויט אַן אַנדער מויער, נאָך העכער. ביינאַכט איז געקומען אַ ווינט און זי צעוואָרפן. נאָכאַמאָל האָבן זיי געבויט אַ מויער און נאָכאַמאָל איז געקומען אַ ווינט פון אויבן און זי איינגעוואָרפן. אינדערפרי, ווען די מענטשן האָבן געוואָלט רעדן איינער צום אַנדערן, זענען זיי איבערראַשט און דערשראָקן געוואָרן, וואָס זיי פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן. טייל האָבן נאָך גערעדט דאָס לשון פון די טשאָוקטאָוס; אַנדערע האָבן גערעדט פאַרשיידענע לשונות. טשאָוקטאָוס זענען פאַרבליבן דאָרט, וואו זיי זענען געווען און געוואָרן דער טשאָוקטאָו-שבט. די אַנדערע זענען צושפרייט געוואָרן, ווערנדיק אַלערליי שבטים. און דאָס איז פאַרוואָס עס זענען דאָ אַזוי פיל אינדיאַנישע שבטים איבערן לאַנד.

**) פאַרגלייך מיט דער ביבלישער דערציילונג פון דור-הפלגה.

דער אָנהויב פון דער וועלט

לויט די פּימאַן-אינדיאַנער

אין אָנהייב איז גאָרנישט געווען, וואו אַצונד זעענען דאָ ערד, זון, לבנה, שטערן און אַלצדינג, וואָס מיר זעען. פינצטערניש איז געווען. דאַן איז פון פינצטערניש אַרויס ערד-רופא, וואָס ער איז געפלויגן אויפן ווינט, אַרָאָפּ און אַרויף, דאָ און דאָרט, איז ער געפלויגן, אָבער ער האָט נישט געקענט געפינען קיין אָרט, וואו צו שטעלן אַ פוס. צום סוף האָט ער אַרויסגענומען פון זיין מאַנטל אַביסל שטויב און געמאַכט דערפון אַ קליין טייגל. דאַן האָט ער געזאָגט: „זאָל זיין אַ מין פלאַנץ". און פון טייג איז אַרויסגעוואַקסן אַביסל גרינס. אָבער דאָס טייגל איז נישט געווען פעסט און עטלעכע מאָל איז ערד-רופא אַראָפּגעפאַלן דערפון. צום סוף איז עס געבליבן רואיק און ער האָט געטאַנצט דערויף און בשעת ער האָט געטאַנצט, האָט ער געזונגען:

ערד-מכשף מאַכט די וועלט.
זעט, וואָס ער קאָן טון!
רונד און גלאַט מאַכט ער די וועלט,
זעט, וואָס ער קאָן טון!

ערד-רופא האָט געמאַכט דעם הימל, איבערצודעקן די ערד. און דאַן האָט ער געמאַכט פליגן. און ער האָט באַפוילן דער שפין צוצושפינען די הימל-ברעגן צו דער ערד און די ערד איז פאַרמאַכט געוואָרן אַרום מיט בלאָען הימל. און אַלצדינג, וואָס מיר זעען אויף דער וועלט — וואַסער, בערג,ביימער, גראָז און קרייטעכצער — האָט ער געמאַכט.

דאַן האָט ערד-רופא געמאַכט אַ כּלי און ער האָט געמישט וואַסער אין איר און דאָס וואַסער איז געוואָרן אייז. ער האָט אַרויסגענומען דעם ציגל אייז פון דער כּלי און ער האָט עס געוואָרפן צום צפון און עס איז געפאַלן צו אַן אָרט, וואו ערד און הימל זענען שטענדיק באַהאָפטן. דאָס אייז האָט אַרויסגעלויכטן און עס איז געוואָרן די זון. זי איז אויפגעגאַנגען אין הימל און דערנאָך צוריק אַראָפּגעפאַלן. ערד-רופא האָט זי גענומען און זי געוואָרפן צום מערב, וואו ערד און הימל זענען צונויפגענייט און ווידער איז זי אַביסל אויפגעגאַנגען אין הימל און אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זי געוואָרפן אַנטקעגן דרום, וואו זי איז אויפגעגאַנגען אַביסל און אַראָפּגעפאַלן. צום סוף האָט ער זי געוואָרפן אַנטקעגן מזרח, וואו זי איז אויפגעגאַנגען, ביז זי האָט געגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון הימל און דערנאָך פּאַמעלעך אַריבערגעגאַנגען און געזונקען אין מערב. און זי האָט שוין אַזוי געטון כּסדר יעדן טאָג. און ערד-רופא האָט געזונגען:

איך האָב געמאַכט די זון,
איך האָב געמאַכט די זון!

ווען די זון איז פאַרשוואונדן אין מערב, איז געוואָרן זייער פינצטער. ערד-רופא האָט געמישט נאָך וואַסער אין דער כלי און דאָס וואַסער איז געוואָרן אייז. ער האָט געוואָרפן דאָס שטיק אייז צום הימל און עס איז געפאַלן צום ברעג, וואו ערד און הימל זענען צונויפגעהאַפטן, און עס איז אויפגעגאַנגען אין הימל און עס איז געוואָרן די לבנה. ערד-רופא האָט ווידער געטאַנצט און געזונגען:

איך האָב געמאַכט די לבנה,
איך האָב געמאַכט די לבנה!

דערנאָך האָט ער מיטן מויל אַרויסגעבלאָזן וואַסער צום הימל און די טראָפּנס זענען געוואָרן שטערן. און ער האָט געזונגען:

איך האָב געמאַכט די שטערן,
איך האָב געמאַכט די שטערן!

ערד-רופא האָט געמאַכט אַלע מינים פייגל און קריכנדיקע זאַכן. ער האָט געמאַכט געשטאַלטן פון ליים, וועלכע ער האָט באַפוילן צו ווערן מענטשלעכע באַשעפענישן און זיי זענען געוואָרן מענטשן. אָבער ערד-רופא איז נישט צופרידן געווען און ער האָט געזאָגט: „איך וועל זיי פאַרטיליקן״.

ער האָט פאַרטשעפּעט דאָס הענטל פון זיין שטעקן אָן הימל און אים אַראָפּגעשלעפּט און ער האָט צושטערט אַלע מענטשן און אַלע לעבעדיקע זאַכן. דערנאָך האָט ער מיטן שטעקן געמאַכט אַ לאָך אין דער ערד און ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער עפענונג און ער איז אַרויסגעקומען אויף דער אַנדערער זייט פון דער ערד. פון דאָרט האָט ער גערופן צו דער זון און צו דער לבנה, זיי זאָלן אַרויסקומען פון די חורבות און זיי האָבן אים געפאָלגט. און דאַן האָט ער געמאַכט אַ נייעם הימל און נייע שטערן און נייע מענטשן.

דאַמאָלט האָט געזאָגט ערד־רופא: „איך וועל באַשאַפן אַזוינעם, וואָס זאָל מיר זיין אַ באַהעלפער". אַ קינד איז געבוירן געוואָרן צו דער ערד און ערד־רופא האָט אים גערופן „עלטערער ברודער". עלטערער־ברודער האָט באַשאַפן אַ מענטש און צו דעמדאָזיקן מענטש און דער טאָכטער פון דרום־רופא איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, וואָס האָט גאָרנישט געטון, בלויז געוויינט. זי האָט אַזוי פיל געוויינט, זי האָט פאַרגאָסן אַזוי פיל טרערן, אַז די ערד איז שיער דערטרונקען געוואָרן אין אירע טרערן. אָבער ערד־רופא האָט מיט זיין שטעקן ווידער געמאַכט אַ לאָך אין דר'ערד און ער האָט אַ טייל פון די מענטשן אַדורכגעלאָזט דורך דערדאָזיקער עפענונג צו דער אַנדערער זייט פון דער ערד און דאָרט האָבן זיי געוואוינט און געוואָרן דאָס פּימאַן־פאָלק.

א. אלמי

דער אָנהויב פון דער וועלט

לויט די אינדיאַנער פון דרום-קאַליפאָרניע און אָרעגאָן

אין אָנהייב איז די וועלט געווען אָנגעפילט מיט וואַסער און ערד-מאַכער איז געשוואומען אויפן וואַסער און ער האָט געהאַלטן אין איין שווימען. ער האָט געזוכט אַ ברעקל ערד, אָבער אינערגעץ האָט ער עס נישט געפונען. די ערד איז געווען, אָבער מען האָט זי נישט געקענט אָנזען — אַלץ איז געווען בלאָ ווי דער הימל. ער איז געווען שטאַרק באַקומערט און געזאָגט: „מיר איז אַ חידוש ווי, מיר איז אַ חידוש ווען, מיר איז אַ חידוש וואו — וועל איך געפינען אַ וועלט".

„דו ביסט זייער אַ שטאַרקער מאַן, אַז דו טראַכסט פון דערדאָזיקער וועלט" — האָט געזאָגט מדבר-וואָלף.

„ווען איך זאָל קענען אינערגעץ געפינען אַ ברעקל ערד, וואָלט איך עס געקענט צורעכט מאַכן" — האָט געזאָגט ערד-מאַכער.

ערד-מאַכער און מדבר-וואָלף זענען באַנאַנד געשוואומען, זוכנדיק די ערד און זינגנדיק לידער:

וואו, אַ, קליין-ערדעלע, ביסטו?
וואו, אַ, קליין-ערדעלע, ביסטו?

ער האָט געזונגען און געזונגען און צום סוף האָט ער געזאָגט: „איך האָב שוין גענוג געזונגען". און ער האָט געזאָגט צו מדבר-וואָלף: „זינג דו".

„איך קאָן נישט קיין איין ליד" — האָט געזאָגט מדבר-וואָלף, — אָבער ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען. ער האָט געזונגען:

וואו, אַ, ערד, ביסטו?
וואו, אַ, ערד, ביסטו?

ער האָט געזונגען און געזונגען און צום סוף האָט ער געזאָגט: „איך האָב גענוג געזונגען. איך בין מיד. זינג דו נאָכאַמאָל".

ערד-מאַכער האָט נאָכאַמאָל געזונגען:

וואו זענט איר, אַ, בערג?
וואו זענט איר, אַ, בערג?

ער האָט געזונגען און געזונגען. דערנאָך האָט ער אויפגעהערט און געזאָגט: „און מיר זעען נאָך אַלץ גאָרנישט. מיר דאַכט זיך, אַז קיין וועלטעלע איז נישטאָ אינערגעץ נישט".

זיי זענען ווייטער געשוואומען. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי דערזען עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פֿויגלס נעסט. „עס איז זייער קליין, — האָט געזאָגט ערד-מאַכער, — אָבער איך קאָן עס מאַכן גרעסער. אַ חידוש, ווי אַזוי איך וואָלט עס געקענט אַביסל אויסציִען".

ער האָט צוגעבונדן שטריק דערצו און עס געצויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו רויט-בריסטל*), וואָס האָט געמאַכט די נעסט: „זי

*) אַ פֿויגל מיט אַ רויט-באַפֿעדערטער ברוסט.

א. אלמי

און רויט-בריסטל האָט געזונגען:

אַמאָל-אַמאָל האָט רויט-בריסטל געמאַכט די וועלט,
געקלעפּט ערד צוזאַמען און געמאַכט די וועלט.

ער האָט געזונגען און זיין געזאַנג האָט געקלונגען זיס.
ווען ער האָט אויפגעהערט, האָט ערד-מאַכער געזאָגט:
אַזוי זאָלן מענטשן דערציילן פון דיר אין דער מעשה: „רויט-בריסטל ד'האָט געקלעפּט ערד צוזאַמען און געמאַכט די וועלט".

דערנאָך האָבן זיי אויסגעצויגן די וועלט נאָך אַביסל.
ווען עס איז געטון געוואָרן, איז רויט-בריסטל אַוועקגעפלויגן.
מדבר-וואָלף איז אַוועק צו מזרח-זייט און ערד-מאַכער האָט אַרומגעוואַנדערט, כדי צו זען, אויב די ערד, וואָס ער האָט געמאַכט, איז גוט. ערד-מאַכער האָט געמאַכט מענטשן, ווייסע מענטשן און שוואַרצע מענטשן, און ער האָט זיי באַזעצט אין פאַרשיידענע ערטער. און ער האָט געזאָגט: „דאָ זאָלט איר וואוינען און איר זאָלט האָבן קינדער און זיי זאָלן האָבן קינדער — און אינגיכן זאָלן זיין אַ סך מענטשן". ער איז ווייטער געגאַנגען, זינגענדיק בשעת גיין, ביז ער איז געקומען אין מיטן פון דער ערד און דאָרט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און דאָרט איז ער פאַרבליבן.

ביבליאָגראַפיע

עגיפטן

William Lawrence Balls: Egypt of the Egyptians
Donald A. Mackenzie: Egyptian Myth and Legend
Oskar Walf: Spaetantike and Koptische Stoffe aus Ägyptischen Grab
Karl Oppel: Das alte Wanderland der Pyramiden
Gustave Jequier: Histoire de la civilisation egyptienne
T. I. Lauth: Der Prinz Ptah-hotop
T. Myer: The Oldest Books in the World
Budge (Sir Ernst A. T. Wallis): Egiptian fairy tales
„ „ „ Osiris and the Egiptyan Resurrection
„ „ „ The Book of the Dead
Roeder: Pharao Achnaton von Amarna
Alexandre Moret: Kings and Gods of Egypt

אינדיע

Sita Nath Pradhan: Chronology of ancient India
P. G. Maffei: Le istorie dell Indie
Swami Vivekanada: Vedanta Philosophy
G. B. Keith: Who are the Hindus?
Alfred Hillerbrandt: Lieder des Rigveda
The Sacred Books of India
Alfred Hillerbrandt: Vedische Mythologie
Sir Edvin Arnold: The Song Celestial
Annie Besant: Four Great Religions

יאפאן

G. W. Knox: The development of religion in Japan
J. M. Martin: Le shintoisme, Religion nationale
Kogoshui: Gleamings from ancient stories
B. H. Chamberlain: The Kojiki
Karl Florenz: Die Religion der Japaner

א. אלמי

אינדיאנער — אמעריקע

Dr. Washington Matthews: Navaho Legends
E. A. Smith: Myths of the Iroquois
J. N. B. Hewitt: Iroquoian Cosmology
E. G. Squiers: (in) American Journal of Science and Arts
J. W. Powel: Sketch of the Mythology of the North American Indians

פון דעם אייגענעם מחבר:

די צווייטע עקסיסטענץ

ביי די ראַנדן (לידער)

אין עליאַשס קיניגרייך (לידער)

פאַר די ליכט (לידער)

די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע

יידישע פאָלקס=מעשיות פון 1863

די רייד פון בודאַ

מענטש און וועלט (עסייען)

הומאָריסטישע שריפטן (אין צוויי בענדער)

באנד 1. פאַראָדיעס

באַנד 2. הומאָרעסקעס

אין פאָרברייטונג:

דער נביא פון איראַן (זאַראַטוסטראַ)

גילגאַמעש (דער עפּאָס פון בבל)